STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03438

GOTS HINT

Sergei Zaiaitskii

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס. זאיאַצקי

גאָטס הינט

(אַ דערציילונג וועגנ דזשאָרדאַנאָ ברונאָ)

פאַר מיטעלע אונ עלטערע קינדער

פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1934

Printed in Soviet Union

I

טײל

1. די זעגלשיפ „אלבאטראָס" און דער פודל.

דאָס יאָר 1575.

איבערנ הימל פונ איטאליע איז אופגעגאנגענ די אווגוסט־זונ. ליגנדיק ווי א קאָלאָסאלער רויטער באלאָנ אפנ שפיצ פונ בערגל, האָט זיכ די זונ אזוי ווי געפעשטשעט נאָכנ שלאָפ און געקלערט, צי זאָל זי זיכ לאָזנ אינ וועג איבערנ בלויענ רוימ, און עפשער האָט זי סטאמ אָנגעקוואָלנ פונ דעמ זעלטענעמ בילד, וואָס זי האָט אליינ באשײַנט.

און קוועלנ איז געווענ פונ וואָס.

איבער די זײַטנ פונ די בערגלעכ האָבנ זיכ געדרויטלט ווײַנ־גערטנער. ווי א לעגענדארע זעונג, איז ארויסגעטראָטנ פונעמ ראָזנ נעפל די שטאָט נעאפאָל. ווי א וואָלקנ, האָט זיכ געלאָזט מערקנ דער וועזוווי, און דאָרטנ, ווי ווײַט דאָס אויג האָט געקאָנט באנעמענ, האָט זיכ אויסגעשפרייט אומבאוועגלעכ די ראכוועס פונעמ מיטלענדישנ יאמ און עס האָבנ געבלויט ווי א לײַכטער פאס די ברעגנ פונעמ אינדזל קאפרי. קיינ איינ בלעטעלע, קיינ איינ גרעזעלע, קיינ איינ ריטשקעלע האָט זיכ ניט גערירט. אלצ איז געווענ פארגליווערט, ווי קלײַבנדיק קויכעס פארנ נײַעמ טאָג.

און אפילע דער יונגערמאנ, וואָס האָט זיכ, אפאָנעמ, שטארק געײַלט קיינ נעאפאָל, האָט זיכ אָפּגעשטעלט אינ מיטנ וועג און איז געשטאנענ אומבאוועגלעכ, קוקנדיק אינ דער יאמ־ווײַטקײַט. זײַנ באגלייטער, א שווארצער פודל, האָט זיכ אויסגעצויגנ אינ ווײַסנ שטויב פונ וועג, קוקנדיק פריילעכ אפ דער זונ פונ אונטער די האָר, וואָס איז אימ אראָפּגעהאנגענ איבער די אויגנ.

דער יונגערמאַנ האָט געשײַנט צו זײַנ זײער שטאַרק אונ געזונט. ער איז געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט די הוילע מוסקלדיקע הענט אינ די זײַטן, אונ האָט זיך געכמורעט, קוקנדיק אינ דער װײַט. ער האָט, אפּאָנעם, ניט גלאַט אַזױ אָנגעקוואָלן פונ דער גרענעצלאָזער לאַזור־בלױקײַט. זײַנע שוואַרצע אױגנ האָבנ עפּעס אױטגעקוקט פאַרשנדיק דאָרטן, װוּ עס האָט געדאַרפט זײַנ דער האָריזאָנט. דערװײַל האָט זיך דאָרטנ אױסגעשפּרײט דער הױלער בלאָער אָקעאַנ, נאָכ ניט צעטײלט אפּ הימל אונ יאַם.

טריט באַם שײדװעג האָבנ אים געצװוּנגענ ארומצוקוקנ זיך. דער פּודל האָט אױכ אױפגעהױבנ דעם קאָפּ. ער האָט אַרױסגעשטעקט זײַנ צונג אונ אַ קוק געטאָן אפּנ װעג. קײנ מענטש האָט מענ נאָכ ניט געזען. אָבער מע האָט געקאָנט הערנ, װי ער פײַפט אונטער אַ לידל, — אײנס פונ יענע איטאַליענישע לידלעכ, װאָס װעגנ זײ קאָנ מענ בעשומױפּנ ניט זאָגנ, צי זײ זײַנענ אומעטיקע אָדער פרײלעכע, װײַל אומעט אונ פרײד בײַטנ זיך קעסײדער אינ די לידלעכ. דער פּודל האָט אָנגעהױבנ דרײענ מיטנ װײדל אפּנ שטױב: װײַזט אױס, ער האָט דערקענט אַ באַקאַנטנ. אַ הױכער ברײטפּלײציקער מאַנספּאַרשױנ אינ אַ רעגנמאַנטל איז אַרױס אפּנ שײדװעג. ער האָט דערזענ דעמ יונגנמאַנ אונ זיך אָפּגעשטעלט.

— ריבעלאָ! — האָט ער אױסגעשריִענ — װוּהינ, באָכער?

ריבעלאָ האָט אױסגעשטרעקט דעמ מאַנספּאַרשױנ די האַנט.

— אונ װוּהינ גײסטו, דזשוליאָ?

— איכ גײ פונ נעאַפּאָל צום טײַװל אינ מױל אַרײַנ!

— אונ איכ גײ פונעמ טײַװלס מױל קײנ נעאַפּאָל!

דזשוליאָ איז, װײַזט אױס, געװענ פאַרכידעשט פונ אַזאַ ענטפער.

— נו, אױב דו גײסט שױנ פונ דאָרטנ, — האָט ער געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקנ געלעכטער, — איז באַװײַז מיר דעמ סאַמע קורצנ װעג אַהינצו. װוּ־זשע איז עס, דעמ טײַװלס מױל?

ריבעלאָ האָט אָנגעװיזנ מיט דער האַנט אפּ די װײַנגערטנער.

— אומעטום, װוּ דו װילסט. דאָרטנ, אונ דאָרטנ...

— נישקאָשע פונ אַ מױל האָט דער מענטשנ־פײַנט. נײנ, אפּ אַנ עמעס, װוּהינ שפּאַנסטו, באָכער? װי האָט עס דײַנ טאַטע דיכ אָפּגעלאָזנ זיכ אַרומשלעפּנ אינ דער אַרבעטצײַט?

— איכ ... מײַנ טאַטנ גאָר ניט געפרעגט.

— טע-טע! ווידערשפּעניקסט, ריבעלאָ, דעם טאַטנס קלעפּ האָבן דיר דערעסן?

— איך וויל פּאַרדינענע געלט, דזשוליאָ.

— און צוליב דעם גייסטו קיין נעאַפּאָל?

— איך וויל כאַטשע האָבן, דזשוליאָ.

— איך ווייס. מיט לויזען. לויזע איז שיין, אָבער איר מאַמע איז אַ מאַכשייפע.

— איך וויל דאָך ניט כאַטשע האָבן מיט איר מאַמען. פאַר-שטייסט... מע דאַרף האָבן געלט.

— און דער טאַטע גיט ניט, פאַרשטייט זיך...

— איך וויל האָבן אייגן געלט.

— איז צוליב דעם, הייסט עס, גייסטו קיין נעאַפּאָל מיט ליי-דיקע הענט?

דזשוליאָ האָט אַ מאַך געטאָן מיטן ליידיקן זאַק און אַרויסגע-שלעפּט פון קעשענע אַ הויפן מאַטבייעס. דער זילבער האָט אויש אַ גלאַנץ געטאָן אויף דער זון.

— די פּאַרפּלוכטע שפּאַניער לאָזן אַרויס פאַרדאָרבן געלט,— האָט דזשוליאָ געזאָגט, צוזעענדיק ווי ריבעלאָ קוקט מיט קינע אויף די מאַטבייעס,— צום זילבער מישן זיי צו אַלערליי מיכט, קעדיי אָנצושטאָפּן זייערע קעשענעס מיט געלט. און פונדעסטוועגן איז דאָס געלט, ריבעלאָ.

— און דו טראָגסט עס פון נעאַפּאָל?

דזשוליאָ האָט צוגעוווּנקען.

— דו האָסט געגראָבן ערד, באָכער?

ער האָט עס געזאָגט אַזוי סוידעספול, אַז ריבעלאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט וווּנדער.

— איך זאָג דיר: גראָב די ערד... וואַרט אויף. צוליב וואָס גייסטו פאָרט קיין נעאַפּאָל?

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט ריבעלאָ אָנגעוויזן אויף דער יאַם-ווייט-קייט. דער האָריזאָנט איז איצט געווען קלאָר קאָנטיק, און באַם סאַמע ברעג זיינעם האָט זיך עפּעס געוויסלט, ווי אַ זייער גרויסע מעווע.

— זעסט?

— איך זע! אַ זעגלשיף!

— א זעגלשיפ... אינ א שאָ ארומ וועט זי זײַנ אינ נעאפּאָל. דער ווינט האָט זיכ שוינ אופגעהויבנ... נו, אונ ווענ א זעגלשיפ, אונ נאָכ אזא ווי די, קומט ארײַנ אינ אזא פּאָרט ווי נעאפּאָל, איז קלאָר, אז מע דארפ זי אויסלאָדנ, ווײַל זי שלעפּט זיכ דאָכ ניט אהער מיט א ליידיקנ בויכ. נו, אונ קעדיי אויסצולאָדנ זי, דארפ מענ האָבנ הענט. אונ הענט — אָט זײַנענ זיי.

ריבעלאָ האָט מיט פארגעניגנ אויסגעשטרעקט זײַנע געזונטע הענט.

— די ארבעט בעט זיכ צו אזויגע הענט! — האָט ער גע־זאָגט מיט נאַיווער זעלבסטצופרידנקײַט.

דזשוליאָ האָט מיט צווייפל א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ.

— עפּשער פארקערט? עפּשער בענקענ די הענט נאָכ ארבעט?.. איבריקנס, איכ ווייס, אז דו ביסט א באָכער אנ אקשנ, אונ איכ וועל דיכ ניט אײַנריידנ. דו וועסט מיר סײַווי ניט גלויבנ אונ וועסט מיכ ניט פאָלגנ. היט נאָר דײַנע ריפּנ... ריפּנ דארפ מענ האָבנ צו דער ארבעט. אויב מע וועט דיר צעהאקנ די נאָז, איז דאָס נאָכ א קנאפּע צאָרע... נו, הייסט עס, אזוי... גיי, גיי קיינ נעאפּאָל. דאָרטנ ווארט מענ אפ דיר, מאמעש מע קאָנ זיכ ניט דערווארטנ...

דזשוליאָ איז אוועק מיט זײַנ וועג, הויכ לאכנדיק פונ זײַנ כאָכ־מע. ריבעלאָ האָט א קוועטש געטאָנ מיט די פּלייצעס, צוגערופנ דעמ הונט אונ זיכ געלאָזנ גייג ווײַטער, ווארפנדיק א קרומענ בליק אפנ יאמ.

די געגנט האָט איצט גאָר געענדערט איר אויסזענ. דער נעפּל איז ווי ניט געוואָרנ. נעאפּאָל האָט מענ געקאָנט זענ קלאָר, די קלענסטע קלייניקײַטנ זײַנע. דער וועזוווי איז פונ א וואָלקנ געוואָרנ אנ עכטער בארג מיט א לײַכטנ רויכל איבערנ שפּיצ, אונ דער יאמ איז געוואָרנ בלאָער. פונ אזא הייכ האָט דער יאמ אויסגעזענ, ווי אומבאוועגלעכ פארגליווערט, אָבער א ווארעמער ווינט האָט שוינ געפּײַפט אינ די אויערנ, אונ מע האָט געקאָנט באטראכטנ די אָנגע־בלאָזענע זעגלענ פונ א ריזיקער שיפ מיט פיר מאסטבוימער.

ריבעלאָ האָט ניט ווילנדיק גענומענ שטעלנ גרעסערע טריט, ווי ער וואָלט האָבנ מוירע, די זעגלשיפ זאָל ניט קומענ פריער פאר אימ. דער פודל האָט פריילעכ געשפּרונגענ אפנ וועג, זיכ יאָגנדיק נאָכ פויגלענ אונ יאשטשערקעס. די זונ האָט שוינ גוט צוגעבאקנ רי־

בעלאָס הוילן האַלדז, ריבעלאָ האָט עס ניט געאַרט. די זון האָט אים געוואַרעמט, אָבער ניט געברענט.

דער נעאַפּאָלער פּאָרט איז געווען פול מיט מענטשן.

דעם פרימאָרגן האָט מען זיך געריכט אפ דער ריזיקער שפּאַנישער שיפ מיטן נאָמען „אַלבאַטראָס“, און אַ גאַנצע אַרמיי הונגעריקע האַלב-נאַקעטע מענטשן האָט זיך געשטופּט אין האַפן, אַרײַנקוקנדיק מיט כניפע אין די אויגן פון די וואַזשנע פּאָרט-אופזעער.

אין האַפן זײַנען אַרומגעגאַנגען שטאָלצע שפּאַנישע סיניאָרן אין בונטע קאַפּטאַנעס, מיט לאַנגע בערד, נאָכמאַכנדיק זייער הער, — דעם ברוטאַלן הערצאָג אַלבאַ.

די האַלב-נאַקעטע מענטשן האָבן געקוקט מיט טעמפּער פאַרוווּנדערונג אפ דער לוקסוס-קליידונג פון די רײַכע לײַט, וועלכע האָבן דעמלט ליב געהאַט זיך קליידן אין סאַמע מעשונעדיקע פילפאַרביקע צירונגען — פעדערן, פּעלערינעס, גענייטע מיט גאָלד, קאָלירטע זאָקן און אַנדערע באַפּוצונגען. אין דעם פראַט האָבן זיי זיך געסטאַרעט איבערצושטײַגן איינער דעם צווייטן אין לוקסוס. נאָך די סאַמע רײַכע האָבן זיך געצויגן אויך מענטשן מיט אַ מיטעלן פאַרמעגן, אויספּײַנענדיק זיך מיט פּונקט אַזוינע בונטע, אָבער פיל גרעבערע און לעפּישע צירונגען.

דאָס אַלץ האָט געשאַפן זייער אַ בונט און אַ פאַרביק בילד, און דאָס גאָלד און זילבער האָבן ווי פײַער געברענט אפ דער זון.

„אַלבאַטראָס“ האָט זיך שוין געווײַזט אין זײַן גאַנצער פראַכט אפ דער בלויקײַט פון יאַם, און עס האָט געשײַנט, אַז ער ווערט אַלץ גרעסער, וואָס נעענטער ער קומט אָן. מע האָט שוין געקאָנט זען די מאַטראָסן, וואָס גייען אַרום איבער די זעגל-שטאַנגען.

— נאָר הערט, כעוורע, — האָט געזאָגט אַ לאַנגער טרעגער, אַ הוילער ביז העלפט, — ניט צונעמען קיין איין גײַעם!

— קלאָר, אַז קיינעם ניט, — האָט אַרום אים אַ ברום געטאָן אַ האַמויִן פּונקט אַזוינע שוואַרצע מאָגערע מענטשן, — אַלע גײַען — צום טײַוול!...

— די הײַליקע אַגנעסע זאָל זיי פּלעטן דעם מויעך, אויב זיי וועלן ווידער אַרײַנשטעקן זייערע פּאַסקודנע נעזער אַהערצו... קיין שום גײַע!... פאַר אונדז אַליין קלעקט ניט קיין אַרבעט!

— צום טײַוול!

— צו אַלדי רוכעס!

— אינ די צײנער!

די אײַנוווינער פונ נעאפּאָל צעהיצנ זיכ לײַכט אונ רעגנ זיכ גיכ אופ. קײנער האָט נאָכ ניט געקלערט אָפּצושלאָגנ בא זײ זײער ברויט, אונ זײ האָבנ שוינ אזוי געשריִענ, אזוי געפּאָכעט מיט די פויסטנ, ווי עמעצער, אויסער זײ, וואָלט ניט אנדערש געוואָלט זיכ א גראָב טאָנ אינ דעמ טונקעלנ געראָימענ שויס פונ „אלבאטראָס".

די אָנגעברויגעזטע אופוועֶר האָבנ גענומענ ארומגײנ צווישנ די טרעגער, מאכנדיק צווישנ זײ אָרדענונג.

נאָבעלע הערנ, באזונדערס דאמענ, האָבנ מיט א געוויסער אומרו געקוקט אפנ הונגעריקנ, נאקעטנ ערעווראוו. פונ אזוינע מענטשנ האָט מענ שטענדיק געקאָנט זיכ ריכטנ אפ עפּעס וואָס. פּונקט, ווי דער וועזוווי רויכערט פרידלעכ זײַנ פּיפּקע, אונ פלוצעמ נעמט ער שיטנ אש אונ פארגיסנ מיט לאווע די גאנצע געגנט, אזוי זײַנעֶנ אויכ אָט די מענטשנ, זײ זיצנ אונ קוקנ אפנ יאמ, באָדנדיק זײערע פיס אינ ווארעמענ וואסער, אונ פלוצעמ קאָנענ זײ נעמענ אופטרענענ די אטלאסנע קאמזוילנ. ווער ווײסט זײ!

אונ די הײלע מענטשנ האָבנ נאָכ אלצ געטומלט אונ געליארעמט, אונ וואָס נעענטער די זענלשיצ איז צוגעקומענ, אלצ מער האָבנ זײ געליארעמט:

— מיר וועלנ ניט לאָזנ קײנ נײַע! — האָבנ זײ געשריִענ.

אינ דעמ מאָמענט האָט זיכ אינ האפנ באוויזנ ריבעלאָ מיט זײַנ פּודל.

— וואָס איז דאָס פאר א פויגל? — האָט עמעצער א געשריי געטאָנ, דערזעענדיק, אז ריבעלאָ לאָזט זיכ גײנ צומ פאָרשטײער פונ דער שיפּ־קאָנטאָר, וואָס ווערבירט טרעגער.

— דאָס איז ריבעלאָ, א פויערשער באָכער, פּיעטראָ סקאָציס זונ.

— יאָ, אונ מיט אימ איז זײַנ הונט וווּלקאנ.

— צי מײנט ער אָקאָרשט ניט אויסלאָדנ דעמ „אלבאטראָס"?

— די פויערימ שלאָגנ בא אונדז אָפּ אונדזער ברויט. זײ איז ווייניק זײערע ווײַנגערטנער אונ סעדער...

— שלאָג אימ! טרײַב אימ!

דער האמוינ האָט זיך א לאָז געטאָנ אפ ריבעלאָנ מיט א דראָענדיקנ געמורמל.

דער פאָרשטייער פונ דער קאָנטאָר, א קליינ געפּאקט מענטשל, איז, ווײַזט אויס, געוועג אופגערעגט פונ דער געשעעניש. ער האָט געוווּסט, ווי היציק עס זײַנענ די הונגעריקע אײַנוווינער פונ נעא־פּאָל, אונ ער האָט גאָר ניט געוואָלט קריגנ זיך מיט זיי איבער עפּעס א פויער.

— אוועק פונדאנענ, דו פויער! — האָט ער א געשריי געטאָנ, ווי מעגלעכ העכער, קעדיי אלע זאָלנ אים דערהערנ.

ריבעלאָ האָט זיך די ערשטע מינוט פארלאָרנ, אָבער נאָכדעם האָט זײַנ דאָרעמ־בלוט אים א שלאָג געטאָנ צום קאָפּ. ער איז רויט געוואָרנ אונ האָט א בליצ געטאָנ מיט די אויגנ.

— פרעג פריִער, וואָס איכ דארפ, אונ נאָכדעם שרײַ אינ דײַנ ווײַטנ האלדז ארײַנ! — האָט ער א געשריי געטאָנ פונקט אזוי הויכ:

— וואָס? ! אָט וועל איכ דיכ!...

אונ דער גראָבער האָט אים מיט קאס א פּאָכע געטאָנ מיטנ שטעקנ.

אָבער אינ דעמ מאָמענט האָט זיך דער פּודל א וואָרפּ געטאָנ, ווי א שווארצער בליצ אונ זיך אײַנגעביסנ אינ דער גראָבער פוס, אײַנגעצויגענער מיט א זײַדענעמ זאָק.

פונ אומדערוואַרטקײַט האָט זיך דער גראָבער אויסגעצויגנ אפ דער ערד, שרײַענדיק מיט אלע קויכעס.

די אופזעער אונ די וועכטער האָבנ זיך געלאָזט לויפנ אהינצו. די טרעגער, עקספּאנסיווע ווי אלע דאָרעמ־אײַנוווינער, האָבנ ניט געקאָנט אויסהאלטנ אזא קאָמישע סצענע, ווי דער פּודל ווארפט אומ דעמ דיקנ אופזעער, אונ האָבנ אויסגעבראָכנ אינ א הילכיקנ געלעכטער, כאפּנדיק זיך פאר די זײַטנ. צוויי וועכטער האָבנ דערווײַל אָנגעכאפּט ריבעלאָנ פונ הינטנ. אָבער ער האָט זיך אויסגעדרייט. איינעמ האָט ער א קלאפּ געטאָנ מיטנ פויסט אינ די ציינ, א צווייטנ אינ ברוסט. ער האָט פארשטאנענ, אז ער האָט פארשפּילט, אונ האָט זיך געלאָזט לויפנ ווי ער האָט געקאָנט, איבער די קרומע גאסנ. אינ אלע פענצטער האָבנ זיך באוויזנ פיזיאָנאָמיעס פונ אײַנוווינער, באלאָנימ אָנצוקוועלנ פונ א סצענע. ייִנגלעכ האָבנ געפּײַפט, עמעצער האָט געשריִענ „האלט”. ווולקאנ האָט זיך געטראָגנ

אזוי געשווינד, ווי ריבעלאָ, אריבערשפרינגענדיק ווי א פילקע איבער רינשטאָקנ אונ לוזשעס, וואָס זײַנענ דאָ געווענ זייער פיל: נעאפּאָלער באלעבאָסטעס קימערנ זיכ ניט אונ גיסנ ארויס די פאמויניצעס גלײַכ אפ דער גאס.

אפנ שייר־וועג, ווי מע פארקערט אינ א פינצטער קרומ געסל, איז ריבעלאָ פלוצעמ ארופגעפלויגנ אפ א גוט־געקליידעטנ ברייט־פלייציקנ סיניאָר. דער סיניאָר האָט באקומענ א קלאפּ, אָבער ער איז דאָכ געבליבנ שטיינ אפ די פיס; ער האָט זיכ אויסגעזידלט אונ אָנגעכאפּט ריבעלאָנ מיט זײַנ האנט, ווי מיט א צוואנג. וואָלקאנ האָט זיכ געקליבנ א וואָרפ טאָנ אפנ אומבאקאנטנ. אָבער ער האָט באקומענ אזא בריק מיט דער פוס אינ בויכ, אז ער האָט נאָר טרויעריק א קוויטש געטאָנ אונ איז אָפּגעפלויגנ אפ עטלעכע טריט.

אָבער ווענ דער סיניאָר האָט דערלאנגט דעמ הונט א בריק, האָט ער זיכ פארטשעפּעט מיט זײַנ קנאפּל אינ אנ ארויסגעשטארצטנ שטיינ פונ ברוק, אונ דער קנאפּל האָט זיכ אויסגעקרימט. דער סיניאָר האָט זיכ ווידער גוט אויסגעזידלט (נאָכ זײַנ אויסשפּראכ האָט מענ געקאָנט דערקענענ, אז ער איז אנ אויסלענדער) אונ האָט מיט קאס אָנגעטאפּט דעמ אויסגעקרימטנ קנאפּל.

— שטיל אײַנ דײַנ הונט! — האָט ער א געשריי געטאָנ מיט קאס, — אניט וועל איכ אימ דערהארגענענ, אונ מיר טוט באנק צו הארגענענ הינט. אנ אנדער זאכ, איז הארגענענ אזוינע ליידיקגייער ווי דו. פונוואנענ פליסטו, הענדומ־פענדומ, שעד דו איינער?

ריבעלאָ האָט איבערגעכאפּט דעמ אָטעמ, זיכ צוגעשפּארט צו דער וואנט אונ געזאָגט:

— איכ לויפ פונ דער וואכ.

— א ווילער יונג! געגאנוועט עפּעס?

— גאָרנישט געגאנוועט. איכ בינ געקומענ קיינ נעאפּאָל זוכנ ארבעט אונ זיי האָבנ מיכ באגעגנט אינ פּאָרט, ווי די שיידימ א צאדיק.

— אונ עפּשער פארקערט — ווי די נעשאָמעס פונ די צאדיקימ באגעגענענ א שעד? דו זעסט אויס גיכער צו זײַנ א שעד, ווי א מאלעכ.

— זײַט איר עפּשער דעמ טײַוולס א קאָרעוו, אז איר ווייסט אזוי גוט, ווי ער זעט אויס?

דער אומבאקאנטער האָט זיכ פארטראכט.

— ווי איכ זע, ביסטו אַנ אזעספּאָנעמ אנ עמעסער... הער, דו געפעלסט מיר. דו שטאמסט פונ פויערים?

— איכ בינ א פויער.

— איכ האָב טאקע אזוי געמיינט. נאָכ וואָס ביסטו געקראָכנ אינ שטאָט?

— איכ וויל פארדינענ געלט.

— בעעמעס? רײַטנ קאָנסטו?

— נאָכ ווי!

— שפּאניער האָסטו פײַנט?

ריבעלאָ האָט א קוק געטאָג אפנ סיניאָר פארדעכטיק.

— האָב קיינ מוירע ניט, איכ בינ ניט קיינ שפּיאָנ. איבריקנס, דאָס איז ניט וויכטיק. ווי רופט מענ דיכ?

— ריבעלאָ.

— א גוטער נאָמענ. הער, ריבעלאָ, בא מיר איז די טעג געשטאָרבנ מײַנ דינער. דאָס הייסט, ניט ער איז געשטאָרבנ, נאָר מע האָט אימ דערשאָסנ... ווילסט פארנעמענ זײַנ אָרט?

— וווּ וווינט איר?

— אינ ערגעצ ניט אונ אומעטומ. רײַטנדיק אפ א פערד. ווילסט אזוי לעבנ — רײַטנדיק אפ א פערד?

— איכ וויל!

— פאר קוילנ אונ שפּאגעס האָסטו קיינ מוירע ניט?

— ניינ!

— איבריקנס, אזא כעווערעמאנ, ווי דו, וועסט זײַנ העלדיש פונ אקשאָנעס וועגנ. אָבער איכ זאָג דיר אָנ פאָרויס: מיר לאָזנ זיכ אינ א ווײַטנ וועג. צו צאָפנ-זײַט. מיר וועלנ אריבערגיינ איבער די אלפּנ. קאָנ זײַנ, אז דו וועסט שוינ מער קיינמאָל ניט זענ נעאפּאָל.

ריבעלאָ האָט זיכ פארטראכט. אונ וואָס וועט זײַנ מיט לויִזענ? אָבער ער האָט זיכ טייקעפּ דערמאָנט, אז אָנ געלט קאָנ מענ ניט טראכטנ וועגנ כאסענע האָבנ, אונ ווער ווייסט, עפּשער וועט ער גאָר רײַכ ווערנ אינ די ווײַטע לענדער, אונ דעמאלט — ווער וועט אימ שטערנ אומצוקערנ זיכ קיינ נעאפּאָל? דערפאר האָט ער געענטפערט אנטשלאָסנ:

— וואָס דאַרף איך אים?
— ריכטיק. איז אָט האָב איך זינען, אַז אויב דו האָסט מיט וועמען צו געזעגענען זיך, געזעגן זיך היינט: און איבערמאָרגן וועסטו קומען אָט אָט דעם זעלבן אָרט. אין דער זעלבער צייט. האָסט פאַרשטאַנען?

ריבעלאָ האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. געזעגענען זיך מיט זיין פאָטער האָט ער זיך ניט געקליבן. דעם אַלטן וועט מען מיס-טאַמע שטראָפירן אַפ עטלעכע מאָס מעל פאַרן סקאַנדאַל, וואָס זיין זון האָט אָנגעמאַכט — מע האָט אים זיכער דערקענט. א קאַשע אַפּ א מייסע, מע קאָן אים נאָך פּאַקן באַם טאַטן אין שטוב (אויב דער אַלטער וועט זיך אָפּזאָגן צו צאָלן שטראָף).

— איך וועל זיך נאָר געזעגענען מיט איינעם א כאַווער, — האָט ער געזאָגט.

— דו האָסט א כאַווער? דאָס איז גוט. ווער איז ער?
— א מאָנאַך.
— א מאָנאַך?
— פונעם דאָמיניקאַנער קלויסטער.

ריבעלאָס ווערטער האָבן אַפּאָנעם געשטעלט אין פאַרלעגנהייט דעם נאָבעלן סיניאָר.

— וואָס, דו ביסט זייער א פרומער קאַטויל? — האָט ער געפרעגט.

ריבעלאָ האָט זיך ארומגעקוקט:
— איך בין א פּראָסטער מענטש, סיניאָר. מיר, פּראָסטע מענטשן, גלייבן אין גאָט, און האָבן מוירע פאַרן טייוול.
— דינען גאָט קאָן מען אַפּ פאַרשיידענע אויפאַנים...
— מיין פריינט, דער מאָנאַך, זאָגט אויך דאָס זעלבע.
— א מאָדנער מאָנאַך... ווי רופט מען אים?
— דזשאָרדאַנאָ ברונאָ.
— איך האָב געהערט... דאָס איז זייער א געלערנטער יונגער-מאַן... נו, אויב דו ביסט באַפריינדעט מיט אים, וועל איך זיך מיט דיר צונויפריידן... אָבער זיי איבערמאָרגן אַפּן אָרט. און זע, אויב דו וועסט מיט זיך מיטברענגען א שפּיאָן, — זיי זיינען איצט אומע-טום פול, ווי די הינט, — וועל איך דערשיסן אייך ביידן — אים און דיך.

דער סיניאָר האָט פֿאַנאַנדערגעעפֿנט זײַנ מאַנטל, און ריבעלאָ האָט דערזען בא אים אינ גאַרטל צווײ פּיסטױלן, באַפּוצטע מיט זילבער, און אַנ אױסגעצײכנטנ קינזשאַל, װאָס גלאַנצט מיט אײדל־שטײנער.

— איך בינ ניט געװױנט זיך אַרומפֿירנ מיט שפּיאָנען. — האָט ריבעלאָ געזאָגט, — אָבער צי מײנט איר דען ניט, סיניאָר, אַז אַ פּאָר שפּיאָנען שפּירנ שױנ נאָך מיסטאָמע נאָך אונדז פֿונ הינטער אָט אָ די גרינע לאָדנס?

— דו ביסט דאָך קליגער, װי מע קאָנ מײנען. איך מײנ אױך אַזױ —: די שפּיאָנענ קוקנ מיסטאָמע אַף אונדז פֿונ די פֿענצטער, איז לאָמיר מאַכנ אַ מינע, אַז מיר האָבנ זיך מיט דיר ניט צונױפֿגערעדט, נאָר מיר האָבנ זיך צעקריגט, האָב קײנ פֿאַריבל ניט, איך װעל דיר צוליב דעם מוזנ געבנ אַ קלאַפּ מיטנ שטעקנ, נאָר שטיל אײַנ דײַנ הונט.

דער סיניאָר האָט פֿלוצלינג אַ טופּע געטאָנ מיט דער פֿוס. ער האָט אױפֿגעהױבנ דעם שטעקנ און אַ געשרײ געטאָנ:

— לאָז מיך צורו מיט דײַנע נאַרישע באַקאָשעס...

— שרײַט ניט אַף מיר, — האָט ריבעלאָ אױך אַ געשרײ געטאָנ.

— טױגעניכטס! פֿױער!

— איר זײַט אַלײנ אַ טױגעניכטס!

— װאָ־ס־ס?

ריבעלאָ האָט זיך געלאָזט לױפֿנ, און דער שטעקנ האָט נאָר קױם באַרירט זײַנ רוקנ. ער האָט אַ פֿײַפֿ געטאָנ צו זײַנ הונט. דער סיניאָר האָט אים נאָכגעשריִען ניט גאָר קײנ אָנגענעמע װערטער.

ריבעלאָ איז אַרױס פֿונ נעאַפּאָל און האָט זיך אױפֿגעהױבנ אַף אַ בערגל. און דאָרטנ האָט מענ געקאָנט זען די גאַנצע פֿעסטונג. מע האָט לעבהאַפֿט געהאַלטנ אינ לאָדנ די גיגאַנטישע שיפֿ. מענטשנ האָבנ געשלעפּט פֿעק און קאַסטנס. זײ האָבנ אױסגעזען װי קלײנע מילבנ, װאָס שלעפּנ גרױסע שפּענדלעך.

עפּעס אַ מענטש, אַ פֿאַרסאָפּעטער, האָט אָנגעיאָגט ריבעלאָן. אױסגעזען האָט ער גיכער פֿונ אַלץ, װי אַ װאַנדערנדיקער קאָמעדיאַנט, אָבער ריבעלאָ האָט גלײַך דערשפּירט, אַז דאָ איז עפּעס ניט הײמלעך.

— הער נאָר, — האָט דער מענטש געזאָגט מיט א שטארקן שפּאַנישן אקצענט, — דאָס האָסטו פארלאָרן די מאטבייע?

ער האָט דערלאנגט ריבעלאָן א גאָלדענע מאטבייע, דורכויס ניט קיין פארדאָרבענע, און האָט כיטרע אריינגעקוקט אין זיינע אויגן.

— יאָ, איך, — האָט ריבעלאָ געזאָגט, נעמענדיק די מאטבייע.

יענער האָט זיך, וויַיזט אויס, דערפרייט און האָט שוין געפרעגט אָן שום הינטערגעדאנק:

— זאָג נאָר אָקאָרשט: וועגן וואָס האָט מיט דיר גערעדט גראף דע־ליל?

— וואָסער גראף דע־ליל?

— דריי זיך ניט... איך האָב דאָך געזען, ווי דו האָסט געפּלוידערט א האלבע שאָ מיט אָט דעם פראנצויז.

דערביי האָט דער אומבאקאנטער א קלונג געטאָן בא זיך אין קעשענע מיט געלט.

— איך האָב פארלאָרן צוויי מאטבייעס, — האָט ריבעלאָ געזאָגט און דערביי געזען צו פארגעדענקען דעם סיניאָרס נאָמען.

דער שפּאניער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט און ארויסגענומען א צווייטע מאטבייע.

— ער האָט דיך אָנגעדונגען פאר א דינער?

— ער האָט געוואָלט אָנדינגען, נאָר מיר האָבן זיך ניט צונויפגערעדט, און ער האָט מיך אָפּגעזידלט און געגעבן קלעפּ.

— איך זע, אז דו האָסט פארלאָרן דריי מאטבייעס, ווען האָט ער דיר באשטעלט צו קומען?

— אין פיר טעג ארום אף דעם זעלבן אָרט.

— אין פיר טעג ארום... און ניט איבערמאָרגן?

— צוערשט האָט ער געזאָגט איבערמאָרגן, און נאָכדעם האָט ער איבערגעקלערט... ער וועט ניט באוויַיזן עפּעס אָפּטאָן...

— אזוי, אזוי..., איך פארשטיי... דאָס איז טשיקאווע. נו פּאראנ נאָך געגוג צייט, איך קאָן נאָך צופאָרן קיין סיציליע. ער וועט אפּאָנעמ פאָרן מיט דיר קיין רוים. אויב הינטער אייך וועלן פאָרן צוויי רייטער, באמערק זיי ניט...

ער האָט ווידער א קלונג געטאָן אין קעשענע מיטן געלט.

— אין פיר טעג ארום, — האָט ער א מורמל געטאָן און איז אוועק זייער צופרידן.

ריבעלאָ האָט זיך צעלאַכט. ער האָט אַ קלער געטאָן, ווי קונציק ער האָט אָפּגענאַרט דעם שפּאַנישן שפּיאָן. אָבער מע וועט פונדעסטוועגן אויך איבערמאָרגן דאַרפן זײַן פאָרזיכטיק.

ער איז מיטאַמאָל געוואָרן מונטער. עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ כייִ־שעק צו אַוואַנטיוריעס, צו נײַע ערטער. געפאַר? דערפון ווערט נאָר פריילעכער, ער איז ניט קיין פּאַכדן.

ריבעלאָס ערשטע באַוועגונג איז געווען אַ שלײַדער צו טאָן די מאַטבייעס אין גראָבן. אָבער נאָכדעם האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס וואָלט געווען נאַרישע ייִנגלשע שטיק. פאַרוואָס זאָל ער זיך ניט באַנוצן מיט אָט דעם שענדלעכן געלד?

ער האָט זיך גיך געלאָזט גיין מיטן וועג און געטראַכט:

„אויב די שפּאַניער האָבן ניט ליב דעם גראַף דע־ליל, און האָבן פאַר אים מוירע, איז ער מיסטאַמע אַ גוטער מענטש. לאָזן זיך אַרומרײַזן — וואָס קאָן זײַן בעסער? איך האָב דאָך נאָך ניט געזען קיין איין שטאָט אַחוץ נעאַפּאָל און פּאַליע. מע וועט נאָר דאַרפן הײַנט באַנאַכט גיין צום קלויסטער און סטאַרען זיך זען דזשאָרדאַנאָ ברונאָ. נאָר מיט אים אַליין ווילט זיך מיר געזעגענען, און ער קאָן שטענדיק געבן אַ גוטע אייצע.

II. לעקאָוועד גאָט

— זידל זיך ניט, פּיעטראָ, זידל זיך ניט, — האָט געזאָגט אַ מאָנאַך אין אַ ווײַסן מאָנאַכן־מאַנטל, מיט אַ געלן שיקערן פּאָנעם. ער האָט געקלונגען מיט די שליסלען און געקוקט, ווי אַן אַלטער פויערשיט אויס מעל פון אַ זאַק. — די שטאָטמאַכט טוט ריכטיק, וואָס זי שטראָפירט אײַך לעטויוועס די קלויסטערס. אַזוי־אַרום, אַז איר צאָלט שטראָף, קויפט איר אויך אויס אײַער זינד.

— אָבער די זינד איז דאָך ניט מײַנע, נאָר מײַן זונס... אַך, דער ווידערשפּעניקער, וועג איך זאָל אים נאָר פּאַקן.

דער מאָנאַך האָט מיט אַ זיפץ גענומען אַ הײַפל מעל און עס צעריבן מיטן פינגער אָפּ דער דלאָניע.

— נישקאָשע, ניט קיין שלעכטע מעל... גוטע מעל.

— אַך, פּאָטער פראַנטשעסקאָ, איך האָב דאָך אָבער ווייניק מעל.

איר האָט אזוינע זאשעקעס און מיר קומט אָן שווער אפילע אָפּצו־געבן פיר מאָס מעל.

— פאר דעם זונס זינד טראָגט אכרײַעס דער פּאָטער. דאָס איז ריכטיק.

— אוי, דער זון מײַנער!

דער אלטער פּיעטראָ האָט געוואָלט צונויפוויקלען דעם זאק, אָבער דער מאָנאך האָט געזאָגט:

— ווארט אופּ.

ער האָט גענומען דעם זאק און אים עטלעכע מאָל א טרייסל געטאָן מיט קאס, צו זען, צי איז דאָרטן ניט איבערגעבליבן אפּן דעק נאָך מעל. פראנטשעסקאָ איז געווען דער פּארוואלטער פון דער קלויסטער־ווירטשאפט און ער האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאנצן אָט דער ארבעט. ער איז געווען זייער קארג אפּ פּראָוויזיע. די יונגע מאָנאכן פלעגן שמאכטן פון הונגער און פלעגן שטילערהייט בורטשען אפּ אים. אמאָל האָט ברודער פראנטשעסקאָ אליין שטארק ליב געהאט אָפּצועסן, אָבער שוין א געוויסע צײַט ווי ער האָט געליטן אפּ א שווערער מאָגן-קראנקײַט; האָט ער געמוזט אליין הונגערן און האָט געצווונגען אנדערע אויך צו הונגערן, ביפראט נאָך, אז דאָס האָט פולקום געשטימט מיט די קלאָלים פון קלויסטער. לײַדנדיק אפּן מאָגן, האָט ברודער פראנטשעסקאָ באזונדערס פּארורטיילט די זינד פון נאָכ־געבן דער קישקע.

איבערצײַגט זיך, אז דער זאק איז ליידיק, האָט ער אים איבער־געגעבן דעם אלטן פּיעטראָ.ביידע זײַנען זיי ארויס פון שפּיזארניע און האָבן זיך געלאָזט גיין אין עסצימער. דאָרטן האָט ברודער פראנ־טשעסקאָ באדארפט אָנשרײַבן פאר פּיעטראָן א קוויטונג, אז ער, פּיע־טראָ, האָט אײַנגעצאָלט אינגאנצן דעם הייליקן קלויסטער שטראָף פאר זײַן זונס סקאנדאליעזע אופירונג.

דאָס עסצימער איז געווען א ברייט צימער. די ווענט זײַנען גע־ווען באפּוצט מיט אלערליי בילדער, וואָס שילדערן די יעסורים פון די זינדיקע אין גענעם און דעם נאכעס פון די צאדיקים אין גאניידן. איבער דער טיר, אפּ א הילצערנעם שילד איז געווען אויסגעמאָלט דער הערב פון די דאָמיניקאנער — א הונט מיט א ברענענדיקן פאַ־קעל אין די ציין. דער הערב האָט באטײַט, אז די מאָנאכן פונעם הייליקן דאָמיניק־אָרדען היטן אָפּ די קירך פון פאלשער לערע און

טראָגנ דער וועלט דעמ שײַנ פונ עמעס. די דאָמיניקאַנער מאָנאַכנ האָט מענ גערופנ „גאָטס הינט“.

„בעעמעס, גאָטס הינט“, — האָט פּיעטראָ א טראַכט געטאָנ, צורוקנדיק, ווי דער מאָנאַכ שרײַבט לאַנגזאַמ די קאַבאָלע אונ דריקט צו די גענדזענע פּען מיט זײַנע אויסגעדריײטע פינגער. דער אַלטער האָט זיכ דערבײַ שטאַרק געבײזערט אפּ זײַנ זונ, ער האָט אימ ביכלאַל ניט ליב געהאַט פאַר זײַנ ווידערשפּעניקנ כאַראַקטער. ער וועט אימ שוינ געבנ פּעטש!

פּיעטראָ האָט צוגענומענ די קוויטונג, זיכ געלאָזט בענטשנ, אונ בורטשענדיק אונטער דער נאָז, איז ער אַרויס פונ קלויסטער.

ברודער פראַנטשעסקאָ האָט דערווײַל מיט א זיפצ אַרומגעקוקט דעמ עסצימער. ער האָט מוידע געהאַט זיכ אַלײנ מודע צו זײַנ, אז אימ פלעגט אָפטמאָל ווערנ נודנע ניט אויסצוהאַלטנ אינ דעמ קלויסטער, ווו ער האָט פאַרבראַכט זײַנ גאַנצנ לעבנ. מאַשינאַל האָט ער גענומענ מורמלענ די טפילע, וואָס טרײַבט אָפּ דעמ שעד פונ מאָרעשכוירע. א צווייטער מאָנאַכ איז שטיל אַרײַנגעקומענ אינ עסצימער. דערזעענדיק, אז ברודער פראַנטשעסקאָ טוט טפילע, האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט הינטער אימ אינ אנ אומגעדולדיקער אויסוואַרטנדיקער פּאָזע. דער מאָנאַכ איז געווענ הויכ, אונ זײַנ פּאָנעמ איז געווענ שפּיציק ווי בא א שפּאַרבער.

— ברודער פראַנטשעסקאָ, — האָט געזאָגט דער הויכער מאָנאַכ, זיכ באַנוצנדיק דערמיט, וואָס פראַנטשעסקאָ האָט זיכ פאַרהוסט, — איכ דאַרפ מיט דיר איבעררײדנ... ערנסט...

ברודער פראַנטשעסקאָ האָט א ציטער געטאָנ, ווי ער וואָלט דערהערט דעמ קאָל פונעמ שעד פונ מאָרעשכוירע אַלײנ.

— איכ הער דיכ, ברודער מאָנטאַלטשינאָ, — האָט ער געזאָגט מיט א געוויסער פאַרלעגנהײַט, — א שמועס מיט דיר איז מיר שטענדיק געווונטשנ.

— איכ ווייס ניט, צי דער שמועס וועט דיר דאָס מאָל אויכ זײַנ געווונטשנ. איכ וויל מיט דיר רײדנ וועגנ דײַנ ליבלינג, וועגנ דעמ אַפּיקוירעס דזשאָרדאַנאָ ברונאָ. נאָכ מײַנ טיפער איבערצײַגונג איז ער ניט ווערט צו טראָגנ דעמ ווײַסנ מאָנאַכנ־מאַנטל פונעמ הײליקנ דאָמיניק אונ אָנרופנ זיכ גאָטס הונט. ער איז גיכער ווערט, גאָטס הינט זאָלנ אימ צערײַסנ...

באַם מאָנאַכ מאָנטאַלטשינאָ האָבנ דערבײַ אַזױ שרעקלעכ א
בלישטש געטאָנ די אױגנ, אַז ברודער פֿראַנטשעסקאָ איז געװאָרנ גאָר
געפֿאַלנ בא זיכ. מאָנטאַלטשינאָ האָט געהאַט פֿאַרבינדונגענ מיט דער
רױמישער אינקװיזיציע. האָט געהאַט געהײמע פֿולמאַכטנ פֿונ דעם
גרױסנ אינקװיזיטער אַלײנ נאָכ צושפּירנ נאָכ אַפּיקאָרסים. מאָנטאַל-
טשינאָ האָט געקאָנט מיט זײַנ מעסירע אומברענגענ יעדנ מענטשנ.

— װאָס האָט ברונאָ געטאָנ? — האָט ברודער פֿראַנטשעסקאָ אַרױס-
געשטאַמלט.

— װאָס ער האָט געטאָנ? דו װײסט דאָס ניט? א פֿײַנער הונט
פֿונ גאָט! א הונט דאַרפֿ האָבנ א כוש-האָרײעכ, ברודער פֿראַנטשעסקאָ,
אונ דו האָסט עס ניט... א כאַרפּע. אינ אָט דעם קלױסטער גופֿע
האָט דרײַהונדערט יאָר צוריק געלערנט דער גרױסער טאָמאַס אַקװי-
נאַט, דער דאָקטער אָנזשעליקוס. ער האָט באַהײליקט מיט זײַנ הײליקנ
קערפּער אונדזער װײַסנ קלױסטער-מאַנטל... אונ אָט איצט פֿאַרשװאַרצט
דזשאָרדאַנאָ ברונאָ אונדזער קלױסטער-מאַנטל מיט דער סאַזשע פֿונ
טײַװולשער אַפּיקאָרסעס... ער שרײַבט קאָמעדיעס, װו ער לאַכט אױס
גאָטס דינער. ער האָט אַרױסגעטראָגנ פֿונ זײַנ קאַמער אַלע גאָטס ביל-
דער, אַכוצ דעם צײלעם, ער לאַכט פֿונ די, װאָס לײענענ אַזױנע
ספֿאָרים, װי „זיבנ פֿרײדנ פֿונ דער הײליקער בסולע“, אונ אַלײנ
לײענט ער.... איכ מיעס זיכ צו זאָגנ, װאָס ער לײענט... דעם מענװול
קאָפּערניקס װערק װעגנ דאָס דרײענ זיכ פֿונ די די הימלישע קער-
פּערס... איכ װיל ניט רײדנ װעגנ װאָס דער בוכ באַהאַנדלט, קעדײ
ניט פֿאַרומװירדיקנ מײַנע ליפּנ. ער פֿאַרטײדיקט אַריוס, ער באַהױפּט,
אַז אינ קריסטוסנ האָט דאָמינירט דער מענטשנ-עלעמענט... אױב איכ
װאַרט אױס, איז עס נאָר, װײַל איכ װיל אים כאַפּנ בא עפּעס גרע-
סערס. דו װײסט, ברודער פֿראַנטשעסקאָ, אַז ברונאָ גײט אָפּטמאָל
אװעק באַנאַכט געהײם פֿונ קלױסטער?

— איכ װײס. איכ האָב אים געזאָגט װעגנ דעם, אָבער ער האָט
געענטפֿערט, אַז דאָס צוקוקנ דעם שטערנ-הימל װירקט מיט זײַנ
טפֿילע-שטימונג. איכ האָב געמײנט, אַז דערינ שטעקט קײנ בײז
ניט.

— אַכ, דו האָסט געמײנט!...

מאָנטאַלטשינאָ האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ אױסדרוק, אַז באַם
ברודער פֿראַנטשעסקאָ איז דורכ א שױדער איבערנ לײַב.

— איך וועל אָנעמען מיטלען, — האָט ער קוים ארויסגעזאָגט.

— וואַרט אויף. מע דאַרף קלאָר מאכן, נאָך וואָס ער גייט אוועק פון קלויסטער. איך מיין, אז ער קומט געהיים אין פּארקער מיט די דעמאָנען, וואָס אין די הייליקע ווענט קאָן ער זיי ניט ארויסרופן, ווינענדיק אין שטאָט, האָט ער געהאט צו טאָן מיט דעם טייוולס כאַיל, און זיין אָרט איז ניט דאָ, נאָר אפּן שייטערהויפן. געדענק אויך, אז דער נאָמען דזשאָרדאנאָ ווערט בא אונדז באזונדערס געשעצט, ווייל אזוי האָט געהייסן דער צווייטער גענעראל-מאגיסטער פון אונדזער אָרדען נאָכן הייליקן דאָמיניק. מיר האָבן געגעבן ברונאָ אָט דעם נאָמען, ווען ער איז ארייַנגעטראָטן אין אונדזער קלויסטער, בלויז ווען מיר האָבן אָפּ אים געלייגט גרויסע האָפענונגען... מיר האָבן פאר אים געעפנט דעם צוטריט צו אונדזער ביכער־אויצער, ווו עס ליגן אזויפיל הייליקע מאנוסקריפּטן פון ביכער... מיר האָבן געמיינט, אז ער וועט ווערן א נייַער אָנשפּאר פון אריסטאָטעל און פון דער קירך, אז אָט די ביכער וועלן אים געבן אין די הענט א געווער קעגן די אפּיקאָרסים... ער האָט אָפּגענאַרט אלע אונדזערע האָפענונגען... וויי! ווי איז צו אים!

דער מאָנאך האָט בייז צונויפגעדריקט זיינע פויסטן, נאָכדעם איז ער אנשוויגן געוואָרן און האָט זיך פארטראכט.

— דער יונגער ברודער אווגוסטין איז פולקום געטריי דער קירכע? — האָט ער געפרעגט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך עטוואָס בארויִקט.

— אָ, פולקום!

— ברודער פראנטשעסקאָ! רופט ארויס דעם ברודער אווגוסטין און הייס אים נאָכשפּירן נאָך ברונאָ. זאָג, אז דאָס פאָדערט פון אים די הייליקע קירכע אין געשטאַלט פון איר הויפּט־אָנשפּאר — די הייליקע אינקוויזיציע. איך אליין וויל מיט אים ניט ריידן. זאָל דאָס הייסן, אז דאָס שטאמט פון דיר און ניט פון מיר. קיינער טאָר ניט וויסן, אז איך היט דאָ די ריינקייט פון דער קירך לויטן אויפטראָג פון אונדזער גרויסן פּאָטער אין רוים. און דו וועסט מיר איבערגעבן אלץ, וואָס דו וועסט זיך דערוויסן.

מאָנטאלטשינאָ האָט נאָכגעמאָכט דורכגענומענע ברודער פראנטשעסקאָן מיט זיין בליק און איז ארויס פון עסצימער.

ברודער אווגוסטין איז געווען א בלייכער און א מאָגערער יונ־

גערמאַן. ער האָט געפּייניקט זײַן לײַב מיט טאַניסים און טפילעס. ער איז געזעסן אין זײַן קאַמער און געקוקט, ווי ס׳פּאַרגייט די זון. אינעם שמאָלן פענצטער פון קאַמער האָט געוויזט מיט אָוונט־קילקייט פון די פעלדער און די ווײַנגערטנער. ברודער אַוגוסטין האָט פּלוצעם דערפילט אַ בענקשאַפט נאָך דער שיינער וועלט, נאָך דער פרײַהײַט, נאָך ערדישן גליק. אָבער ער איז באַלד אופגעשפּרונגען מיט שרעק. ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס פאַרפירט אים דער טײַוול. איז ער געפאַלן אָפ די קני פאַרן צײלעם און גע־נומען מיט היץ טאָן טפילע. ווען דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָט ער גענומען אַ בײַטש, אַנטבלויזט זײַנע פּלייצעס און זיך עטלעכע מאָל שטאַרק אַ שמיץ געטאָן. געשלאָגן האָט ער דערבײַ ניט זיך, נאָר די קליפּע, וואָס איז אין אים געזעסן. ער האָט מיט פאַרגע־ניגן פאַרשאַפט וויטעק קריסטוסעס פײַנט.

ברודער פראַנטשעסקאָ האָט אים געטראָפן בא אָט דער אַרבעט.

— זון מײַנער,—האָט ער געזאָגט, זעצנדיק זיך אָפן בענקל און צונויפלייגנדיק די הענט אָפ זײַן בויך.—זון מײַנער... גאָט האָט באַ־וויליקט דיך אויסוויילן אָפ אויספילן אַ הויכן איניען. לעקאָוועד דער הייליקער קירך דאַרפסטו פון הײַנט אָן נאָכשפּירן נאָך דזשאָרדאַנאָ ברונאָס יעדן שריט און מיטיילן מיר אַלץ, וואָס ער טוט סײַ באַ־טאָג סײַ באַנאַכט.

דער בלייכער מאָנאַך איז געוואָרן נאָך בלייכער.

— איך ווייס, אַז דו האָסט ליב ברונאָ,—האָט דער ברודער פראַנטשעסקאָ ווײַטער געזאָגט,—אין מיר אַלע האָבן אים ליב. אָבער טאַקע אין זײַן צוציִעוודיקײַט שטעקט שוין די טײַוולשע קראַפט, וואָס פאַרפירט אונדז. ברונאָ איז אַן אַפּיקוירעס. און זײַן באַפרײַנדן מיט אים איז אַ גרויסער כעט. אָבער כאַפּן אים בא דער האַנט, איז אַ גרויסע מיצווע. אויב דו, ווי אַן עמעסער גאָטס הונט, דאַרפסט צע־רײַסן אַן אַפּיקוירעס וואָס איז דיר דערוויידער, איז אַ סאַך אַ גרעס־סערע מיצווע צו צערײַסן דעם, וואָס דײַן האַרצ האָט ליב, ווײַל ווען דו טוסט דאָס, זאָגסטו זיך אָפּ לעקאָוועד גאָט פון די פאַר־דאַרבערישע נייגונגען פון דײַן האַרצ, דו פאַרשאַפסט זיך יעסורים צוליב דער אופבליִונג פון דער קירך און אַזויאַרום טוסטו ווי אונ־דזער העראַלײן, וואָס האָט ניט מוירע געהאַט פאַר גרויסע ליידן, מיט איין וואָרט, דאָס באַפוילט די הייליקע קירך.

די לעצטע פראזע האָט ברודער פראנטשעסקאָ געזאָגט, ווי מעגלעכ שטרענגער. ער האָט זיכ באמיט איבערצונעמענ דעמ אויסדרוק פונ מאָנטאלטשינאָס פּאָנעמ. אָבער זײַנ קראנקע געלע פיזיאָנאָמיע האָט מיט גאָרנישט ניט דערמאָנט אָנ א שפּארבער.

ברודער פראנטשעסקאָ האָט געבענטשט דעמ ברודער אווגוסטינ. ער איז ארויס פונ קאמער פרייענדיק זיכ, אז ער האָט אויסגעפילט די ניט־אָנגענעמע שליכעס. ער האָט זיכ שנעל געלאָזט גײנ אינ זײַנ צימער קעדיי אוועקצולייגנ אפנ מאָגנ א פלאש מיט הייסנ וואסער. בא אימ האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אטאקע פונ דער קראנקײַט.

ברודער אווגוסטינ איז געבליבנ אליינ אינ צימער אונ האָט ווידער אָנגעהויבנ טפילע טאָנ. פאָטער פראנטשעסקאָס ווערטער האָבנ אפ אימ געמאכט א גרויסנ אײַנדרוק. אָט ווענ ער קאָנ בעעמעס טאָנ א גרויסע מיצווע אונ אָפּזאָגנ זיכ פונ זיכ אליינ. ער האָט זייער געליבט ברונאָ, האגאמ ער האָט געוווסט, אז ברונאָ איז גענייגט צו אפּיקאָרסעס. כאפנ אנ אפּיקוירעס איז א גרויסע מיצווע. דער טײַוול, נאטירלעכ, שטעלט זיכ קעגנ דעמ. דאָס מאכט ער, דער טײַוול, אפּאָנעמ, ברונאָ זאָל זײַנ אזוי צוציִעוודיק, קעדיי ער זאָל האָבנ די מעגלעכקײַט צו פארנארנ מענטשנ אינ די נעצנ פונ גענעמ. מע דארפ גוויווער זײַנ אינ זיכ די ליבע צו ברונאָ, מע דארפ אימ כאפּנ, דאָס הארצ מעג זיכ דערבײַ אפילע אײַנשרומפּנ פונ צאר. אינ אָט דעמ צאר שטעקט עס די הייליקע מיצווע.

די זונ האָט שוינ געהאלטנ באמ אונטערגײַנ אונ דער הימל איז אויסגעשטערנט געוואָרנ. דער גערויש פונ שטאָט איז פארשטילט געוואָרנ.

אינ קלויסטער איז געווענ שטיל אונ פינצטער. ברודער אווגוסטינ איז שטיל ארויס פונ צימער, איז דורכגעגאנגענ איבערנ פינצטערנ געוועלבטנ קאָרידאָר, זיכ אָפּגעשטעלט בא איינער א טיר אונ זיכ צוגעהערט. ער האָט דערהערט א שטילנ זינגעוודיקנ מורמלענ. „דאָס פארפאסט ברונאָ א נײַעמ סאָנעט,—האָט אווגוסטינ א טראכט געטאָנ,—אָט מיט וואָס ער פארנעמט זיכ אָנשטאָט טפילע צו טאָנ". אווגוסטינ האָט זייער ליב געהאט ברונאָס געדיכטנ, אָבער איצט איז ער גענייגט געווענ צו באטראכטנ אויכ די געדיכטנ אלס דעמ טײַוולס א ניסויענ. ער האָט זיכ דאָכ צוגעהערט.

—אופליִען איך וויל פאר יעדן פאל,
כ'שטרעב ארופצו, נאָר ווי איך טו א פלי אפגיך—
די ערד מײַנע, זי ציט מיך ווידער צו זיך,
איך פאל, ווי אמאָל דער זון פון דעדאל.

פלוצעם האָט זיך די דעקלאמאציע איבערגעריסן. אווגוסטין האָט זיך צוגעהערט—ס'האָט זיך ערגעץ דערהערט א געשריי פון א יונגן שפארבער. דער געשריי האָט זיך איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל אין גלײַכע אינטערוואלן. מע האָט געקאָנט הערן, ווי ברונאָ האָט בא זיך אין צימער געגומענ שלורן מיט זײַנע סאנדאלן. נאָכדעם איז ווידער אלץ שטיל געוואָרן. די געשרייען פון דעם שפארבער האָבן אויך אופגעהערט. דעמלט האָט אווגוסטין פאַרזיכטיק געעפנט די טיר. די קאמער איז געווען ליידיק. דער ווײַסער קלויסטער־מאנטל האָט זיך געוואלגערט אפן בענקל, אָבער דער, וואָס האָט באדארפט טראָגן דעם מאנטל, איז ניט געווען. אווגוסטין איז צוגעלאָפן צום פענצטער (די קאמער איז געווען אפן ערשטן שטאָק), און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז אפ דער קלויסטער־וואנט האָט א שימעריר געטאָן א שאָטן פון א מענטשן און איז באלד פארשוואונדן, ווי עמעצער וואָלט אריבערגעקראָכן איבערן וואנט. דעמלט האָט זיך אווגוסטין געלאָזט לויפן צום ברודער פראנטשעסקאָ. ברודער פראנטשעסקאָ האָט ליגנדיק געשמועסט מיט דעם ברודער־קעכער וועגן דער מאָרגנדיקער סודע. דער קעכער האָט געקוקט אפ דער פלאש מיט הייס וואסער און געזיפצט. ברודער פראנטשעסקאָ האָט פארווטיילט די גאנצע קלויסטער־ברידערשאפט אפ הונגער־שפּײַז. דאָס וואָרט „עסן" גופע איז אים איצט געוואָרן דערווידער.

— פאָטער מײַנער, גיב מיר דײַנע בראָכע צום ארויסגיין פון די ווענט פון קלויסטער,—האָט אווגוסטין אים אײַנגערוימט.

פראנטשעסקאָ האָט פארשטאנען און אים געגעבן זײַנע בראָכע, א קלונג טוענדיק מיט די שליסלען.

אין א מינוט ארום האָט זיך פאר אווגוסטינען געעפנט דאָס שווערע טויערל און האָט זיך באלד פארהאקט נאָך אים. ער האָט זיך ארומגעקוקט און זיך געלאָזט גיין איבער דער ליידיקער גאס, האַלטנדיק זיך אין שאָטן פון די הײַזער.

III. דער מאָנאַך און דער פּודל

— וואָס האָט עס געדויערט בא דיר אזוי לאנג, דזשאָרדאנאָ?— האָט ריבעלאָ אויסגעשריִען, דריקנדיק די האנט דעם יונגנמאן, וואָס איז אראָפּגעשפּרונגען פון דער קלויסטער־וואנט.—איך בין שיר ניט הייזעריק געוואָרן, שרײַענדיק ווי א שפּארבער. ס'איז נאָך גוט, וואָס דאָ איז פינצטער און קיינער איז ניטאָ.

— דו מיינסט, ס'איז אזוי גרינג צו אנטלויפן פון קלויסטער?— האָט געזאָגט דער יונגערמאן, דריקנדיק ריבעלאָס האנט און גלעטנדיק איבערן קאָפּ דעם פּודל. דער הונט איז פריילעך געשפּרונגען ארום זיי.—נאָך מיר שפּירט מען אזוי אויך נאָך. אלציינס. איך קאָן מער ניט, ריבעלאָ. איך ווער דערשטיקט אין מײַן ווײַסן מאנטל און איך קאָן ניט הערן די נארישע באַבעמײַסעס, וואָס איך גלייב אליין אין זיי ניט. ווען איך גיי אָט אזוי איבערן וועג, אין איינע הויזן און א רעקל, פיל איך זיך, ווי א לעבעדיקער מענטש, און ווען ארום מײַנע פיס פּלאָנטערט זיך דער קלויסטער־מאנטל און אף מײַן קאָפּ הענגט דער קאַפּטור, פיל איך זיך, ווי א מעס אין טאכריכים... ניין, איך קאָן מער ניט זײַן קיין מאָנאַך. איך וויל זײַן פרײַ.

— און איך וויל זײַן פרײַ... און רײַך.

— דו האָסט ניט קיין שלעכטן געשמאק. יאָ, פרײַהייט איז א גרויסע זאך. אך, ווי עס אָטעמט זיך גוט! און די שטערן! וויפל שטערן! אָן א שיר!..

ריידנדיק אזוי, זײַנען זיי ארויס פון שטאָט און זײַנען אוועק מיטן וועג. פון יאם האָט א צי געטאָן א קיל נאכט־ווינטל, די שטערן האָבן אומגעוויינלעך העל געפינקלט אפן הימל.

פון דעם הויכן אָרט, וווּ די יונגעלײַט זײַנען געשטאנען, האָט זיך געזען א ברייטער און שיינער לאנדשאפט. אונטן האָבן געהאלטן אין פארלאָשן ווערן די פײַערן פון נעאפּאָל; ווי א גיגאנטיש בלאָע גלאָז, איז פארגליווערט געוואָרן דער גאָלף פון נעאפּאָל. איבער וועזוווי האָט געצאנקט א לײַכטער שײַן, און ווײַט, ווײַט האָבן גע־פינקלט די פײַערלעך פון יאָלע.

אף אָט־אָ די פײַערלעך האָט ברונאָ געקוקט מיט ליבע און טרויער.

— ליבע יאָלע,—האָט ער געזאָגט,—וואָס פאר א קליינינקע זי

איז, ווען מע קוקט אפּ איר פּונ אזא הייכ!.. ווען איכ בינ געווענ א קליינ קינד, האָב איכ זיכ ניט פאָרגעשטעלט, אז עס קאָנ זײַנ א גרעסערע שטאָט, ווי יאָלע אונ העכערע הײַזער, ווי אונדזערע דאָר־טיקע הײַזקעס... נאָכדעמ האָט זיכ פאר מיר געעפנט די וועלט, אונ איכ האָב פארשטאַנענ, אז אונדזער יאָלע—איז א שטויב־זעמדעלע, אונ ניט יאָלע אליינ, נאָר דאָס אלצ... נעאפּאָל, איטאליע, די גאנצע ערד. גיב א קוק, ריבעלאָ, אפּ אָט די שטערנ אונ גיב נאָר א טראכט, אז אונדזער ערד איז אויכ אזא שטערנדל, וואָס טראָגט זיכ אינ אָנענדלעכנ רוימ אונ דאָס אלצ באַוועגט זיכ, דרייט זיכ אָנ א ברעג, אָנ א סאָפּ... אינ ערגעצ ניט. אינ ערגעצ ניט.

ריבעלאָ, וואָס האָט געהאַט געקוקט אפּנ הימל, האָט זיכ פּלוצעמ א וואקל געטאָנ אונ ער וואָלט געפאלנ, ווענ ברונאָ האלט אימ ניט אונטער.

— ווענ דו רעדסט אזוי, הייבט בא מיר שטענדיק אָנ שווינדלענ דער קאָפּ... אכ, איכ האָב ניט ליב צו טראכטנ וועגנ אזעלכע זאכנ. אונ גאָט, זאָגט מענ, הייסט ניט אזוי ריידנ.

— ניט גאָט, נאָר די גאלאָכימ אונ די מאָנאכנ. דאָס איז א גרויסע נאפּקעמינע!

— ש־ש־ש!

דער פּודל האָט פּלוצעמ אָנגעהויבנ בילנ אונ ארומקוקנ זיכ אפּנ וועג.

— שפּירט עפּשער ווער נאָכ נאָכ אונדז?

— דאָס איז זייער מענלעכ. לאָמיר ריידנ שטילער. א קאָל הילכט שטארק אָפּ בא אזא שטילקײַט.

— פארשטייסט, ריבעלאָ,—האָט ברונאָ געזאָגט שטילער,—מיכ רעגט באַזונדערס אופּ, וואָס מע צווינגט מיכ טראכטנ ניט אזוי, ווי איכ וויל. דער געניאַלער קאָפּערניק האָט דערוויזנ, אז די ערד איז ניט דער צענטער פונ דער וועלט, נאָר א קליינ שטערנדל, איינס פונ די סאמע קלייניקע, אז זי איז א כאָכ קלענער פאר דער זונ אונ זי דרייט זיכ ארומ איר ווי מארס, ווענוס אונ אנדערע פּלאנעטעס... ער האָט דאָס דערוויזנ וויסנשאפטלעכ אונ פּינקטלעכ. אלע אומ־רעגלמעסיקײַטנ אינ דער באַוועגונג פונ די פּלאנעטעס, וואָס פּטאָלאָ־מעוס האָט פריער ניט פארשטאַנענ...

— ווער?

— פטאָלאָמעוס... ווי אומגעבילדעט דו ביסט, ריבעלאָ! פטאָלאָ־מעוס האָט געלערנט, אַז די ערד איז דער צענטער פון דער וועלט און אַז די זון און אַלע פּלאַנעטעס באַוועגן זיך אַרום דער ערד. און דעמלט האָט זיך געמוזט באַקומען, אַז אַן אַנדער פּלאַנעטע, מאַרס, צומביישפיל, גייט דאָ פאָרויס, דאָ צוריק... און איצט איז קלאָר, וואָס דאָ איז. אינדערעמעסן גייט מאַרס גאָר ניט צוריק, נאָר ווייל די ערד באַוועגט זיך, דוכט זיך אונדז אויס, אַז די ערד גייט צוריק. נו, ווען איין שיף יאָגט אַריבער די צווייטע, דוכט זיך, אַז די צווייטע שיף שווימט צוריק. פאַרשטייסט?

— איך פאַרשטיי, כאָטש ניט אינגאַנצן. אָט וואָס איך פאַרשטיי גאָר ניט, איז ווי מע קאָן זיך אופּרעגן איבער אַזאַ נאַרישקייט. איז דען ניט אַלציינס, וואָס אַרום דיר דרייט זיך... דיר איז דאָך פון דעם ניט פרייליכער. ס'איז אַלציינס.

— ניין, ס'איז ניט אַלציינס! — האָט אויסגעשריִען בּרונאָ מיט היץ, גאָר פאַרגעסנדיק צו זיין פאָרזיכטיק. — ניין, ס'איז ניט אַלציינס! די ווּיסנשאַפט גייט פאָרויס. די וויסנשאַפט מוז גיין פאָרויס. זי מוז כאָרעוו מאַכן אָט די אַלע פאַרויכערטע ווענט, וווּ די אומוויסנהייט שטעקט אַזוי געדיכט אין אַלע ווינקעלעך, אַז מע וועט זי אינגיכן קאָנען שאַרן מיט אַ לאָפּעטע, ווי מיסט. אַלע אומגליקן נעמען זיך פון אומוויסנהייט, פון געמיינער אומוויסנהייט, פון געמיינעם ניט וועלן אַ רוק טאָן זיך פון אָרט, פון מוירע האָבן פאַר אַלץ, וואָס איז ניי, כאָטש די וויסנשאַפט באַשטעטיקט דאָס נייע. די וויסנשאַפט זאָגט מיר, אַז די וועלט איז איינגעאָרדנט אַזוי, און איך מוז זאָגן און גלייבן, אַז זי איז איינגעאָרדנט אַנדערש, ווייל אַזוי האָבן געלערנט אַריסטאָטעל, פּטאָלאָמעוס און טאָמאַס אַקווינאַט... אַריסטאָטעל האָט דאָך אָבער געלעבט שיר ניט צוויי טויזנט יאָר צוריק... געוויס, ער איז געווען אַ גרויסער פילאָסאָף און אין זיין צייט האָט ער אַ טרייב געטאָן די וויסנשאַפט פאָרויס... אָבער מע קאָן דאָך ניט בלייבן פאַרגליווערט אויף אַריסטאָטעלן און דערצו נאָך פאַרשטיין אים ניט אַנדערש, ווי עס טייטשט אים טאָמאַס אַקווינאַט.

— איי, איך האָב ניט ליב, ווען דו רעדסט אַזוי. מיילע, אַריסטאָ־טעלן מעגסטו זידלען, ער איז געווען אַ געצנדינער. אָבער טאָמאַס אַקווינאַט איז אָנערקענט אַלס הייליקער דאָקטער...

— ווייס איך וואָס! יאָהאַנ הוס אינ טשעכיע האָט ניט מוירע געהאַט ארויסצוטרעטנ קעגנ דעמ פּויפּסט אַליינ.
— נו, האָט מענ אימ, דאַכט זיך, פאַרבּרענט.
— פאַרבּרענט. נו, איז וואָס? אימ האָט מענ פאַרבּרענט אונ ליוטערנ האָט מענ שוינ ניט פאַרבּרענט. ליוטער האָט טויזנטער שי־לער... די גאַנצע וועלט איז איצט אופגעשטאַנענ קעגנ דעמ קאַ־טוילישנ אָבסקוראַנטיזמ, אינעמ נאָמענ פונ דער פרייער ווייסנשאַפט, וואָס שטייט אָנגעשריבּנ אינ די ווערק פונ עראַזמ פונ ראָטערדאַמ, אינ רייכלינס ווערק! היינט וואָס טוט זיך איצט אינ פראַנקרייך! איך זאָג ניט, אַז די פּראָטעסטאַנטנ קעמפנ פאַר דער ווייסנשאַפט, אָבער זיי קעמפנ קעגנ דעמ יאָך פונ דער רוימישער קירך. זיי פּראָ־טעסטירנ. דאָס אַליינ איז שוינ אַ פאַרדינסט...
— דער פּויפּסט האָט דאָך פאַרשאָלטנ די אַלע פראַנצויזישע... ווי הייסנ זיי...
— הוגענאָטנ. יאָ, נו, איז וואָס? אונ זיי האָבּנ אימ פאַרשאָלטנ, זיי קעמפנ קעגנ אימ. איך האָבּ זיך געזענ אינ יאָלע מיט איינעמ אַ פראַנצויזישנ הוגענאָט. ער איז געפאָרנ קיינ נעאַפּאָל געהיימ צו זיינ שוועסטער, וואָס האָט כאַסענע געהאַט מיט איינעמ אַנ איטאַליענער צומ באַדויערנ ווייס איך ניט זיינ נעאַפּאָלער אַדרעס. דאָס איז זייער אַנ אופגעקלערטער מענטש. ער איז אַנטלאָפנ פונ פּאַריז נאָך דער בּאַרטאָלאָמעוס־נאַכט.
— וואָס איז דאָס פאַר אַ בּאַרטאָלאָמעוס־נאַכט?
— האָסטו דענ פאַרגעסנ, אַז פאַר דרייאָרנ איז אינ אַלע קירכנ געווענ אַ סימכע, מע האָט געפּראַוועט אַ פייערלעכע גאָטעס־דינסט אונ מע האָט געקלונגענ אינ אַלע גלעקער? אונ דאָס אַלצ, וואָס אינ פּאַריז באַנאַכט, ערעוו דעמ טאָג פונעמ הייליקנ בּאַרטאָלאָמעוס, האָבּנ זיך גוטע קאַטוילנ לויט אַ סיגנאַל געוואָרפנ אַפ די אומבאַהאָלפענע הוגענאָטנ, וועלכע האָבּנ וועגנ גאָרנישט ניט געקלערט אונ זיינענ זיך צונויפגעפאָרנ קיינ פּאַריז אַפ דער כאַסענע פונעמ קיניג היינריך פונ נאַוואַרע. מע האָט זיי בּעקיווּנ אופגענומענ, ווי געוווּנטשענע געסט, מע האָט צווייעסדיק געפּייערט די ליקווידאַציע פונ די קירכ־לעכע מאַכלויקעס, אונ אינ דער שרעקלעכער נאַכט האָט מענ פּלוצעמ ארויסגעקוילעט עטלעכע טויזנט מאַנ, אַפּילע קיינ ראַכמאָנעס ניט געהאַט ניט אַפ קיינ אַלטע לייט, ניט אַפ פרויענ, ניט אַפ קינדער.

באטראכט נאָר, ריבעלאָ, קינדער פון קאטוילן דערהארגענע די קינ-דער פון די הוגענאָטן. און דאָס גאנצע בלוט ווערט פארגאָסן לע־קאָוועד גאָט. א שיינער גאָט! פאר זיין קאָוועד דארף מען האָבן טייכן בלוט, הונדערטער טורמעס, הונדערטער טויזנטער שייטערהויפנס, עשאפאָטן און טליִעס. הייגריך פון נאווארע גופע האָט מען ניט גע-הארגעט, אים האָט מען נאָר געצוווּנגען אויסשטיין די מעסע. וויניק וועמען איז געלונגען צו אנטלויפן. מיין באקאנטער איז עס געווען איינער פון די גליקלעכע. ער איז, עמעס, אנטלאָפן, אָבער א פארוווּנדעטער און איז שיר ניט געשטאָרבן...

— דו האָסט געהאט צו טאָן מיט אן אפּיקוירעס, ברונאָ... אוי, הער... דו וועסט אליין ארייַנפאלן אין גענעם און וועסט מיך מיט-שלעפּן מיט זיך...

— פלוידער ניט קיין נארישקייטן... פארשטייסטו דען ניט, אז מע קאָן ניט לעבן אונטער אזא יאָך, מיט דער אייביקער שרעק ארייַנצופאלן אפן שייטערהויפן אָדער געפערטלט צו ווערן... בלויז דערפאר, וואָס דו טראכטסט ניט אזוי, ווי דאָס געפעלט די הייליקע מאָנאכן, וועלכע פרעסן זיך אָן מיט דיין בלוט און מיט דיין שווייס... פארגעס, ריבעלאָ, אָט די פוסטע מייסעס... די אינקוויזיציע איז שלעכטס. קיין שום גאָט קאָן זי ניט געפעלן... גראף דע-ליל איז פולקום גערעכט.

— ווער? — האָט אויסגעשריִען ריבעלאָ. ער האָט אופגעציטערט, ווי מע וואָלט אים א ביס געטאָן.

— גראף דע-ליל, דער הוגענאָט, וועגן וועלכן איך האָב מיט דיר גערעדט.

— גראף דע-ליל איז א הוגענאָט?

— יאָ...

— אן אפּיקוירעס...

ריבעלאָ האָט זיך אין שרעק געכאפּט פארן קאָפּ.

— וואָס איז מיט דיר?

— גאָרנישט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז מיך... האָט אייַנ־געביסן א שלאנג.

— נארישקייטן. די שלאנגען שלאָפן באנאכט. דו ביסט א גרויסער פאכדן, ריבעלאָ. ווען איך בין נאָך ניט געווען קיין יאָר אלט, איז אין מיין וויגעלע ארייַנגעקראָכן א שלאנג, און איך האָב

זיך ניט דערשראָקן, נאָר איך האָב גערופן דעם טאַטן. איך האָב דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אָנגעהויבן ריידן. איך האָב באַוויזן אַרויס־צוריידן דאָס וואָרט „טאַטע״, קעדיי צו ראַטעווען זיך פונעם שלאַנג. און איצט וועל איך באַווייזן אַרויסצוריידן דאָס וואָרט „וויסנשאַפט״, קעדיי צו ראַטעווען די מענטשן פון אַלע שלאַנגען, וואָס פאַרדעקן זייער מיִעסקייט מיט ווייסע און שוואַרצע קלויסטער־מאַנטלען.

— שטילער. עמעצער גייט...

ביידע זיינען שטיל געוואָרן. אַפּנ וועג האָט זיך באַוויזן אַ מענטש. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם און געשלעפּט עפּעס אַ שווערע זאַך.

— דאָס איז דזשוליאָ. ער זעט אונדז ניט.

דזשוליאָ איז צוגעקומען נאָענט צו די יונגע לייט, נאָר יענע זיינען געזעסן אין שאָטן פון אַ גרויסן קאַשטאַנען־בוים, און ער האָט זיי ניט באַמערקט.

— היי, דזשוליאָ, — האָט אים אָנגערופן ריבעלאָ.

דזשוליאָ האָט אויפגעציטערט, זיך אָפּגעשטעלט און אַראָפּגעוואָרפן זיין מאַסע אַפּ דער ערד.

— פו, דאָס ביסטו, באָכער? און איך האָב זיך דערשראָקן. נו, וואָס? מע זאָגט, אַז מע האָט דיר אָנגעבראָכן די ביינער אין נעאַפּאָל? דער טאַטע דיינער האָט דיך שוין דאָ פאַרשאָלטן אַכט מאָל, צו 2 מאָל פאַר יעדן מעסטל מעל.

— וואָס שלעפּסטו דאָס? — האָט געפרעגט ריבעלאָ, ניט וועלנדיק אונטערהאַלטן דעם ניט־אָנגענעמען שמועס.

דזשוליאָ האָט מיט טריומף אַרויסגעשלעפּט פון זאַק אַ ווייסן מאַרמאָר־קאָפּ און אַ מאַרמאָר־האַנט.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, באָכער, גראָב די ערד. אָט איך האָב געגראָבן, געגראָבן און זיך דערגראָבן.

ריבעלאָ און ברונאָ האָבן גענומען באַקוקן דעם מאַרמאָר.

— דאָס איז אָן ספק רעשטן פון אַ גריכישער סטאַטוע... אַ שיינער קאָפּ!.. פאַרצייטן האָבן מענטשן געטאָן טפילע צו אַזאַ קאָפּ... דאָס איז אַ סטאַטוע פון עפּעס אַ גריכישן גאָט.

— פאַר אַזוינע זאַכן צאָלט מען אין שטאָט אַ שיינע מאַטבייע.

— ווער דאַרף דאָס האָבן? — האָט זיך ריבעלאָ געוווּנדערט.

— וואָס הייסט? — האָט ברונאָ אויסגעשריִען,--נאָך אַזוינע מאַר־מאָרנע ברוכוואַרג קלערנען זיך אונדזערע גרויסע מייסטערס... דער

גרויסער מיקעל אנדזשעלאָ וואָלט ניט אויסגעהאקט זײַנע פּראכטפולע סטאטועס, ווענ ער וואָלט ניט געהאט געשטודירט אָט דעמ ברוכוואַרג. גיב נאָר א קוק, וואָס פאר אנ איידעלע קאָנטורנ, וואָס פאר א שיינע פאָרמענ! נו, איז עס דענ ניט קיינ לעבעדיקע האנט?

די מארמאָר־האנט איז בעעמעס געווענ, ווי א לעבעדיקע. עס האָט זיכ געדוכט, אז ווארעמ בלוט שטראָמט אינ די קאלטע מארמאָר־אָדערנ.

— וויאזוי קומט זי אהער? — האָט ריבעלאָ געפרעגט — דאָס איז דאָכ א גריכישע ארבעט.

— ס'איז גאָר קיינ כידעש ניט. דאָ אינ דעמ גאנצנ קאנט האָבנ אמאָל געווינט גריכנ. זיי האָבנ אהערצו אריבערגעפירט אויכ זייערע געטער. זיי האָבנ אָנגעבויט זייערע טעמפּלענ. נאָכדעמ איז דאָס אלצ אומגעקומענ, בייס די פּילצאָליקע מילכאָמעס, ערד־ציטערנישנ, בייס ווערזווי פלעגט שפּײַענ מיט פײַער. די בארבארנ פלעגנ ניט שטארק אָפּשײַ האָבנ פאר די מארמאָרנע געטער. אונ דער ווולקאנ — אוואדע ניט. דערפאר געפינט מענ געוויינלעכ ניט מער, ווי שערבלעכ.

— ווענ מע זאָל גוט א גראָב טאָנ, — האָט דזשוליאָ געזאָגט, — קאָנ מענ דאָ עפּעס וואָס געפינענ... גראָב די ערד, באָכער, גראָב די ערד... אָט איכ האָב געפונענ גרויסע אוצרעס.

ער האָט ארײַנגערוקט אינ זאק די רעשטנ פונעמ אלטנ גאָט אונ איז אוועק מיטנ וועג, אונטערפײַפנדיק צופרידנ.

ריבעלאָ האָט א זיפצ געטאָנ.

— דו האָסט מיכ גאָר פארפלאָנטערט, ברונאָ, — האָט ער צולעצט געזאָגט. — איכ בינ דאָכ געקומענ זיכ געזעגענענ מיט דיר, אונ איצט ווייס איכ אליינ ניט, וואָס צו טאָנ.

ער האָט דערציילט, וואָס מיט אימ איז פאָרגעקומענ אינדערפרי.

— איצט קומט אויס, אז איכ האָב זיכ פארבונדנ מיט אנ אפּיקירעס... מיילע, פונ די אינקוויזיטערס וועל איכ אנטלויפנ, אָבער פונ די שיידימ קאָנ מענ דאָכ ניט אנטלויפנ...

— שוויטע! — האָט ברונאָ אויסגעשריענ. — גלייב מיר, אז די סאמע שרעקלעכע שיידימ זײַנענ די אינקוויזיטערס, אונ אויב דו וועסט אנטלויפנ פונ זיי, האָסטו שוינ ניט וואָס מוירע צו האָבנ פאר אנדערע. איכ קלײַב זיכ אליינ צו אנטלויפנ... איכ פיל, אז איכ וועל דערשטיקט ווערנ אינ קלויסטער. אָדער די מאָנאכנ וועלנ מיכ סאָפּ־

קאָלסאָפּ דערשטיקנ. איכ וויל ליכט, ריבעלאָ, אונ מיר איז דערעסנ געוואָרנ די פינצטערניש...

ברונאָ האָט געהאַלטנ אינ גלעטנ דעם פּודלס זײַדנהאַפּטע האָר. פּלוצעמ האָט דער פּודל אָנגעהויבנ בילנ אונ מיט אומרו א שמעק געטאָנ די לופט.

— וואָס קוקט ער דאָס די גאַנצע צײַט אפ יענע קוסטעס?

— מײנסטו, אז מע קאָנ דינענ בא אנ אפּיקוירעס? — האָט ריבעלאָ געפרעגט מיט צווייפל. — מיר ווילט זיכ זייער פּאָרנ, ארומרײַזנ, אָנזענ זיכ פאַרשיידענע וווּנדערבאַרע לענדער...

— אונ נאָכ ווי! וואָס קאָנ זײַנ בעסער, ווי ארומרײַזנ? ווענ איכ וואָלט געקאָנט, וואָלט איכ ארומגעפּאָרנ די גאַנצע וועלט.

— אנדערע ווערנ שטאַרק רײַכ בײַס דער רײַזע... מע זאָגט, עס זײַנענ פאַראַנ אַזוינע לענדער, ווו גאָלד אונ איידל־שטיינער וואַלגערנ זיכ אומעטום, ווי בא אונדז ציגענע באָבקעס.

— נאַרישקײַטנ. אָבער, פאַרשטייט זיכ, מע קאָנ רײַכ ווערנ, ווענ מע רײַזט.

— אָט דאָס זאָג איכ דאָכ, — האָט ריבעלאָ אויסגעשריגנ מיט פרייד. — אונ אויב איכ וועל רײַכ ווערנ, וועט לויזע כאַסענע האָבנ מיט מיר... איר מוטער, — דער הייליקער בארטאָלאָמעוס זאָל זי דערהאַרגענענ מיט זײַנ שטעקנ! — וועט זי קיינמאָל ניט אָפּגעבנ פאַר אנ אָרעמענ...

— וואָס פאַר א מאָדנער מענטש דו ביסט, ריבעלאָ! צו וואָס דאַרפסטו דאָס — רײַכ ווערנ, כאַסענע האָבנ?..

— דאָס ביסטו א מאָדנער מענטש, ניט איכ. אַלע ווילנ דאָס...

— אונ איכ וויל זײַנ פרײַ פונ אַלערליי פּענטעס... פונ געמפּעכע אונ פונ מענטשלעכע.

אינ דעמ מאָמענט האָט זיכ דער פּודל פּלוצעמ א ריס געטאָנ אונ מיט א געבילערײַ זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ די קוסטעס.

אינ א מינוט ארומ האָט מענ אפנ וועג געקאָנט זענ א מאָדנע סצענע.

א יונגער מאָנאַכ איז געלאָפנ אינ איינ אימפּעט אונ א הונט האָט געריסנ אפ שטיקער זײַנ קלויסטער־מאַנטל אונ אימ געביסנ דאָ איינ הוילע ליטקע, דאָ די אנדערע. די סצענע איז געוועזנ זייער א קאָמישע, אָבער די פרײַנט איז ניט אָנגעגאַנגענ קיינ געלעכטער.

— מיילע, — האָט ברונאָ צולעצט א מורמל געטאָן, — וועגן מיר האָט ער זיך קיין שום גײַס ניט דערוווּסט.

דערווײַל האָט זיך וווּלקאַנ אומגעקערט, שלעפנדיק מיט טריוּמפ אין די ציינער א שטיק פון א ווײַסן קלויסטער־מאַנטל.

ברונאָ האָט זיך דערמאָנט דעם הערב פונעם דאָמיניקאַנער אָרדענ: א הונט, וואָס טראָגט א פאַקל.

— רעכט, וווּלקאַנ! — האָט ער אויסגעשריִען.—דו ביזט אַן עכטער גאָטס הונט! דו טראָגסט ניט אין די ציינער דעם פאַקל פון עמעס, אָבער דו טראָגסט די צעביסענע אומוויסנהײַט. און דאָס איז אויך גוט.

—אָבער וואָס וועסטו טאָן? — האָט ריבעלאָ געפרעגט.—זײַ שפּירנ גוט נאָך נאָך דיר.

— איך וועל פאָרנ קיין רוים. איך וועל קומענ צום פּויפּסט אַליינ און וועל בא אים בעטנ, ער זאָל מיך פאַרטיידיקנ פון די היגע אָבסקוראַנטנ. לאָמיר זענ, וואָס מיר וועט ענטפערנ קריסטוסעס פאַרטרעטער אף דער ערד.

— זײַ פאָרזיכטיקער! דו ווילסט זיך אומבאַדינגט ברעכנ דעם קאַרק, ברונאָ.

— יאָ, אויב איך וועל דערבײַ קאָנענ דורכברעכנ מיט מײַנ קאָפּ כאָטש איינ קלויסטער־וואַנט.

— דו וועסט ניט דורכברעכנ, ברונאָ.

— מיר וועלנ זענ... דאָ קענ מענ מיך צו גוט, און דערפאַר האָבנ מיך איינע ליב, די אנדערע האָבנ מיך פײַנט, און אין רוים וועט מענ זיך צו מיר באַציִען מער אָביעקטיוו... דאָ איז די אינקוויזיציע אין די הענט פון די שפּאַניער און דאָרטנ — אין די הענט פון די איטאַליענער...

— דו האָסט דערקענט דעם מאָנאַך?

— דאָס איז אווגוסטינ... ער טוט דאָס ניט פון רישעס, נאָר קעדיי אויסצולייזנ זײַנ נעשאָמע... אזוינע שפּיאָנענ, אגעוו, זײַנענ די סאמע שרעקלעכע...

— נו, איך האָב ניט וואָס מוירע צו האָבנ, — האָט ריבעלאָ געזאָגט, — איך וועל אינגיכנ זײַנ ווײַט...

ער האָט ניט דערעדט. ער איז בלייך געוואָרנ און האָט א כאַפּ געטאָנ ברונאָ פאר דער האַנט.

— גאָט באַהיט, — האָט ער א מורמל געטאָנ מיט שרעק. — ער

וועט דאָך מאַטערנ, אַז גראַפ דע-ליל פאָרט אַוועק איבערמאָרגנ. ער האָט דאָך געהערט אונדזער גאַנצנ שמועס.

— איז גיב צו וויסנ דעמ גראַפ. זאָל ער אָוועקפאָרנ מאָרגנ,

— געבנ אימ צו וויסנ ? — האָט ריבעלאָ אויסגעשריִענ. — און ווו זאָל איך אימ געפינענ ?.. און איך וועל איצט, ווײַזט אויס, אויך ניט גוט אָפשנײַדנ.

אינ גרויס פאַרצווייפלונג האָט ער אַ קוק געטאָנ אינ דער ריכ-טונג צו דער שטאָט נעאַפאָל.

IV. אַנ אומגעבעטענער אויסלייזער

ברונאָ איז לאַנגזאַמ אַוועק אָפנ וועג צו נעאַפאָל. אָבער גייענ-דיק האָט ער ביסלעכווײַז געשטעלט אַלצ קלענערע טריט און צולעצט האָט ער זיכ גאָר אָפגעשטעלט פאַרטראַכטערהייט.

אינדערעמעסנ, צי איז דענ ניט נאַריש אומצוקערנ זיכ איצט אינ קלויסטער ? אַווגוסטינ האָט שוינ אַוואַדע באַוויזנ איבערצוגעבנ וועמענ מע דאַרפ דעמ אונטערגעהערטנ שמועס. און ס'איז זייער מעגלעכ, אַז ברודער מאָנטאַלטשינאָ האָט שוינ אָפגעגעבנ אַ פאַראָרדענונג צו אַרעסטירנ ברונאָ אַלס אַנ אַפיקורעס, צו מישפעטנ אימ אָדער גאָר צו קעפנ אימ. וויפל מענטשנ שיקט מענ אַוועק אָפנ שײַטערהויפנ פאַר אַ צופעליק וואָרט, פאַר אַ נישטיקנ צווייפל אינ די דאָגמאַטנ פונ דער קירכ, פאַר אַנ אומפאָרזיכטיקנ וואָרט ! און ברונאָ האָט דאָכ געלייענט פאַרבאָטענע אַפיקאָרסישע ביכער, קאָפערניקס ווערק, די ווערק פונ די דײַטשישע געלערנטע—די הומאַניסטנ, ער האָט געשריבנ קאָמעדיעס און אינ זיי אויסגעלאַכט די טעמפע גאַלאָכימ, ער האָט ניט אָנערקענט אַריסטאָטעלס און טאָמאַס אַקווינאַטס אויטאָריטעט, ער האָט געוואָלט דענקענ און אורטיילנ אָפ זײַנ אייגענעמ שטייגער.

אַרומ איז געווענ נאַכט, שטיל, ראַכוועסדיק. דער הימל האָט געברענט מיט שטערנ, און די שטערנ האָבנ אַזוי ווי פרײַנטלעכ אונטערגעפינטלט צו ברונאָ. אַ פריש ווינטל האָט געגלעט זײַנ פּאָנעמ און זײַנ האָלדז. די וועלט איז געווענ שיינ. און דאָרטנ, אונטער די טונקעלע געוועלבנ פונ קלויסטער, איז אַזויפיל רישעס, אַזויפיל נאַ-רישקײַט, אַזויפיל ביטערקײַט ! איינע מאָנאַכנ גייענ אַרומ ליידיק און

ווערן צעפּלאַצט פּרעסנדיק, אַנדערע שמײַסן זיך, שפּיזאָנירן אײנער נאָכן אַנדערן, פאַרשילטן דאָס סאַמע פּראַכטפולע, וואָס ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט — דאָס פרײַע לעבעדיקע לעבן. דאָס אַלץ איז עקלהאַפט.

בּרונאָ האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט, און אים האָט אָנגעכאַפּט אַ שרעק באַם געדאַנק, אַז מע וועט אים פאַרשפּאַרן אין אַ פינצטערן סקלעפּ און באַם שײַן פון רויִקע פאַקלען וועט מען אים פאַרהערן און פּײַניקן. גאַנץ הינט וועלן לעקאָוועד גאָט מיט פאַרגעניגן צע-רײַסן זײַן קערפּער, זיי וועלן אים ברעכן הענט און פיס, ניין, מע דאַרף לויפן קיין רוים און דאָרטן זוכן שוץ. די שפּאַנישע אינקווי-זיציע איז באַוווּסט מיט איר טעמפּקײַט און רעציכע. די רוימישע אינקוויזיציע איז אַוודאי גערעכטיקער און אויפגעקלערטער.

בּרונאָ האָט פאַרקערעוועט אויפן וועג צו דער שטאָט יאָלע. דאָרטן איז ער געבאָרן געוואָרן און דאָרטן האָט ער געהאַט פרײַנט, זיי קאָנען אים העלפן אַרויסקלײַבן זיך אין וועג.

פּלוצעם איז פון די פינצטערע קוסטעס אַרויסגעשפּרונגען אַ מענטש און האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— בּרודער דזשאָרדאַנאָ, וווּהין גייסטו? — האָט ער געפרעגט הייזעריק און אויפגערעגט.

בּרונאָ האָט טײקעף דערקענט דעם בּרודער אַווגוסטין. זײַן קלויס-טער-מאַנטל איז פון אונטן געווען צעריסן אויף שטיקער, זײַנע פיס זײַנען געווען צעבלוטיקט. ער איז געווען זייער שרעקלעך. אַ מאָ-גערער, אַ בלייכער, מיט פינקלענדיקע אויגן, האָט ער געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ מעשוגענעם.

— וווּהין גייסטו, בּרודער? — האָט ער געפרעגט.

— דו מוזט עס אומבאַדינגט אַלץ וויסן, אַווגוסטין? — האָט בּרונאָ געפרעגט מיט פאַרדרוס, אָבער אָן בייזקײַט.

אַווגוסטין האָט באַ אים אַרויסגערופן אַ געפיל פון באַדויערונג און עקל.

— יאָ, איך מוז אַלץ וויסן...

— דו האָסט שוין אַזוי אויך אַ סאַך זיך דערוווּסט, אויסבאַ-האַלטנדיק זיך אין די קוסטעס, ווי אַ שלאַנג.

— דזשאָרדאַנאָ! — האָט יענער אויסגעשריִען מיט פאַרביטערונג — דו רופסט מיך אָן „שלאַנג“ און איך טראַכט נאָר וועגן דעם, ווי צו ראַטעווען דיך.

— מיך צו ראטעווען?

— ניט דײַן קערפּער, נאָר דײַן נעשאָמע, ברונאָ. איך האָב דיך ליב, איך וויל אוועקנעמען דיך פון דער פינצטערניש פון געגעם און באשײַנען דײַן סייכל מיט דער ליכט פון עמעס...

— לייז אויס דײַן נעשאָמע, אווגוסטינ, און וועגן מײַנער זאָרג זיך ניט.

— ניין, איך מוז זאָרגן אויך וועגן דײַנער. אויב איך וועל זײַן גליַיכגילטיק און לאָזן אומקומען דײַן נעשאָמע, וועל איך אויך אומברענגען מײַנע... אויסלייזנדיק דיך, לייז איך אויך אויס זיך... טו טשוווע, דזשאָרדאנאָ, נעם אפּ זיך א טאָנעס. שמײַס זיך. טרײַב ארויס פון דײַן מויעך דעם טײַוול. דו האָסט דאָך א הויכן אינטעלעקט, דזשאָרדאנאָ. ווען דו וואָלסט זיך ניט ארײַנגעלאָזן אין דער אפּיקאָרסעס פון פרײַזינ, וואָלסטו געקאָנט ווערן א צווייטער טאָמאס, א צווייטער דאָמיניק...

— איך זע ניט אײַן קיין באדערפעניש צו זײַן טאָמאס אָדער דאָמיניק. איך וויל זײַן דזשאָרדאנאָ ברונאָ...

— זײַ דזשאָרדאנאָ ברונאָ, אָבער זײַ א גוטער קאטויל.

— און אויב איך וויל ניט?

— דוווילסט ניט?—אווגוסטינס אויגן האָבן א פינקל געטאָן.— דעמלט וועל איך אויסלייזן דײַן נעשאָמע קעגן דײַן ווילן. אינעם אלמעכטיקן פײַער וועט פארברענט ווערן דײַן קערפּער און די פײַניקונגען וועלן אומקערן דײַן נעשאָמע צו גאָט...

— דו וועסט מיך אָפּשיקן אפן שײַטערהויפן?

— יאָ... אויב דו וועסט ניט טשוווע טאָן... אויב דו וועסט ניט וועלן פארנעמען מײַנע ווערטער...

— און דו וועסט רויִק צוקוקן, ווי איך וועל זיך קאָרטשען אפן שײַטערהויפן? איך, דײַן פרײַנט ברונאָ?

— יאָ, ווײַל קאָרטשען זיך וועט נאָר דײַן קערפּער, און דײַן נעשאָמע וועט זיך פרייען צוזאמען מיט גאָט.

— נו, און אויב גאָט פרייט זיך, קוקנדיק, ווי עס קאָרטשעט זיך אפן שײַטערהויפן אן אומגליקלעכער מענטש, וואָס ער אליין האָט אים באשאפן, איז צו אזא גאָט וויל איך ניט דינען און ניט טפילע טאָן.

דערהערנדיק אזעלכע ווערטער, איז אווגוסטינ געוואָרן בלאס, ווי

דער טויט. ער איז אָפּגעשפּרונגען צוריק און אָפּגעפּרעפּלט א טפילע. אין דעם מאָמענט האָט זיך ערגעץ דערהערט א מאָדנער רויש, ווי עס וואָלטן זיך א דריי געטאָן קאָלאָסאַלע מילשטיינער—די ערד האָט זיך פּלוצעם א טרייסל געטאָן אונטער די פיס פון די מאַנאַכן.

אווגוסטין איז אַנידערגעפאַלן אפ די קני, ווי פארשטאַרבן. אָבער אַלץ איז שוין שטיל געוואָרן.

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקן?—האָט ברונאָ געפרעגט.— ביסטו דען ניט געווויינט דערצו, אז די ערד טרייסלט זיך אָפּט בא אונדז אונטער די פיס?

אווגוסטין איז אופגעשפּרונגען און האָט דראָענדיק אופגעהויבן זיין האַנט:

— יאָ, די ערד טרייסלט זיך אָפּט בא אונדז אונטער די פיס, ווייל גאָטלעסטערישע רייד ווי דיינע לאָזן זיך אָפּט הערן איבער איר... ערדציטערנישן, פעסט. דאָס אַלץ איז גאָטס צייכנס... א פעסט בושעוועט אין איטאַליע... די ערד ציטערט, בערג שפּייען מיט פייער... פאַרפלוכט זאָל זיין דער, וואָס וויל ניט פאַרשטיין אַזוינע צייכנס...

— דעם פאָריקן זונטיק האָט די ערד א ציטער געטאָן בייס דער מעסע, און זי האָט אַזוי א ציטער געטאָן, אז אַלע זיינען אַרויסגעלאָפן פון טעמפּל... פאַרוואָס האָלטסטו דאָס ניט פאַר א צייכן, אז מע דאַרף ניט טאָן קיין טפילע?..

— שווייג! לעסטער ניט! די ערד האָט א ציטער געטאָן, ווייל דו ביסט געווען אין טעמפּל.

ברונאָ האָט פאַרשטאַנען, אז עס האָט קיין זין ניט מיט אים ווייטער צו אַמפּערן זיך. אָבער, ווי ווערט מען פּאָטער פון דעם טירעפּ? ווי נאַרט מען אים אָפּ?

— אַדיע,—האָט ברונאָ געזאָגט,—איך גיי קיין נעאַפּאָל.

— פאַל ניט אַריין אין זינד פון ליגן זאָגן. דזשאָרדאַנאָ, דו גייסט קיין יאָלע.

דזשאָרדאַנאָ האָט זיך פּלוצעם גענומען ערגערן. אים האָט אופגעבראַכט דער געדאַנק, אז די גאַנצע צייט פאַרמעסט זיך עמעצער אפ זיין פרייהייט.

— יאָ, איך גיי קיין יאָלע. גיי אין קלויסטער, מאָסער, אויב דו ווילסט.

און ער האָט גענומען שטעלן גרויסע טריט.

אווגוסטינ איז נאָכגעלאָפנ נאָכ אימ.

— ברודער, — האָט ער געזאָגט, — טו טשוווע... מיר טוט באַנק, מיר איז שרעקלעכ אומצוברעננגענ דײַנ קערפּער... אָבער איכ מוז דאָס טאָנ. איכ מוז אימ אומברענגענ צוליב גאָטס קאָוועד וועגנ... ברודער מײַנער, ליבער דזשאָרדאַנאָ,, איכ בעט דיכ... דיכ ליבנ אַלע... גאָט וועט דיר גערנ מויכל זײַנ די פּאָריקע אווירעס, ווײַל דו קאָנסט נאָכ טאָנ א סאכ גוטע מיצוועס אינ זײַנ נאָמענ... ברודער מײַנער...

ער האָט געכאַפּט ברונאָ פארנ ארבל אונ האָט אימ ניט געלאָזנ.

— לאָז!

— ניינ... טו טשוווע...

ברונאָ האָט געוואָלט זיכ ארויסרײַסנ, אָבער יענער האָט אימ אינ פּאַראָקסיזמ פונ ווילדער מעשוגאַס ארומגענומענ מיט די הענט אונ מיט די פיס... זיי האָבנ אָנגעהויבנ שטיל זיכ ראנגלענ. דזשאָר-דאַנאָ איז געווענ שטארקער, אָבער אווגוסטינ איז געווענ געפּאנגענ פונ הייליקנ ברענ אונ האָט ניט נאָכגעגעבנ. זײַנע קויכעס זײַנענ ווי פאַרטאָפּלט געוואָרנ.

— איכ וועל דיכ אויסלייזנ, איכ וועל דיכ אויסלייזנ קעגנ דײַנ ווילנ, — האָט ער געכליפּעט, — איכ וועל דיכ אויסלייזנ...

ברונאָ האָט זיכ א ריס געטאָנ אונ העפטיק אָפּגעשטויסנ אוו-גוסטינענ. אווגוסטינ איז אַנידערגעפאלנ אינ שטויב פונ וועג. ברונאָ איז אוועקגעלאָפנ מיטנ וועג...

— איכ וועל אויסלייזנ, איכ וועל אויסלייזנ, — האָט ער נאָכ געהערט הינטער זיכ. אָבער, ווענ ער האָט זיכ ארומגעקוקט, איז שוינ אווגוסטינ ניט געווענ אפנ פריערדיקנ אָרט. אינ דער שטיל פונ דער נאכט האָבנ קלאָר זיכ געהערט די טריט פונ א לויפנדיקנ מענטשנ...

די טריט זײַנענ אַלץ שטילער געוואָרנ.

דעמלט האָט ברונאָ געענדערט זײַנ באַשלוס. גיינ קיינ יאַלע איז געווענ געפערלעכ. דורכ די קוסטעס איז ער ווידער ארויס אפנ וועג קיינ נעאפּאָל. אינ נעאפּאָל האָט געווינט זײַנ אַלטער לערער פונ מאטעמאטיק אונ פיזיק. ער וועט זיכ אוואדע ניט אָפּזאָגנ צו געבנ אימ אפנ וועג די נייטיקע זאכנ אונ אביסל געלט.

ברונאָ איז געווענ זיכער, אז אינ רוימ וועט מענ זיכ צו אימ באַציִענ מיט גערעכטיקײַט אונ אָנ פּניִעס.

V. דער מאכשײפעס אײַנפאל

— ווו ווערסטו דאָס פארפאלן, סטראשידלע? אנטיקריסט! גיפּטיקער שלאנג! ווו האָסטו זיך דאָס ארומגעשלעפּט? ביסט עפשער געווען בא די מאכשײפעס אף זײער שאבעס, אָדער גאָר אין גענעם? איך בין גרײט זיך וועטן, אז דו האָסט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דער מענוולטע מאריע. אויב אזוי, איז זאָג יעזוסעס טפילע, ווײַל איך וועל דיך גלײַך, שערעצ, אָפּברייען מיט אָקרעפּ...

איר סטראשונעק האָט דאָס מײדל גרינג געקאָנט אויספירן, ווײַל אפן פײַערטאָפּ איז געשטאנען א גאנצע פאן מיט זודיק וואסער.

— בארויק זיך, לויזע, — האָט ריבעלאָ געזאָגט. די גאנצע זידלערײַ איז געווען געווענדט צו אים.

אים איז געווען אָנגענעמ צו הערן אָט די קוילעס, פולע מיט קאס: א באווײַז, אז לויזע האָט נאָך אים געבענקט.

— איך דארף זי שטארק האָבן, די מאריע!

— אויב אזוי וועמען דען דארפסטו האָבן, עקדעש?

— ערשטנס, דיך...

— און צווײטנס?

ריבעלאָ האָט זיך ניט גלײַך געכאפּט, וואָס צו זאָגן. זײער אָפט טרעפט, אז א מענטש זאָגט „ערשטנס" און ער ווייסט ניט וואָס צו זאָגן „צווײטנס",

ריבעלאָ איז אָבער ניט דערפאר געווען אין פארלעגנהײַט. ער האָט ניט געוווסט, ווי זאָל ער מיטײלן לויזען, אז ער פאָרט אָפּ: ער האָט מוירע געהאט, אז עס זאָל ניט אויסברעכן איר צאָרן, און מיט א געוויסער שרעק האָט ער געקוקט אף דער קאָכעדיקער פאן.

ער האָט באשלאָסן אָנהײבן פונווײַטן.

— איך וויל רײַך ווערן, לויזע.

— שוין לאנג צײַט, ווילדע בריע, עקדעש, שלאנגען־קינד!

— איך וויל רײַך ווערן, לויזע, און צוליב דעם, ווייסטו וואָס מע דארף האָבן?

— פריער פאר אלץ דארף מען האָבן א קאָפּ אף די פלײצעס, און ניט קײן פוילן קירבעס, ווי בא דיר.

— צוליב דעם דאַרף מען... — ריבעלע האָט זיך געמאַכט קוראַזש.

— צוליב דעם דאַרף מען פאָרן אין ווײַטע לענדער...

נאָך אַזאַ אַנטשיידענער דערקלערונג האָט זיך ריבעלע אַביסל צו־ריקגעצויגן, אָבער לויזע האָט זיך פּלוצעם פאַרלאָרן און אַ קוק גע־טאָן אויף איר מיט שרעק.

— דו פאָרסט אַוועק, ריבעלע?

— יאָ, לויזע. דאָ קאָן מען ניט רײַך ווערן. אָט בין איך נעכטן געגאַנגען זוכן אַרבעט אין פּאָרט, האָט מען מיך שיִער ניט אָנגע־שלאָגן און מײַן פאָטער האָט מען נאָך שטראָפירט אויף פיר מעסטלעך מעל לעטויוועס דעם קלויסטער דערפאַר, וואָס איך האָב קלוימערשט געמאַכט סקאַנדאַלן און האָב געוואָלט געבן אַ קלאַפּ דעם אויפזעער. און מיטן פאָטער, ווייסטו דאָך, קאָן איך דען אויסקומען? ער האַלט אין איין שעלטן מיך, און סטראַשעט מיך נאָך מיטן בײַטש, פּונקט ווי מע סטראַשעט אַן אייזל, אָדער אַ הונט... אָבער איך בין ניט קיין אייזל און ניט קיין הונט.

— נו, מײַלע, דו ביסט אַן אייזל אי אַ הונט... וווהין־זשע ווילסטו פאָרן, ריבעלע?

— קיין פראַנקרײַך, לויזע.

— וויאַזוי? מיט וועמען?

— מיט איינעם אַ פראַנצויזישן גראַף, וואָס נעמט מיך פאַר אַ דינער.

— ער נעמט דיך פאַר אַ דינער?

לויזע האָט דאָס געזאָגט פאַרטראַכט און טרויעריק. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן זײַנען פול געוואָרן מיט טרערן.

— ריבעלע? מע וועט דיך ניט אַוועקהאַרגענען? רײַזע איז אַ געפערלעכע זאַך. אומעטום זײַנען פאַראַן אַ סאַך מערדער...

— גליק קומט ניט אָן אומזיסט, לויזע... דיר וועט דאָך אַליין זײַן אָנגענעם כאַסענע צו האָבן מיט אַ רײַכן מאַן. שטעל זיך פאָר, וויפל זעלטענע שטאָף, וויפל איידל־שטיינער וועל איך דיר ברענגען...

לויזע האָט אָפּגעזיפצט.

— און ווער איז אָט דער גראַף? עפשער איז ער אַליין אויך אַ מערדער?

— אָ, ניין. ער איז אַן אַפּיקורס.

— וואָס הייסט אַן אַפּיקורס?

— אזוי. ער איז אַ הוגענאָט און איז אנטלאָפן פון פּאריזש, ווען מע האָט דאָרטן געהאַרגעט די הוגענאָטן.

לויזע האָט פאַרבראָכן די הענט.

— און דו, אַנטיקריסט, דו, גאָטלעסטערער, דו האָסט זיך פאַרבונדן מיט אן אַפּיקורס! שיידים וועלן דאָך דיך טייקעף, אָט די רעגע אָוועקשלעפּן אין גענעם און וועלן דיך קאָכן אין קעסל ביז מאָשיעך וועט קומען... איך וועל טייקעף גיין אין דער אינקוויזיציע און וועל מאַסערן דיך און דיין גראף... טפו! טפו! גאָט באהיט מיך... זאָג, זאָג, ראָשע, ווי מע רופט דיין גראף... נו... איך זאָל נאָך מיין נעשאָמע אומברענגען איבער דיר. גלייך גיי איך אין דער אינקוויזיציע.

לויזע האָט ארופגעוואָרפן אַף אירע פּלייצעס אַ בונטע שאַל און צורעכט געמאַכט אירע לאָקן פאַרן שפּיגל. דער רעליגיעזער אימפּעט פון אַ גוטער קאַטוילן האָט זיך אין איר פאַרייניקט מיטן פאַרלאַנג צו מאַכן צו נישט ריבעלאַס רייזע: זי האָט ריבעלאָן שטאַרק ליב געהאַט. ס'איז קענטיק געווען, אַז זי וועט אין קיין פאַל ניט אָפּזאָגן זיך פון איר פאַרלאַנג.

ריבעלאָ האָט אין פאַרצווייפלונג זי אָנגעכאַפּט פאַרן עלנבויגן.

— לויזע, הער אויס — האָט ער געמורמלט.

לויזע האָט אָבער אַבסאָלוט גאָרנישט ניט געוואָלט הערן.

— אַוועק פון מיר, אַוועק, — האָט זי געברומט, — גאָט זאָל מיך אויסהיטן.

ריבעלאָ האָט שוין געוואָלט זי אָנכאַפּן אַף אַן עמעסן, קעדיי ניט צו דערלאָזן אַזאַ אומגעלומפּערטע מעסירע, ווי אין דעם מאָמענט האָט זיך אין קיך באַוויזן אַ גראָבע פּראָוויאַנצימער מיט שאַרפע געזיכט־שטריכן, אַ שוואַרצלעכע, אַ שמוציקע, פון איר האָט זיך געטראָגן אַ רייעך פון ציבעלע און קנאָבל.

— גוטמאָרגן, ריבעלאָ, — האָט זי געזאָגט, — און דו, יאַשטשערקע, קאָך זופּ און מיש זיך ניט אין פרעמדע איניאָנים. איך האָב מיט אייער אויער געהערט אייער שמועס. נו, דערציייל מיר אויספירלעך, וואָס פאַר אַ מייסע.

ריבעלאָס קומענדיקע שוויגער, לויזעס מוטער, איז געווען זייער ענלעך אַפּ אַ מאַכשייפע, ווי מע שילדערט זי אין די פאָלקסבילד־לעך. איר נאָז איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ האַקן, איר קין האָט גע־שטאַרצט פאָרויס, אירע אויגן און ברעמען זיינען געווען שוואַרצער, ווי קויל, און אירע גרויע און שיטערע האָר האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון קאָפּ ווי העסלעכע פּאַטלעס. דערצו נאָך זיינען בא איר אַפּ די פינגער אָנגעוואַקסן לאַנגע שמוציקע נעגל, וואָס מיט זיי וואָלט זי, דאַכט זיך, געקאָנט צערייסן זשאַבעס און פויגלען.

— דערציילט מיר אָקאָרשט אַלצ אויספירלעך, ריבעלאָ.

ריבעלאָ האָט דערציילט, און באַזונדערס לעבהאַפט געשילדערט דעם גראַפס רייכע קליידונג.

די אַלטע האָט אים אויסגעהערט אופמערקזאַם, קראַצנדיק די נאָז מיט איינ שאַרפן נאָגל.

— אָבער ער איז אַן אַפּיקוירעס, מאַמע! — האָט לויזע אויסגע־שריען. איר ווילט, אַז ריבעלאָ זאָל אומברענגען זיין נעשאָמע.

— דעריקער איז, אַז ער זאָל ניט אומברענגען אַפּריער זיין קערפּער. מע זאָל אים ניט אָפּשיקן אַפּן שייטערהויפן.

— אַפּן שייטערהויפן איז נאָך גוט, פייער רייניקט אָפּ פון זינד בעסער איז פאַרברענט צו ווערן אַפּ דער ערד אין וואָסער עס איז אַ שאָ, ווי נאָכדעם ברענען אין אייביקן פלאַם.

— מע דאַרף אויסמיידן ביידע זאַכן, — האָט די מאַכשיי־פע געזאָגט, ביייסנדיק פאַרטראַכטערהייט אירע פינגער, — אָבער ס'וואָלט אויך ניט געשאַדט צו פאַרדינען געלט... דער גראַף איז זיי־ער רייך!

נאָך ווי!... איינ קינזשאַל זיינער איז ווערט איבער טויזנט עקו. אָט אַזוינע רובינען און שמאַראַגדן... הייַנט וואָס פאַר אַ שנאָל אַפּן קאַפּעלוש! זיינע קעשענעס זיינען אוואַדע פול מיט גאָלד...

די אַלטע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צושטימענדיק, און אין אירע אויגן האָט דערביי אַ בלישטש געטאָן אַזאַ גייַ־ציקייט, אַז ריבעלאָן האָט זיך פאַרוואָלט געבן איר אַ גוטן זעץ.

— הער אויס, ריבעלאָ — האָט די מאַכשייפע געזאָגט, — און דו לויזע, איר רעדט ביידע נאַרישקייטן. ס'איז אַ קלאָרע זאַך. דו קאָנסט רייך ווערן אין איינ וואָך און דעמלט וועסטו כאַסענע האָבן מיט לויזען. איך פאַרשטיי ניט וועגן וואָס איז דאָ צו ריידן.

— וויאזוי? — האָט ריבעלאָ געפרעגט אין פארלעגנהייט.

— אָדער דו ביסט אן אויפעלע, ריבעלאָ, אָדער גאָט האָט פלור־צעמ אָפגענומען בא דיר דעם פארשטאנד. באקלער נאָר. דו וועסט פאָרן זאלבעצווייט מיטן גראף?

— יאָ.

— נו, זעסט. אָט דעם גראף, ווען מע צופט אים ארום, קאָן ער דיר געבן האכנאָסע ווייניקסטנס עטלעכע טויזנט עקו. די וועגן אין קאמפאן זיינען וויסטע. א קינזשאל האָסטו, און הארגענען אן אפיקורעס איז ניט וואָס קיין אווירע ניט, נאָר פארקערט, דאָס איז א מיצווע, און יעדער גאלעכ וועט דיר פארגעבן דעם כעט דריי מאָל. ווען דו וועסט אָפפאָרן א ווערסט צוויי הונדערט פון נעאפאָל, קאָנסטו הארגענען דעם גראף און זיכ אומקערן קיין נעאפאָל רייכ און פרום... לויזע וועט ווערן דיינע פרוי און איכ וועל דיר זיין אָנשטאָט א מומע, ריבעלאָ. אָבער מע דארף דאָס אַלץ מאכן אזוי, אז די מאָנאכן זאָלן דאָס ניט דערשמעקן אפריער. אניט וועט די קירכ פאָ־דערן דעם גראפס פארמעגן, דערייבער דארפן מיר טייקעף באקלערן, וויאזוי און ווו צו געפינען דעם גראף, און געבן אים צו וויסן, אז דער מאָנאכ האָט אונטערגעהערט דיין געשפרעכ מיט ברונאָן, און אז מע דארף טייקעף אוועקפאָרן. אָט וויאזוי מע באדארף דאָס מאכן.

ריבעלאָ איז געווען אזוי ווייט דערשיטערט פון אירע רייד, אז ער האָט זיכ אפילע צוגעזעצט אפן בענקל און געגלאָצט די אויגן.

— די מאמע האָט קלוג צוגעטראכט, — האָט לויזע געזאָגט, אראָפ־נעמענדיק איר שאל, — אזוי וועסטו מיט איין מאָל אָפטאָן א סאכ זאכן. אי דו וועסט רייכ ווערן, אי דו וועסט פאדדינען א גרויסע מיצווע, אי דו וועסט כאסענע האָבן מיט מיר. מע זאָל נאָר קאָנען דערגיין, ווו אָט אָ דער גראף וווינט. עס וואָלט געווען נאריש, ווען די מאָנאכן זאָלן אים פאקן פאר דער צייט. דו דארפסט דאָכ אויכ האָבן אן איבריקע מיצווע. די מאָנאכן... זיי וועלן אזוי אויכ אויסגעלייזט ווערן. אפ יעדער אווירע האָבן זיי א טפילע, און דו קאָנסט מיסאטמע ניט דאווענען, ווי געהעריק.

ריבעלאָ האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפ. די גאנצע זאכ האָט פלוצעם באקומען אן אומגעריכטע ווענדונג און איז געוואָרן זיי־

ער פאַשעט. דערהאַרגענע דעם אפּיקוירעס! ווי איז דאָס אים אליין ניט איינגעפאלן אין זין? אָט האָט מען דאָך דערהארגעט אין פּאריזש אין דער בארטאָלאָמעוס־נאכט טויזנטער אפּיקאָרסים, און דער פּויפּסט אליין האָט וועגן דעם אָפּגעדינט א דאנק־מעסע און געשיקט דעם פראנצויזישן קעניג קארל דעם ניינטן זיין אפּאָסטאָלישע בראָכע.

און פונדעסטוועגן איז עפּעס וואָס ניט געפעלן ריבעלאָן אין אָט דעם פּלאַן. עפּעס האָט געזויגן אונטערן לעפעלע און עס האָט אים אָנגעהויבן אביסל איבלען. אגעוו, אין קיך האָט שוין צו פיל געזי־פּעשעט מיט קנאָבל.

— וואָס זיצסטו ווי א ליימענער גוילעם? — האָט לויזע געפרעגט אומצופרידן.

— דאָס איז עפּעס אלץ מיט איין מאָל געקומען... איבריקנס, וואָס קאָן זיין בעסער?

— ווילסט זיך פון מיר אָפּקערן, קער זיך אָפּ... מיינסט, אין נעאפּאָל איז פאראן ווייניק בעסערע כאסאנים פאר דיר, פאר־זעעניש...

— שטילער, טאָכטער, שטילער, — האָט די אלטע געזאָגט. — רי־בעלאָ קאָן פּאַשעט ניט קומען צו זיך פאר פרייד. עס פרעגט זיך נאָר, ווי געפינט מען דעם גראף? שטייענדיק אפּ איין אָרט — גע־ווים ניט. איך וועל גלייך גיין ערגעץ אויסשמעקן, און דו שפּאציר ארום פארביי די סאמע רייכע פּאלאצן. זיין שוועסטער האָט געווים כאסענע געהאט ניט מיט קיין פּויער, פרעג נאָר אויס בא דער די־נערשאפט. איך פארשטיי ניט, פארוואָס מע האָט אים שוין לאנג ניט געכאפּט. אפּאָנעם, ער האָט דאָ א צאד. מעווארט, ער זאָל אָפּפאָרן. דארפסטו דאָך אוודע ניט פארשלאָפן.

ריבעלאָ איז שטילשווייגנדיק ארויסגעגאנגען. ער האָט א פּייפ געטאָן צו זיין הונט, וואָס האָט זיך געיאָגט איבערן הויף נאָך קעץ, און איז פארזאָרגט אוועק איבערן גאס.

ער איז געגאנגען צום רייכן טייל שטאָט, ווו עס האָבן געוווינט די אדעליקע סיניאָרן. זיין וועג איז געלעגן דורך שמאָלע געסעלעך ווו עס האָבן זיך אופגעהאלטן אלערליי האנטווערקער און קליינע הענדלער. ריבעלאָ איז געגאנגען לאנגזאם, ווי ער וואָלט געשלעפּט די פיס קעגן זיין ווילן. ער איז געווען צעטומלט.

פלוצימ האָט דער פודל אָנגעהויבנ ברילנ און גענומענ ארומ־שמעקנ עפּעס א זאכ, וואָס האָט זיכ געוואלגערט אפנ ברוק קעגנ א קלייטל פונ אנ אלטנ שוסטער. דער שוסטער איז געזעסנ אפנ שוועל און האָט צוגעקלאפּט צומ שוכ א נייַעמ קנאפל. דער הונט האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ צומ שוסטער און גענומענ בילנדיק ארומשמעקנ דעמ שטיוול.

— היי, ער איז בא דיר מעשוגע, צי וואָס? — האָט דער אלטער געפרעגט, אָפּרוקנדיק זיכ מיט שרעק.

דער הונט איז אָבער געלאָפנ ארומ און ארומ, געקייַקלט אפנ ברוק דעמ קנאפל, געשמעקט די שטיינער, די לופט, דעמ שטיוול אינ דעמ שוסטערס האנט.

— וווּלקאנ, אוועק, — האָט ריבעלאָ אויסגעשריִענ, אָפּשלעפנ־דיק דעמ הונט. פלוצעמ האָט עפּעס א בליצ געטאָנ אינ זייַנ קאָפּ.

ער האָט זיכ אויכ א וואָרפ געטאָנ צומ שטיוול און אימ א כאפּ געטאָנ פארנ קעפל.

— היי, אהער! — האָט דער שוסטער אויסגעשריִענ, מיי־נענדיק, אז מע וויל בא אימ צוגאנווענ דעמ שטיוול. אָבער אינ א הייסנ טאָג איז שווער עמעצנ רופנ צו הילפ.

— גאָרנישט, גאָרנישט — האָט ריבעלאָ געמורמלט, — זאָג נאָר, ווער האָט דיר געגעבנ אָט דעמ שטיוול?

— יעדנפאלס ניט אזא שלעפּער, ווי דו. זעסט וואָס פאר א לע־דער. אנ איידעלער הער האָט מיר צוגעשיקט דעמ שטיוול... איכ אר־בעט נאָר פאר איידעלע הערנ.

— ווי גיכ דארפ ער קומענ נאָכ דער ארבעט?

— זעסטו, נאָר דו איינער. ער וועט, פארשטייט זיכ, אליינ ניט קומענ, ער וועט שיקנ נאָכנ שטיוול... די דינסט האָט געבראכט דעמ שטיוול, און זי וועט אוודע קומענ נאָכ אימ. איכ האָב פאריכט שטיוול פאר פירשטנ, באראָנענ און גראפנ, אפילע פארנ הערצאָג אלבא אליינ, און אינ פאָנעמ האָב איכ אפילע קיינ איינעמ פונ זיי ניט אָנגעזוענ.

— זייַנ נאָמענ ווייסטו?

— די דינסט האָט ניט געזאָגט... זעסטו, באָכער, ניט אלע מאָל און ניט אומעטומ דארפ מענ זאָגנ דעמ נאָמענ. ווענ בא א סיניאָר פליט אראָפּ דער קנאפל, הייסט עס, ער איז ארויסגעשפּרונגענ פונ

א פּענצטער. עס קאָן זײַן, אַז ער איז געלאָפן פון אַן אײפּערזיכ־טיקן מאַן צי פון זײַן געליבטערס טאַטן. נו, און אויב אַזוי איז שוין בעסער שווײַגן און נים זאָגן דעם נאָמען... דערווײַל, האָב איך זיך דאָ מיט דיר פאַרעדט און זי גייט שוין... עמעס, דער שטיוול איז שוין פאַרטיק... שוין. שוין, פאַרטיק!

דאָס האָט דער אַלטער אַזוי א געשריי געטאָן צום יונגן מיידל, וואָס איז אין דעם מאָמענט צוגעקומען צו אים.

— גוט, וואָס ס,איז שוין פאַרטיק.

— ווי רופט מען דײַן הער, שיין מיידל?

— דו דאַרפסט דאָס וויסן? באַקום דײַנע פּאָר גראָשן און זע, פאַרשיקער ניט אַף דער עלטער.

דער שוסטער האָט א ווונק געטאָן צו ריבעלאָן. ריבעלאָ איז אָפּגעגאַנגען אָן א זײַט און קלוימערשט גלײַכגילטיק געפּײַפט א ליד־דעלע.

— אָט וואַרט דאָ אַף דיר א כאָסן, — האָט דער אַלטער געזאָגט, דערלאַנגענדיק דעם מיידל דעם שטיוול און לאַכנדיק הויך פון זײַן שפּאַס.

דאָס דינסטמיידל האָט אָפּגעמאָסטן ריבעלאָן מיט איר קוק. גע־וואָלט האָט זי אָנקוקן אים שטרענג, נאָר זי איז עטוואָס געקומען אין פאַרלעגנהייט און איז רויט געוואָרן.

— דו ביסט געפעלן געוואָרן, באַכער! — האָט דער שוסטער אויסגעשריִען. —

— וואָס־זשע, עס גייט א גאַנג.

ריבעלאָ האָט זיך בעקיווג צעלאַכט און זיך אויך געמאַכט, ווי פאַרלעגן.

— דער אַלטער פלוידערט אומזיסט, — האָט ער געזאָגט, — זי האָט א בעסערן כאָסן ווי איך.

אַזאַ באַשיידנקייט האָט אַפּאָנעם געמאַכט אַן אָנגענעמען אײַנ־דרוק. ביפּראַט נאָך, אַז מע האָט זיך דאָס ניט געקאָנט ריכטן פון אַזאַ שיינעם יונג.

— רעכט, — האָט דאָס מיידל א מורמל געטאָן, זי האָט באַצאָלט דעם שוסטער און איז אוועק אַהיים.

ווען זי איז דערגאַנגען ביזן ווינקל, האָט זי זיך פריילעך אַרומ־געקוקט.

— היי, באָכער, באגלייט זי! — האָט דער אלטער אויסגעשריִען מיט א געלעכטער. — זע, אויב עס וועט האלטן בא כאסענע, פארגעס מיך נים רופן!

ריבעלאָ האָט זיך אנטשלאָסן און איז גיך נאָכגעגאנגענע נאָכן מיידל. דער הונט איז געלאָפן שלעפנדיק אין די ציין און גריזשענדיק דעם קנאפל.

איצט איז ריבעלאָ אפ אן עמעס געווען גרייט צו גלייבן, אז גאָט אליין האָט אים ארופגעפירט אפ די שפורן פונעם אפיקוירעס דערמיט, וואָס ער האָט אונטערגעוואָרפן דעם פודל זיינעם דעם קנאפל. ווען ער וועט באגלייטן דאָס מיידל, וועט ער דערגיין, ווו דער גראף וווינט... און דעמלט? אויספירן דעם פלאן, וואָס די מאַכשייפע האָט צוגעטראכט!

ריבעלאָן איז עפעס ווידער ניט גוט געוואָרן אפן הארצן.

VI. סאנטא מאריא סאָפרא מינערווא

די זון האָט זיך גענייגט צו מיירעוו־זייט. די רוימישע קאמפאני האָט זיך אָפגערוט פון דער ברענענדיקער היץ. דער הימל איז געוואָרן וויניקער העל, די אלבאנישע בערג האָבן זיך געבלויט אינדערווייטן; איבער די פעלדער, אויסגעברענטע פון דער זון, האָבן געבלאָנדזשעט שעפסן און ציגן, און די פאסטעכער זיינען געזעסן, פלוידערנדיק צווישן זיך. אין שאָטן פון קאָלאָסאלע האלב־כאָרעוו געוואָרענע ארקעס, — כורוועס פון אן אלטער רוימישער וואסערלייטונג. די כורוועס האָבן זיך געצויגן, ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט כאפן, ענלעכע אפ א ריי פארגליווערטע אלטפרענקישע באשעפענישן.

אמאָל פלעגט אָט די וואסערלייטונג געבן רוים וואסער פון די שכיינעסדיקע אָזערעס. פאר יענער צייט איז זי געווען א וווּנדער פון דער בוי־קונסט. לענגויס דעם ברייטן ווייסן וועג האָבן זיך געגרויט קוואָרים, כורוועס פון מאווזאָלייען און אלטע געביידעס. דאָס איז געווען דער בארימטער אפּיוס־וועג, וואָס איז נאָך געווען געבויט בייס די רוימישע קייסאָרים. דער וועג איז געגאנגען צו דאָרעם־זייט. אפ דעם וועג זיינען אמאָל געגאנגען די אַנדערע רוימישע לעגיאָנען קיין אפריקע, אזיע, מוקדן.

אין דער צײַט, וואָס מיר שילדערן, האָט דער וועג אָנגעוואָרן זײַן מיליטערישע און קאָמערציעלע באַדײַטונג. אָבער די שקלאַפן פון די רוימישע קייסאָרים האָבן אים אויסגעברוקירט און ער איז געבליבן זייער א באַקוועמער וועג פאַר רײַזנדע.

דער אײַנפאָר-הויף מיטן שילד, ווו עס איז געווען אויס-געמאָלט א פלאַש און שינקע, האָט, אַפּאָנעם, געמאַכט גוטע גע-שעפטן, און זײַן באַלעבאָס, סיניאָר פּולטשי, האָט שטענדיק געהאַט א פריילעכע שטימונג.

איצט איז ער געשטאַנען באַם טויער פון זײַן הויז און באַקוקט דעם בלויען האָריזאָנט מיט דער מינע פון אַן עכטן זיגער.

— אָהאָ, ראָזינע! — האָט ער א געשריי געטאָן צו זײַן ווײַב, וואָס האָט געשווענקט גרעט אַפן הויף. — עמעצער רײַט פון דאָ-רעמ-זײַט!

סיניאָר פּולטשי האָט געשעצט געסט ניט נאָר פאַר דער האַכנאָסע, וואָס זיי פלעגן אים אײַנטראָגן. ער איז געווען זייער נײַגעריק, ער האָט ליב געהאַט פּליאָטקעס און געוואָר ווערן אַלער-ליי נײַסן.

— מע רײַט, מע רײַט. אַפּאָנעם, ניט קיין געמיינער מאַן.

איצט האָט זיך שוין קלאָר געהערט א געקלאַפּ פון קלאָען. פונעם ווײַסן וואָלקן שטויב האָט זיך אַרויסבאַוויזן א רײַטער — א יונגערמאַן, אײַנגעהילט אין א לײַכטן מאַנטל, אין א רײַ-זע-בערעט, אָן א שפּאַגע, קורץ — ניט קיין מיליטער-מענטש.

צום זאָטל איז פון הינטן געווען צוגעבונדן א רײַזע-זאַק.

„בעסער אז ניט קיין מיליטער-מענטש, — האָט פּולטשי א טראַכט געטאָן. — די מיליטערישע פאַרשאַפן א סאַך קלאָפּאָט“.

— זאָגט מיר, — האָט דער רײַטער געזאָגט, צוהאַלטנדיק זײַן פערד, — ס'איז נאָך ווײַט ביז רוים?

— אַז אַזאַ פערד וועט אײַער גנעדיקײַט אַהינצו דער-שפּרינגען ווייניקער ווי אין א האַלב שאָ, אָבער איר דאַרפט אביסל אונטערהאַלטן אײַערע קויכעס. ס'איז ניט געווען קיין פאַל, אַז עמעצער זאָל זיך אַזוי דורכפאָרן פאַרבײַ אָט דעם טויער, ניט האָבנדיק פאַרזוכט א שטיקעלע הון און ניט דערפרישנדיק זיך מיט א גלעזעלע פראַסקאַטי.

— און אויב איכ וועל גיינ צופוס, — האָט דער רײַטער איבער־געשלאָגנ, — ווי לאַנג וועל איכ דארפנ גיינ?

— צופוס? צופוס איז א שאָ, אָנדערהאלבנ... נאָר, סיניאָר, איכ ראט אײַכ בלײַבנ איבערנעכטיקנ בא מיר, ווײַל אָט דאָרטנ, זעט איר, זײַנעו פאראנ אלערליי אלטע סקלעפנ אונ אינ זיי וווינענ, — איכ פארזיכער אײַכ, — ניט נאָר מײַז... א סאכ ניט גוטע לײַט, סיניאָר, שלעפנ זיכ ארום אפנ אפּיוס־וועג.

דער רײַטער איז דערווײַל ארָאפגעשפרונגענ אפ דער ערד, ער האָט א וואָרפ געטאָנ די לייצעס דעמ באלעבאָס אונ האָט געזאָגט אנטשלאָסנ:

— איכ וועל פונדאנענ גיינ צופוס. דעמ פערד וועל איכ לאָזנ בא אײַכ. אונ איצט גיט מיר עסנ אונ ווײַזט מיר, ווו איכ קאָנ זיכ איבערטאָנ...

סיניאָר פּולטשי איז פונ דעמ אלעמ געווענ זייער פארוווּנדערט. מיילע, פערד האָט מענ אימ ניט איינ מאָל אָנגעטרויט, אָבער ווער האָט עס כיישעק צו שלעפנ זיכ צופוס, ווענ מע האָט א פערד. דאָכ האָט ער ניט דערווידערט, ער האָט גענומענ דאָס פערד פארנ צוימל אונ נאָר געפרעגט:

— איר זײַט, אפּאָנעמ, פונ נעאפּאָל?

— יאָ.

— ווי זײַנענ דאָרטנ די שפאניער?

— גאָרנישט, זיי הערשנ.

— המ... איז דאָס עמעס, אז די מאָנאכנ זײַנענ דאָרטנ אלע אָנגעקומענ צו זיי אפ געהיימער דינסט?

— נארישקײַט!

דער רײַזנדער האָט אָפגעבונדנ פונ זאָטל דעמ פאק אונ איז ארײַנ אינ שטוב. ראָזינע האָט אוועקגעוואָרפנ דאָס גרעט אונ זיכ געשטעלט אינ קיכ אָפּבראָטנ א הינדל. איר איז זייער געפעלנ גע־וואָרנ דער שיינער רײַזנדער אונ זי האָט אימ געוואָלט גוט טראקטירנ.

ווענ סיניאָר פּולטשי האָט אָפגעפירט דאָס פערד אינ שטאל אונ איז ארײַנ אינ שטוב, האָט ער דערזענ: א דאָמיניקאנער מאָנאכ אינ א ווײַסנ קלויסטער־מאנטל זיצט צו אימ מיטנ רוקנ אונ לייענט א בוכ.

סיניאָר פּולטשי האָט ניט ליב געהאט קיינ מאָנאכנ, ביפראט נאָכ דאָמיניקאנער.

„וויאַזוי איז דאָס דער מאָנאַך אַרײַנגעקראָכן אַהערצו? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — אפֿן וועג האָט מען אים, דאַכט זיך, ניט געזען. ער האָט זיך אַרײַנגעגאַנוועט, ווען איך האָב זיך געפּאָרעט מיטן פֿערד. דערוועגן זאָל ער זיך מיט די פּאַטשערקעס, שטראָף מיך ניט, גאָט, פֿאַר די רייד".

פֿאַרן מאָנאַך אין די אויגן קאָן מען שוין ניט פֿיל ריידן מיטן נעאַפּאָלער רײַזנדער. ווען מאָנאַכן זײַנען דאָ, דאַרף מען אָנשפּיצן די אויערן. מע דאַרף געבן צו וויסן דעם רײַזנדער, אַז דאָ זיצט אַ הייליקער ראָב.

סיניאָר פּולטשי האָט באַשלאָסן דערווײַל זיך ניט אינטערעסירן מיטן מאָנאַך, ביפֿראַט נאָך, אַז יענער האָט אים אויך אַזוי ווי ניט באַמערקט. סיניאָר פּולטשי איז אַרײַן אין צווייטן צימער, וווּ דער גאַסט האָט זיך געזאָלט איבערטאָן.

„דער רײַטער האָט אַוודע געפֿירט אין זאַק שיינע מאַלבושים, און ער קלײַבט זיך מיט זיי פּראַנטעווען אין רוים. מע דאַרף אָפּ טשיקאַוועס אַ קוק טאָן. די נעאַפּאָלער סיניאָרן פּוצן זיך אַלע מאָל רײַך און בונט".

צו סיניאָר פּולטשיס וווּנדער, איז אין צימער קיינער ניט געווען. דער צענויפֿגעוויקלטער פּעקל איז געלעגן אין ווינקל. דעמלט איז ער אַוועק אין אײַנוויינקסטן הויף, מיינענדיק, אַז דער רײַזנדער האָט באַשלאָסן אײַנוואַשן זיך פֿון צעבער, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען, אָבער אפֿן הויף איז אויך קיינער ניט געווען. סיניאָר פּולטשי, גאָר אַ געפּלעפּטער, האָט זיך אומגעקערט אין עסצימער, וווּ דער מאָנאַך איז געזעסן.

— נו, וואָס? — האָט יענער געפֿרעגט, אָפּרײַסנדיק זיך פֿון בוך. — אָוונטברויט וועט באַלד זײַן?

סיניאָר פּולטשי האָט אויפֿגעציטערט. ער האָט דערקענט דעם נעאַפּאָלערס קאָל. ער האָט מאַשינאַל אַ זאָג געטאָן:

— די מינוט... פּאַטער...

אָבער דאָ האָט זיך זײַן צונג פֿאַרהעקעט און ער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן. גראָד אין דעם מאָמענט האָט ראָזינע אַרײַנגעטראָגן אַ שיסל מיט אַ ברויט-געבראָטן הינדל און איז אויך אין שרעק געבליבן שטיין אפֿן שוועל.

— און אַ פֿלאַש פֿראַסקאַטי, — האָט דער דאָמיניקאַנער געזאָגט.

אין פֿינף מינוט אַרום האָט ער געגעסן, געטרונקען און גלײַכ־צײַטיק געלייענט אַ בוך, פֿאַרנאַטירנדיק אין אים עפּעס מיטן נאָגל. סיניאָר פּולטשי האָט באַמערקט אין בוך מאָדנע געמעלן. קײַקעלעך, קרומע ליניעס, ציפֿערן, ווי בײַ אים אין זײַן דעבעט־ און קרעדיט־בוך. דער בוך איז אַבסאָליוט ניט געווען ענלעך אויף וואָסער ס'ניט איז געבעט־בוך, וואָס סיניאָר פּולטשי האָט ווען עס איז געהאַט געזען.

אָבער אָנהייבן ריידן מיטן מאָדנעם גאַסט האָט ער שוין ניט געוואַגט.

דער מאָנאַך האָט אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, נאָכדעם האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און איז אַוועק אין צימער, וווּ זײַן פּעקל איז געלעגן. אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך באַוויזן אין אַ שוואַרצער פּעלע־רינע מיט אַ קאַפּטור, וואָס ער האָט אָנגעטאָן איבער דעם ווײַסן קלויסטער־מאַנטל — די געוויינלעכע רײַזע־קליידונג פֿון די דאָמיניקאַ־נער. זײַן פּעקל איז אַ סאַך מאָגערער געוואָרן, און ער האָט אים באַהאַלטן אונטער דער פּעלערינע. דעם באַלעבאָס האָט ער באַצאָלט ברייטהאַרציקער, ווי יענער האָט זיך געקאָנט ריכטן, און ער האָט זיך גיך געלאָזט גיין מיטן וועג קיין רוים.

סיניאָר פּולטשי האָט אַליין געמוזט אויסטרינקען אַ גאַנצע פֿלאַש פּראָסקאַטי ביז ער האָט געקאָנט קומען צו זיך.

— דו האָסט אים עפּעס געאַרנישט אַ בויץ געטאָן? — האָט ראַ־זינע געפֿרעגט אומרויִק, קוקנדיק אויפֿן וועג, וווּ מע האָט נאָך געקאָנט זען די פֿיגור פֿונעם מאָנאַך, ווי זי דערווײַטערט זיך.

סיניאָר פּולטשי האָט נאָר אַ פֿײַף געטאָן אומבאַשטימט. דער פֿײַף האָט געזאָלט זאָגן: יאָ אַ בויץ געטאָן, ניט אַ בויץ געטאָן — דאָס איז אַ קנאַפּע נאָפּקעמינע, פֿון אַ מאָנאַך דאַרף מען זיך אויף קיין גוטס ניט ריכטן.

— רעכט, — האָט ער אַ מורמל געטאָן — דאָס פֿערד איז בײַ מיר געבליבן אַ מאַשקן. טאָמער וואָס וועל איך קעגן דעם מאָנאַך עפּעס אויך האָבן אַרויסצושטעלן. וואָס שפּרינגט ער אַרום אויף די וועגן, ווי אַ טײַוול און האַלט אין זאַק זײַן גאַנצע הייליקייט? עפּעס איז דאָ ניט גלאַט.

דזשאָרדאַנאָ בּרונאָ האָט באַשלאָסן קומען קיין רוים גאָר אָפן אין זײַנע מאָנאַכן־קלײדער, צו באַװײַזן, אַז ער קלערט גאָרניט צו שרעקן זיך פאַר דער רוימישער אינקװיזיציע. קעדיי צו פאַרלױפן דעם װעג די מאָסרים, האָט ער קימאַט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן מעהאַלעך פון נעאַפּאָל ביז רוים אין װעלטלעכע קלײדער רײַטנדיק און נאָר איצט האָט ער באַשלאָסן זיך איבערטאָן.

ער האָט געפילט אַ גרױסע אופרעגונג, צוקומענדיק צו דער „אײביקער שטאָט״, װעגן װעלכער ער האָט געטרוימט פון קינדװײַז אָן. אינדערװײַטן האָט מען שױן געקאָנט אַרױסזען גרױסע קאָנטורן, ענלעכע אױף געבײַדעס. און דאָרטן, העכער פאַר אַלע געבײַדעס, איז װי אַ שרעק־בילד געהאַנגען אינדערלופטן דער קופּאָל, װאָס איז אים באַקאַנט פון די געמעלן. דאָס איז דער טעמפּל פונעם הײליקן פּעטער. בּרונאָ האָט זיך ניט װילנדיק אָפּגעשטעלט. אַ װינטל האָט צו אים דערטראָגן אַ לײַכטן קלאַנג פון גלעקער. ס׳איז געװען די צײַט, װען אין די קאַטױלישע קירכן קלינגט מען, רופנדיק צו דער טפילע.

מיט צען יאָר צוריק װאָלט בּרונאָ געװיס אַנידערגעפאַלן אױף די קני, װאָלט צונױפגעלײגט די הענט אױף דער ברוסט און װאָלט געזאָגט די געהעריקע טפילעס.

איצט אָבער האָט ער געקוקט אױפן װײַטן קופּאָל און האָט נאָר אָנגעקװאָלן פון די װוּנדערבאַרע קאָנטורן פון דער געבײַדע. גע־לױבט האָט ער ניט גאָט. נאָר דעם גרױסן קינסטלער, װאָס האָט אױפגעבױט אָט דעם װוּנדער פון דער אַרכיטעקטור.

אויב אַזוי, איז צו װאָס גײט ער קײן רוים, אין דער הױפּטשטאָט פון דער עמונע, פון װעלכער ער איז אַלײן שױן לאַנג אָפּגעטראָטן? װאָלט דען ניט געװען פּאָשעטער אַראָפּװאַרפן פון זיך אײנמאָל פאַר אַלע מאָל דעם קלױסטער־מאַנטל און אַװעקגײן ערגעץ, װוּ קײנער װאָלט אים ניט געשטערט פאַרנעמען זיך מיט דער גרױסער נײַער װיסנשאַפט? און דאָך האָט בּרונאָ אומבאַדינגט געװאָלט אױס־פירן זײַנס. ער האָט געװאָלט דערװײַזן אָט די „קלוגע״ פּרעלאַטן, אַז דער עמעס ליגט אינעם עכטן װיסן, באַגרינדעט אױפן עקספּערי־מענט און ניט אױף פאַנטאַזיעס און זעונגען. איז פאַרװאָס טאָר מען ניט אָפּלײקענען אַריסטאָטעלן, אױב די װיסנשאַפט האָט דערװײַזן אין איר אַנטװיקלונג, אַז ער איז ניט גערעכט. פאַר זײַן צײַט איז

ער געווענ גרויס אונ נייטיק, פּונקט אזוי, ווי אמאָל איז נייטיק געווענ אָט די כאָרעוגעוואָרענע וואסערלייטונג... עס וואָלט געווענ לעכערלעכ אָפּצוזאָגנ זיכ איצט צו טרינקענ וואסער נאָר דערפאר, ווײַל דאָס וואסער רינט ניט דורכ דער אמאָליקער וואסערלייטונג. ס'איז לעכערלעכ אָפּצוזאָגנ זיכ צו אָנערקענענ דעמ עמעס נאָר דערפאר, ווײַל ער איז געשעפּט ניט פונ אריסטאָטעלס ווערק. ווי קאָנענ דאָס מענטשנ ניט פארשטיינ אזוינע פּאָשעטע זאכנ?!

ס'איז שוינ געווענ פינצטער, ווענ ברונאָ איז דערגאנגענ בײַנ טויער סאנ-סעבאסטיאנ אונ זיכ געלאָזנ גיינ פארבײַ די קאָלאָסאלע רויִנעס פונעמ פאלאצ פונעמ אמאָליקנ רוימישנ קייסער קאראקאלא. דאָ איִנ רוימ האָט זיכ גאָר באשײַמפערלעכ געלאָזט פילנ, ווי עס ווערט כאָרעוו דאָס אלטע אונ עס ווערט געבוירנ דאָס נײַע, ווי איינ עפּאָכע טרעט אָפּ איר אָרט פאר א צווייטער, אָט די אייביקע פּאָרויסבאַוועגונג, וואָס נאָר מעשוגאָיִמ קאָנענ זיכ פארמעסטנ אָפּצושטעלנ זי.

ברונאָ האָט באשלאָסנ צו לאָזנ זיכ גיינ גלײַכ איִנ דאָמיניקאנישנ סאנקטואריִומ — איִנ דער קירכ פונ סאנטא מאריִא סאָפּרא מינערווא — אונ איִנ איר אינטערנאט זוכנ א היימ.

דאָרטנ אגעוו האָט באדארפט וווינענ דער אלטער מאָנאכ, ברודער מארטינאָ, וואָס האָט נאָכ געקענט ברונאָס פּאָטער אונ איז געווענ בעעמעס זייער א קלוגער מענטש, פונ אימ האָט מענ ניט געקאָנט דערווארטנ קיינ ווילדע מײַסימ, אפ וואָס עס זײַנענ געווענ פייִק די אלערליי מאָנטאלטשינאָס.

אפ די גאסנ איז שוינ געווענ פינצטער. איִנ די הײַזער האָט מענ אָנגעצונדנ פײַער. ערגעצ־ווו האָט זיכ געלאָזט הערנ א פריילעכ לידל, ערגעצ־ווו האָבנ זיכ געזידלט די קרעמער, פארשפּארנדיק זייערע קלייטנ. ברונאָ האָט באמערקט, אז ווענ ער האָט זיכ געווענדט צו די פארבײַגייער מיט א פראגע, ווי מע גייט צו דער קירכ סאנטא מאריִא סאָפּרא מינערווא, פלעגט מענ אימ שטענדיק ענטפערנ מיט שרעק אונ נאָכדעמ פלעגט מענ נעמענ שטעלנ גרויסע טריט. ווענ ער איז דורכגעגאנגענ עטלעכע קרומע אונ שוינ גאָר פינצטערע גאסנ, איז ער ארויס אפ א פלאצ אונ האָט דערזענ דעמ מאריע-טעמפּל, — ער האָט אימ דערקענט לויט דער ארכיטעקטור. דאָס איז געווענ דער איינציקער טעמפּל איִנ רוימ, וואָס איז געווענ געבויט איִנ גאָטישנ סטיל (האגאמ ניט גאָר שטרענג אויסגעהאלטנ). אמאָל איז אפ דעמ

אָרט געווען א געצנדינערישער טעמפּל פון דער געטין מינערווע. דערפאר האָט מען די קירך גערופן „סאַנטא מאַריא סאָפּרא מינערוואַ" („די הייליקע מאַריע איבער דער מינערווע").

דער וועכטער, וואָס האָט ברונאָן געעפנט דעם טויער פונעם קלויסטער־אינטערנאַט, האָט זיך אוואדע ניט פאַרגעסטעלט אז אונטער א מאָנאכס קאַפּטור קאָנען זיך באהאלטן אזוינע זינדיקע געדאנקען.

דער נאָמען פונעם ברודער מארטינאָ האָט געמאכט אפן קלויסטער־וועכטער א גרויסן איינדרוק און אין עטלעכע מינוט ארום איז שוין ברונאָ געווען אינעם אלטן מאָנאכס קאַמער.

דער אלטער מאָנאך האָט אים פריינטלעך אויסגעשטרעקט זיין האנט און אים אוועקגעזעצט אפ א בענקל אנטקעגן זיך.

— פון דיר שמעקט נאָך מיט דאָרעם, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב שוין קימאט פארגעסן דעם גערוך פון אונדזער ליבער יאָלע. נו, דערצייל, צו וואָס דו ביסט דערגאנגען, דזשאָרדאנאָ. איך וויים דאָך, אז דו האָסט א שארפן מויעך און דיין הארץ לעכצט נאָך וויסן... דערצייל, ווי דו האָסט געדינט גאָט די צייט, וואָס איך האָב זיך מיט דיר ניט געזען, און וואָס האָט דיך געבראכט קיין רוים. איך וועל זיין צופרידן, אויב איך וועל קאָנען דיר טאָן א געפעליקייט.

דאָס האָט זייער דערפרייט ברונאָן.

ער האָט אָנגעהויבן ריידן. און ריידנדיק האָט ער זיך אופגעפלאמט, זיך אופגעשטעלט און האָט אָנגעהויבן ארומגיין איבערן צימער. זיינע אויגן האָבן געפינקלט, און איטלעכער וואָרט זיינס איז געפאלן ווי א טראָפּן צעשמאָלצענע בליי, וואָס האָט געזאָלט דורך־און־דורך דורכברענען דעם פינצטערן צודעק פון אומוויסן.

ווי געוויינלעך, האָט ער זיך אזוי צעהיצט, אז ער האָט גאָר פארגעסן וועגן דעם ברודער מארטינאָ. מיטן נאָגל האָט ער געשטרייכט אפ דער וואנט קיילעכדיקע קרייזן, שילדערנדיק די באוועגונג פון די הימלישע קערפּערס; ער האָט געפאָכעט מיט די הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט אוועקפליען אין די אָנענדלעכע וועלטן, וועגן וועלכע ער האָט באהויפּט, אז זיי עקזיסטירן.

און אָט, אין מיטן זיין פלאמיקער רעדע האָט ער דערפילט ברודער מארטינאָס האנט אפ זיין פּלייצע, און א דערשראָקענע שטימע האָט אים אריינגערוימט:

— שטילער, שטילער, שווײַג!

ברונאָ האָט אַ ציטער געטאָן און איז מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן.

ער איז ווי אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ ווײַטער פּלאַנעטע, וווּהין ער איז געווען אַרויפֿגעפֿלויגן, און מיט פֿאַרוווּנדערונג האָט ער אײַנגע-קוקט אין דעם אַלטנס אומרויִקן פּנים.

— קאָן מען דען שרײַען אַזוי הויך וועגן אַזוינע זאַכן? — האָט מאַרטינאָ אַרײַנגערוימט מיט פֿאַרדרוס און צוגעגעבן הויך:

— אַלץ, וואָס דו זאָגסט, ברודער דזשאָרדאַנאָ, איז לעכערלעך, און די קירך האָט דאָס שוין לאַנג פֿאַרורטיילט ווי אַפּיקאָרסעס. אויב דו ביסט נאָך צו יונג און גיסט זיך נאָך אָפּ מיט אַזוינע פּוסטע כאַלוימעס, איז באַמי זיך מיט טאַנייסים, און טפֿילעס צו ווענדן דײַן מויעך אין אַן אַנדער זײַט. איך פֿאַרורטייל אַנטשיידן אַלץ, וואָס איך האָב געהערט פֿון דײַן מויל. גיי אין קאַמער, וואָס איז דיר געגעבן געוואָרן, און זאָל די נאָענטקייט פֿונעם הייליקן פּעטערס שטול ווירקן אָפּ דיר צום גוטן, און די ליכט, וואָס גייט אַרויס פֿון זײַן קיווער, זאָל אויפֿקלערן דײַן מויעך, וואָס דעם טײַוולס לערע האָט פֿאַרטונקלט. גיי בעשאָלעם! גיי בעשאָלעם!

און ער האָט ווידער אים אַרײַנגערוימט:

— אומזיניקער מענטש! דו וועסט אומברענגען מיך און זיך.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ברונאָ אַרויס פֿון קאַמער. עפּעס אַ שאָטן האָט אַ שימערירט געטאָן אין קאָרידאָר און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אָפּנים, מע האָט דאָ אויך אונטערגעהערט אַלע שמועסן.

ער האָט זיך געלייגט אויפֿן האַרטן געלעגער אין דער קאַמער „פֿאַר וואַנדערער".

ער האָט אָפּגעזיפֿצט און זיך אַרומגעקוקט. אין אָנהייב האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַליין, אָבער נאָכדעם האָט ער דערזען, אַז אויפֿן דערבײַיִקן בעטל ליגט אַן אַנדער וואַנדערער — אַ גראָבער מאָנאַך. דער מאָנאַך האָט, ווײַזט אויס, אָפּגעגעסן אַ גוטע וועטשערע, ווײַל אין שלאָף פֿלעגט ער אָפּט אויפֿציטערן פֿון שלוקערצן. אויף זײַן פּנים איז געלעגן אַן אויסדרוק פֿון רו און טעמפּער צופֿרידנהײַט, אין שלאָף האָט ער געקײַט מיט די ליפּן און פֿלעגט אַפֿילו שמייכלען.

אָט דער האָט, נאַטירלעך, געגלייבט אַזוי ווי מע דאַרף.

מאָרגן וועט אים דער פּויפּסט בענטשן, און ער וועט גיין ווײַטער

איבער די הײַזער פרעסנ און טפילע טאָג. איז עס ניט קליגער, ווי אומברענגענ זיכ, ווייס איכ, איבער שטערנ?

אָבער ברונאָ האָט זיכ פלוצעמ אופגעהויבנ מיט אופרעגונג און א קלאַפ געטאָנ איבערנ הארטנ מאטראצ.

— און דאָכ בינ איכ גערעכט, און ניט זיי! — האָט ער געזאָגט.

נאָכדעמ איז ער אנידערגעפאלנ אפנ קישנ, אנ אויסגעמאטערטער פונ לאנגנ וועג, און איז אנשלאָפנ געוואָרנ.

אָבער זײַנ שלאָפ איז געווענ אומרויִק, און דער אומבאקאנטער מענטש, וואָס האָט עטלעכע מאָל שטיל ארײַנגעקוקט באנאכט אינ צימער, קעדיי א קוק צו טאָנ אפ די שלאָפעדיקע, האָט זיכער געקאָנט זאָגנ, ווער פונ די ביידע וואנדערער איז א צאדיק און ווער איז — א ראָשע. דעמ גראָבנ מאָנאכ, ווײַזט אויס, האָט זיכ שוינ געכאָלעמט דער גאניידנ. אָבער ברונאָ האָט זיכ געדרייט אפ זײַנ שמאָלנ געלעגער און געקרעכצט, ווי די שיידימ וואָלטנ שוינ האָבנ באוויזנ אָנצופילנ זײַנ מאטראצ מיט הייסע קוילנ. ער האָט עפעס געמורמלט פונ שלאָפ, אָבער ווי דער נאכט-אויסשפירער האָט ניט אָנגעשטרענגט זײַנ געהער, האָט ער ניט געקאָנט דערהערנ קיינ איינ וואָרט.

VII. „א גליקלעכע רײַזע!“

ברונאָ האָט זיכ אופגעכאפט אינדערפריִ באגינענ. אימ האָט אופגעוועקט דער גלאָקנ־קלאנג און דער הוסט פונ זײַנ גראָבנ שאָכנ.

דער קלאנג פונ די גלאָקנ האָט טרוקנ און קאטעגאָריש אופגעפאָדערט צו דער פרײַקער מעסע. פונ פלאצ האָבנ זיכ דערטראָגנ די געשרייענ פונ די אייזלענ און דער געטומל פונ מענטשנ. רוימ האָט זיכ שוינ אופגעכאפט.

— דו וואנדערסט, ברודער? — האָט דער גראָבער מאָנאכ געפרעגט מיט א באס־שטימע, רײַבנדיק זײַנע פארלאָפענע אויגלעכ.

— איכ בינ געקומענ פונ נעאפאָל... איכ בינ פונ יאָלע.

— און איכ בינ פונ פלאָרענציע, אָבער גאָט האָט געמאכט אזוי, אז איכ האָב זויכע געווענ צו זענ א סאכ לענדער. איצט גיי איכ פונ פאריזש און איכ לאָז זיכ פונקט אהינצו, פונוואנענ דו ביסט אוועק, — קיינ נעאפאָל. דו ביסט פונ סאנ־דאָמיניקאָ מאדזשאָרע?

— יאָ.

— א גוטער קלויסטער! איך וויל דאָרטן אָפּרוען פון דער וואַנ־דערונג... דער ברודער פראַנטשעסקאָ לעבט נאָך?

— ער לעבט.

ברונאָ האָט א טראַכט געטאָן, אַז דער ברודער פראַנטשעסקאָ און אָט אָ דער מאָנאַך וועלן זיך אוואדע ניט צונויפגיין אין זייערע גוסטן, און דער גראָבער מאָנאַך וועט געוויס ניט אויסהאַלטן לאַנג די קאַרגע שפּייַז פונעם נעאַפּאָלער קלויסטער.

— וואָס הערט זיך עפּעס אין פּאַריז? — האָט ברונאָ געפרעגט.

דער מאָנאַך האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— שלעכט. די אַפּיקאָרסים זייַנען געוואָרן אַזוי צעלאָזן, אַז מע קאָן פון זיי ניט אויסהאַלטן... דער קיניג היינריך דער דריטער האַלט אין איין שניצן בילדלעך און טאַנצן אַף די בעלער. בלויז דער הערצאָג גיז היט נאָך אָפּ די קירך. פון דאָרטעם סטראַשען שטענדיק די פאַרפלוכטע הוגענאָטן מיט זייער היינריך פון נאַוואַרע... עס ציט זיך קימאַט א שטענדיקע מילכאָמע... די אינקוויזיציע טוט דאָרטן גאָרנישט, און, נאַטירלעך, זייַנען די גאָטלעסטערער כוצפּעדיקער געוואָרן. אַנדערש איז געווען באַם פאַרשטאָרבענעם קאַרל דעם נייַנטן. איך בין גראָד געווען אין פּאַריז אין דער נאַכט פונעם הייליקן באַרטאָלאָמעוס... אָט דאָס איז געווען א יאָנטעוו פאַר גוטע קאַטוילן! וויפל אַפּיקאָר־סים האָט מען אויסגעקוילעט, צעשאָסן, דערטרונקען אין דער סענע! איך בין געשטאַנען אַפן בריק און האָב קוים באַוויזן צו פאַרגעבן דעם כעט פון מאָרד... וויינציקסטנס הונדערט מאָרדן האָב איך פאַר־געבן אין יענער נאַכט... און איך בין דאָך ניט געווען איינער. דער קיניג אַליין האָט געשאָסן פון פענצטער די לויפנדיקע הוגענאָטן און האָט זייער גוט געטראָפן. נאַטירלעך, גאָט האָט אים געהאָלפן...

— הייסט עס, איצט פאַרפאָלגט דאָרטן קיינער ניט פאַר פרייַזי־ניקייַט?

— צום באַדויערן! מע אָרדנט אייַן דיספּוטן, מע שטרייַט, מע מוסערט די אַפּיקאָרסים, אָבער מע רעכנט זיך מיט זיי ניט אָפּ. פאַר דער צייַט, וואָס איך בין געווען אין פּאַריז, האָט מען קיין איין אומגלויביקן ניט פאַרברענט. און אין שפּאַניע, זאָגט מען, האַלטן די שייַטערהויפנס אין איין ברענען. בא אונדז דאָ היט מען אויך שטרענג די קירך. אונדזער איטאַליענישע אינקוויזיציע איז ניט ווייניקער איי־

פערדיק, ווי די שפאנישע. נו, לאָמיר גיין טפּילע טאָן, ברודער, און נאָכדעם אָנביַיסן. אַלץ איז גוט אין זײַן צײַט...

ברונאָ האָט באמערקט, אז אַלע מאָנאכן פונעם קלויסטער סאנטא מאריא קוקן אף אים מיט א געוויסן כשאד. ברודער מארטינאָ האָט קוים געענטפערט ברונאָן אף זײַן גרוס און האָט זיך טייקעף אָפּגע־קערט. דאָס האָט ברונאָן זייער געקרענקט און אים אריַינגעבראכט אין קאס.

ער האָט ניט געוואַרט אפן עסן און איז אוועק איבער רוים.

איבער די גאסן האָבן זיך געצויגן וועגעלעך פון די ארומיקע פויערים, אָנגעפּירטע פון אייזלען און אָקסן. די פויערים האָבן גע־בראכט קיין רוים אפן מארק גאָרטנוואַרג און פרוכט, מיט וואָס עס זײַנען אזוי רײַך די איטאַליענישע טאָלן הארבסט־צײַט. פון די קירכן־טירן האָט זיך דערטראָגן דער גערוך פון ליכט און ווײַרעך. אין די בלויזנ צווישן די הײַזער האָט זיך פּלוצעם באוויזן אפן פאָן פון בלויען הימל דער קופּאָל פונעם הייליקן פעטער. ברונאָ האָט זיך ניט ווילנדיק אָפּגעשטעלט און נאָכאמאָל אָנגעקוואָלן פון זײַנע ליניעס, וואָס צערטלען דאָס אויג. ער איז ארומגעגאנגען דעם פאנטעאָן און נאָכדעם האָט ער באשלאָסן ארויסצוגיין צום פּויפּסטס פּאלאַץ — צום וואטיקאן. די פארבײַגייער האָבן אים אָנגעוויזן דעם וועג צום בריק סאנט־אנדזשעלאָ, וואָס פארייניקט דעם וואטיקאן מיט רוים. ער איז איצט געגאנגען אף די גאסן, ווו עס האָט גערוישט דאָס געשעפט־לעכע לעבן פון רוים. דאָס זײַנען געווען די בענק, די קאָנטאָרן, גאָלד־שמידערײַען, די פּאלאצן פון קארדינאַלן, באנקירן, די וווינונגען פון אויסלענדישע אמבאסאדאָרן, בא די פענצטער פון א גאָלד־שמי־דערײַ האָט זיך ברונאָ אָפּגעשטעלט, אָנקוועלנדיק פון דער קונציקער ארבעט פון דרײַ יינגלעך־געזעלן. עמעצער האָט אים אָנגערופן מיטן נאָמען.

אפן שוועל פון ווארשטאט איז געשטאנען זײַן אמאָליקער פרײַנט פון יאָלע, דער קינסטלער און גאָלדשמיד פּיעטראָ קאמפּאָ, א שילער פונעם גרויסן בענווענוטאָ טשעליני.

— איך קוק, א מאָנאך האָט אויסגעגלאָצט די אויגן אף מײַנע יונגען. ערשט איך דערקען — דזשאָרדאנאָ... קום ארײַן, מײַן טײַערער,

איך מיין, דער קלויסטער־מאַנטל וועט דיר ניט שטערן נעמען אַ קאַפּעלע וויַין פאַרן אופּבלי פון אונדזער ליבער היים יאָלע.

ברונאָ איז אַריַינגעקומען אין וואַרשטאַט, אַלע מיַיסטערס און געזעלן האָבן מיט נייַגיר אַ קוק געטאָן אויף אים.

— דאָס איז מיַין ברונאָ, דער געלערנטער ברונאָ, וואָס איך האָב איַיך דערציילט וועגן אים! — האָט צו זיי פריילעך אַ געשריי געטאָן פּיעטראָ, און אַלע האָבן זיך צעשמייכלט באַוויַיזנדיק וויַיסע ציין.

פּיעטראָ האָט אַריַינגעפירט דזשאָרדאַנאָן אין אַ גרויסן צימער. דאָס צימער איז געווען אויסערגעוויינלעך ליכטיק, וויַיל דער פּענצטער איז געווען קימאַט ווי די וואַנט די לענג. דאָ זיַינען געשטאַנען מאָדעלן פון וואַקס און גיפּס; דאָ האָבן זיך געוואַלגערט בראָכשטיקער פון מאַרמאָר, עס האָט געשמעקט מיט פאַרב, אויף דער מאָלברעט איז געשטאַנען אַ ניט פאַרענדיקט בילד, וואָס שילדערט אַ לאַנדשאַפט אין דער אומגעגנט פון רוים.

— דו ביסט אַ מאָלער, אַ סקולפּטאָר, אַ גאָלדשמיד? — האָט ברונאָ געפרעגט מיט אַ שמייכל און זיך געזעצט אויף אַ גרויסן פאָטעל, וואָס זיַין פריַינט האָט אים צוגערוקט.

— ניין... דאָס בילד מאָלט מיַין ברודער אַנדרעאַ. אַן אויסגעלאַסענער באָכער. מע וואָלט אים באַדאַרפט צובינדן צו דער מאָלברעט און ניט אָפּבינדן, ביז וואַנען ער וועט ניט פאַרענדיקן דאָס בילד. אָבער ער הוליעט און מאַכט זיך לוסטיק, שוין די צווייטע וואָך ווי ער ווערט ערגעץ פאַרפאַלן. איך האָב יעדעס מאָל מוירע, אַז מע וועט אים ברענגען צושלעפּן מיט אַ דורכגעשטאָכענעם בויך, אָדער ער וועט אַליין עמעצן פאַטערן און וועט אַריַינפאַלן אין שלאָס סאַנט־אַנדזשעלאָ, ווי מיַין רומפולער לערער בענווענוטאָ. און ער וואָלט געקענט זיַין אַ גוטער מאָלער. גיב אַ קוק, וואָסערע סאָסנעס, וואָס פאַר אַ ראָזע וויַיטקייַט... מעלאָצאָ דאַ־פאָרלי אַליין וואָלט זיך אונטערגעשריבן אונטער אַזאַ פּייזאַזש... איך מאַך אַ מאָדעל פון אַ גאָלדענער וואַזע פאַרן הייליקסטן פאָטער. אין אָט דעם זאַק ליגן פינף הונדערט גאָלדערנע עקיו, איך דאַרף זיי צעשמעלצן און מאַכן די וואַזע. יעדן אָוונט פאַרגעס איך אָפּצוראַמען זיי אין אַ זיכערן אָרט, — ווען איך כאַפּ זיך אויף אינדערפרי, שריַי איך אויס פון שרעק און לויף קוקן, צי זיי זיַינען גאַנץ.

פיעטראָ האָט א קלאפּ געטאָנ מיט דער פוס אפנ זאק מיטנ גאָלד. דאָס גאָלד האָט א קלונג געטאָנ, אונ ער האָט א שמייכל געטאָנ צופרידנ.

— אָבער עס האָט זיכ שוינ געטראָפנ, אז די גאנאָווים האָבנ געגאנוועט דאָס גאָלד אונ אָנגעלייגט אינ זאק שטיינדלעכ... הא? ברונאָ, טאָמער איז דאָרטנ שטיינדלעכ? גיב א קוק, ווי גאָט איז דיר ליב. בא מיר זײַנענ די הענט געליימט געוואָרנ פונ שרעק.

ברונאָ האָט פאנאנדערגעבונדנ דעמ זאק אונ האָט ארויסגענומענ א הויפנ גאָלד.

— געליבט איז גאָטס נאָמענ! — האָט אויסגעשריִענ פיעטראָ. — זאיבריקנס, האָב איכ אויכ אזוי געמיינט. אונ ניט לאנג... — ער האָט איכ ארומגעקוקט אונ גענומענ ריידנ שטיל. — ניט לאנג האָט מיר היינע א נעאפּאָלער דאמע געבראכט א קאָלאָסאלנ דימענט אונ געהייסנ אים צעשטויסנ. איכ האָב פארשטאנענ, וואָס דאָ איז, אונ האָב איר צעשטויסנ אָנשטאָט דעמ דימענט אנ אקוואמארינ. אזויארומ האָב איכ פונ דעמ עפּעס גענאָסנ אונ האָב געראטעוועט דאָס לעבנ עמעצנ אנ אומגליקלעכנ. געשטויסענע דימענטנ שיט מענ דאָכ אונטער אינ עסנ דעמ, ועמענ מע וויל אומברענגענ. דימענט-פּולווער צערײַסט די קישקעס. אונ פונ אקוואמארינ ווערט נאָר עטוואָס קאליע דער מאָגנ... דער מאנ פונ אָט דער דאמע האָט געקאָנט אוועקגיינ אפ יענער וועלט אונ אָנשטאָט דעמ איז ער נאָר אנ איבריק מאָל געלאָפנ אינ אָפּטרעט...

פיעטראָ האָט אָנגעהויבנ לאכנ פונ פולנ הארצנ, אפּאָנעמ, זיכ פאָרשטעלנדיק דעמ צאָרנ אונ די פארווונדערונג פונ דער דאמע...

ברונאָ האָט זיכ אויכ צעלאכט.

נאָכ די טרויעריקע קלויסטער-געשפּרעכנ, נאָכ אלערליי וויסנ-שאפטלעכע אונ רעליגיעזע שטרײַטנ האָט ער פריילעכ אונ אָנגענעמ געהערט אָט די לעבהאפטע נאיווע פּלוידערײַ. אזא איז דאָס לעבנ: הארב, אכזאָריעסדיק, לעכערלעכ, אומגעלומפּערט, שיינ, פארשיידנ-ארטיק. ווידעראמאָל איז דער קלויסטער-מאנטל געוואָרנ ברונאָנ אומ-געהייער שווער.

— אונ איכ בינ אהער געקומענ זוכנ שוץ בא דער רוימישער אינקוויזיציע, — האָט ער געזאָגט אונ קורצ דערציילט פיעטראָנ זײַנ גאנצע געשיכטע.

פּיעטראָ האָט אים אויסגעהערט מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן.

— דו ביסט פֿון זינען אראָפּ? — האָט ער אויסגעשריִען. — קאָ־פּערניקס ווערק האָט דער פּויפּסט עפֿנטלעך פֿארשאָלטן, און דו ביסט געקומען אהער זיי פֿארטיידיקן! דו ווייסט דאָך דאָ אומקומען... אנטלויף, קאָלומאנג עס איז נאָך ניט שפּעט, קאָלומאנג מע האָט נאָך דיך ניט פֿארשטעקט אין קעלער סאנטא-מאריא... בא אונדז האָט מען ניט לאנג פֿארברענט צוויי אפּיקאָרסים, און איצט, זאָגט מען, איז פֿאראן א געהיימע פֿאראָרדענונג צו פֿארשטארקן דעם קאמף קעגן זיי. אין פֿראנקרײַך גייט אַן עמעסע רעליגיִעזע מילכאָמע, און מע ווייסט נאָך ניט, ווער עס וועט זיגן. נו, האָט מען בא אונדז אויך געמאכט א ליארעם. אנטלויף! אנטלויף, ברונאָ.

דזשאָרדאנאָ האָט זיך געהאט געקליבן צו ענטפֿערן. אין וואר־שטאט האָט זיך דערהערט א גערויש און א קלאנג פֿון געווער.

א דערשראָקענער געזעל האָט ארײַנגעקוקט אין טיר.

— באלעבאָס, עס זײַנען געקומען וועכטער פֿון שלאָס סאנט־אנדזשעלאָ.

— נו, נו...

פּיעטראָ איז אוועקגעלאָפֿן אין ווארשטאט, ברונאָ איז נאָכגע־גאנגען נאָך אים.

צוויי סאָלדאטן מיט מושקעטן אין די הענט זײַנען געשטאנען אין מיטן צימער. לאנגע שפּאגעס האָבן זיך בא זיי געבאָמבלט בא דער זײַט.

— אנדרעא קאמפּאָ איז אײַער ברודער? — האָט איינער געפֿרעגט, ארויסשלעפּנדיק א פּאפּיר פֿון גארטל.

— מײַן ברודער. זאָל גאָטעס מוטער...

— נו, איז ער די נאכט ארעסטירט געוואָרן פֿארן דערהארגענען צוויי קאוואלערן און ער זיצט אין שלאָס סאנט-אנדזשעלאָ. אָט האָט איר א פּאפּיר פֿונעם שלאָס-גובערנאטער. איר ווערט ארויסגערופֿן אלס א קאָרעוו אפֿן פֿארהער.

— מאדאָנע מײַנע! — האָט פּיעטראָ א מורמל געטאָן, אָפּווישנדיק די טרערן. אָבער זײַן פּאָנעם איז באלד ווידער ליכטיק געוואָרן. ער האָט זיך געווענדט צו ברונאָן און געזאָגט:

— אָבער ווי געפֿעלט דיר אנדרעא? ער האָט מיט איין מאָל דערהארגעט צוויי. נאָך מײַן מיינונג נאָך, אויב צוויי נאראָנים דער־

לאָזן, אז איינער זאָל זיי דערהארגענען, זײַנען זיי אליין פריִער פאַר אלץ שולדיק... איך וועל לויפן צום פּויפּסט. ער האלט זייער פון מײַן ארבעט. איך וועל אים בעטן מויכל זײַן דעם יִינגל. ס'איז ניט גוט, אויב צוויי דערהארגענען איינעם, אָבער אויב איינער דערהארגעט צווייען איז לאַכלוטן ניטאָ פאַרוואָס אים צו שטראָפן.

פּיעטראָ האָט פאַרגעסן וועגן אלץ און זיך געלאָזט לויפן אַפּ דער גאַס.

ברונאָ איז ארויס פון ווארשטאט און האָט זיך געלאָזט גיין צום טײַך טיבער. דאָס בלויע וואסער פון טיבער האָט שוין שימערירט אין די בלויזן צווישן די הײַזער. פּיעטראָס ווערטער האָבן אַן איבריקן מאָל באַשטעטיקט, אז אין רוים האָט ער ניט וואָס צו ווארטן אַפּ גע-רעכטיקײַט. אָבער ער האָט נאָך אלץ ניט געוואָלט אונטערגעבן זיך.

אָט איז דער טיבער. וואָס פאַר א פּראַכטפולער לאַנדשאַפט עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר ברונאָס אויגן!

גראָד-אויס האָט זיך געצויגן דער ברייטער בריק, אויסגעשטעלט אין דער גאַנצער לענג מיט פיגורן פון די אַפּאָסטאָלן, צו זעקס פון יעדער זײַט. הינטערן בריק, ווי א קאָלאָסאלער קײַלעכדיקער שטיי-נערנער טינטער, האָט זיך געזען דער שלאָס סאַנט-אַנדזשעלאָ, באַ-פּוצט מיט א פאָן, וואָס פלאטערט אַפּן הינטערגרונט פון בלויען הימל, און נאָך ווײַטער האָט צעשפּרייט זײַן הערשאַפט איבער דער גאַנצער אומגעגנט אין זײַן גאַנצער פּראַכט דער גיגאַנטישער פּעטרוס-טעמפּל. דער זילבערדיקער קופּאָל האָט, דאַכט זיך, ארײַנגעצויגן אין זיך אי די זון אי די הימל-בלויקײַט און איז געווען פונקט אזוי לײַכט און דורכזיכטיק ווי דער לויטערער רוימישער פרימאָרגן. וואָס פאַר א שיינקײַט! און לעקאָוועד אזא פּראַכט ברענט מען מענטשן און מע פײַניקט זיי אין פינצטערע געמויערטע סקלעפּן. און דער מענטש, וואָס האלט זיך שיר ניט פאַר קריסטוסעס פאַרטרעטער אַפּ דער ערד — דער רוימישער פּויפּסט, — בענטשט דאָס אלץ און קוקט אליין צו, ווי מע קעפּט פײַערלעך מענטשן. ווי אומגעלומפּערט דאָס איז!

ברונאָ איז אריבער אַפּ דער צווייטער זײַט, אָנקוועלנדיק פון די קאַפּריזפולע הילצערנע שיפן, וואָס זײַנען אהער געקומען פון אָסטיע. ער איז ארײַנגעקומען אין פּעטרוס־טעמפּל—דאָרטן איז געווען ליידיק, שטיל און קאלט. נאָכדעם איז ער אוועק ווײַטער, האָט אָנגעקוואָלן

פונ רוים, קוקנדיק אפ דער שטאָט פונ יאַניקולער בערגל; נאָכדעם איז ער ווידער אריבער דעמ טײַך אונ איז ביזנ אָוונט ארומגעגאנגענ צווישנ די כורוועס פונ אלטנ רוים, איבער די טרעפ אונ פליטעס, וואָס האָבנ אמאָל, ווײַזט אויס, געדינט אלס א פונדאמענט פאר די אלטע פאלאצנ אונ טעמפלענ.

מענטשנ האָבנ זיכ געפּאָרעט צווישנ די כורוועס, געגראָבנ די טרוקענע צעשפּאָלטענע ערד אונ אופגעשראָקנ די גרינע אונ גראָע יאשטשערקעס. די דאָזיקע מענטשנ האָבנ געזוכט אלטע אוצרעס, — איידל-שטיינער, וואָס פלעגנ אמאָל זיכ טרעפנ צווישנ אָט דעמ הייליקנ מיסט. צו ברונאָנ איז צוגעשטאנענ עפּעס א בארײדעווודיקער אלטימשקער אונ האָט אימ אָנגעהויבנ דערווײַזנ, אז דאָ האָט זיכ אײַנגעפונענ דער אלטער רוימישער פאָרום, דאָס הייסט דער הויפּט-פלאצ פונעמ קייסערלעכנ רוים, ווו עס זײַנענ געווענ קאָנצענטרירט די הויפּט-אלטארנ, טעמפּלענ אונ רעגירונג-געבײַדעס.

— איכ וועל דערווײַזנ, ברודער, אז טאקע דאָ אונ ניט ערגעצ אנדערש זײַנענ פאָרגעקומענ די בארימטע פאָלקס-פארזאמלונגענ אונ פונדאנענ האָט אפּעלירט צומ פאָלק קאטאָנ, פאָדערנדיק כאָרעוו מאכנ קארטאגענ... אז איכ בינ ניט קיינ נאר אונ ניט קיינ מעשוגענער, קאָנ מענ זענ שוינ פונ דעמ, וואָס מיט מיר האָבנ געהאלטנ פרײַנטשאפט אזוינע מענטשנ, ווי מיקעל-אנדזשעלאָ בואָנאראָטי, וואָס האָט אופגעבויט דעמ זעלבנ קופּאָל פונ הייליקנ פעטרוס, וועלכער איז פּראָקלאמירט אלס דער וווּנדער פונ דער ארכיטעקטור-קונסט... צו מיר פלעגט גאָר אָפט ארײַנקומענ ראפאעל; בענווענוטאָ טשעליני האָט פונ מיר געוואָלט אויסקלעפּנ דעמ קאָפּ פונעמ יאמ-גאָט נעפּטונ, נאָר אימ האָט געשטערט דאָס, וואָס מע האָט אימ פארשפּארט אינ טפיסע. דאָס איז דער פאָרום. איכ שווער, אז דאָס איז דער פאָרום. איכ וועל דאָס דערווײַזנ.

אפ ברונאָנ האָט דער אלטער געמאכט אנ אײַנדרוק פונ א מעשוגענעמ, אָבער ער האָט טײַקעפּ א טראכט געטאָנ: צי זעט ער דענ אליינ ניט אויס, ווי מעשוגע, ווענ ער פינקלט מיט די אויגנ אונ דערווײַזט, אז די ערד דרייט זיכ ארומ דער זונ, אונ אז די צאָל וועלטנ איז אָנ א סאָפּ... לוינט זיכ דענ אזוי אופרעגנ איבער אזוינע נארישקײַטנ?! אונ באלד האָט אימ עפּעס אײַנגערוימט: „ניינ, דאָס איז ניט קיינ נארישקײַט. דו דארפסט אופקלערנ די מענטשנ, דו

מוזט זיי געבנ דעמ עמעס, וואָס געשעפּט פונ דער שטרענגער וויסנשאפטלעכער דערפארונג. אויב דער אלטער וועט דערוויַיזנ פינקטלעכ, אפנ סמאכ פונ דעמ בראָכווארג, וואָס ער האָט געפונענ, אז דאָ איז אמ אנ עמעס געווענ דער אלטער פאָרומ, וועט ער, נאטירלעכ, ברענגענ נוצנ דער געשיכטע, די וויסנשאפט — אָט פאר איר דארפ מענ קעמפנ!”.

ערשט אינאָוונט האָט זיכ ברונאָ אומגעקערט אינ קלויסטער. ווידער האָבנ זיכ אלע געהאלטנ פונדערוויַיטנס, ברודער מארטינאָ האָט געמאָלדנ, אז ער איז קראנק, אונ האָט אימ ניט אופגענומענ.

אינ גיינ שפאצירנ איבער דער שטאָט איז דורכגעגאנגענ עטלעכע טעג. צולעצט האָט ברונאָ באשלאָסנ ארויסצוטרעטנ דרייסט אונ קלאָר. ער האָט באשלאָסנ זיכ ווענדנ צומ גרויסנ אינקוויזיטער אליינ מיט דער באקאָשע אראָפּצונעמענ פונ אימ די באשולדיקונג אינ אפּיקאָרסעס, וואָס איז ארויסגערוקט געוואָרנ קעגנ אימ אינ נעאפּאָל.

ווענ ער האָט זיכ אומגעקערט אינאָוונט אינ קלויסטער, האָט ברונאָ דערזענ א דאָמיניקאנער מאָנאכ פאר זיכ. דעמ מאָנאכס ארט גיינ איז פאָרגעקומענ ברונאָנ באקאנט. ברונאָ האָט זיכ אָפּגעשטעלט אינ אופרעגונג אונ האָט אָפּגעאָטעמט. דער מאָנאכ, וואָס איז געגאנגענ פאָרויס, איז זיכער געווענ אווגוסטינ. אונ געגאנגענ איז ער קיינ סאנטא מאריא סאָפּרא מינערווא. ער איז געקומענ פונ נעאפּאָל. נאָכוואָס? ס׳איז קלאָר נאָכוואָס.

אָבער ברונאָ האָט ניט ארויסגעוויזנ, אז ער איז אינ פארלעגנהייַט, אָדער דערשראָקנ. ער איז רויִק אריַינגעקומענ אינ טויער פונ קלויסטער אונ איז אריַינגעגאנגענ אינ זיַינ קאמער: ער האָט איצט שוינ געווינט אליינ. דער גראָבער מאָנאכ איז אוועק פונ רוימ נאָכדעמ, ווי ער האָט א קוש געטאָנ דעמ פויפּסטס פּאנטאָפּל. ס׳איז גוט צו זיַינ א פרומער קאטויל!

אפ מאָרגנ האָט זיכ אינ קלויסטער געפילט א געוויסע אופרעגונג. ווי א געוויטער איז געהאנגענ אינדערלופטנ. אָבער ברונאָ האָט בעקיוונ ניט געוואָלט באמערקנ דעמ געוויטער.

נאָכנ עסנ האָט ער זיכ געווענדט צומ ברודער מארטינאָ אונ האָט אימ געפרעגט, צי ער שריַיבט נאָכ אמאָל לידער, ווי ער פלעגט שריַיבנ אינ דער יוגנט.

— דו האָסט מיך אויסגעלערנט צו ליבן פּאָעזיע, — האָט ברונאָ געזאָגט דערבײַ, — שווינ־זשע האָסטו זי אַליין פֿײַנט געקראָגן?

אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ, און ברודער מארטינאָ האָט פּלוצעם געזאָגט האַרב:

— יאָ, איך שרײַב נאָך אַמאָל געדיכטן, ברודער.

און ער האָט לאַנגזאַם דורכגעפֿיירנט אַ געדיכט, ניט קוקנדיק אַף קיינעם. ער האָט אים דורכגעלייענט פֿײַערלעך, ווי אַ טפֿילע.

ווען ברודער מארטינאָ האָט געענדיקט לייענען, איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, וועמען דער געדיכט איז געווידמעט. ברונאָ האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן. דער געדיכט איז אים ניט געפֿעלן געוואָרן. אָבער ער האָט ניט געוואָלט באַליידיקן דעם ברודער מארטינאָ. קעדיי דאָך עפּעס צו זאָגן, האָט ער גענומען זיך דערמאָנען די ערשטע פּערזן און האָט אַ ציטער געטאָן. אַדאַנק זײַן וווּנדערבאַרן זיקאָרן האָט ער זיך דערמאָנט דעם גאַנצן געדיכט. זײַן האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן. פֿון די ערשטע בוכשטאַבן פֿון יעדן פּערז האָט זיך צונויפֿגעשטעלט די פֿראַזע: „פֿאַרלאָז די שטאָט וואָס גיכער". ברונאָ האָט פֿאַרשטאַנען. די מאָנאַכן זײַנען זיך צעגאַנגען, דער ברודער מארטינאָ איז אויך אַוועקגעגאַנגען און האָט אַפֿילו קיין קוק ניט געגעבן אַף ברונאָן. אָבער ער האָט אים גענוג געזאָגט: „פֿאַרלאָז די שטאָט וואָס גיכער".

ברונאָ איז אַרויס פֿון קלויסטער. איבערצײַגט זיך, אַז קיינער גייט אים ניט נאָך, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין פּיעטראָ קאַמפּאָס וואַרשטאַט. ער האָט געטראָפֿן זײַן פֿרײַנט אין אַ זייער אויפֿגערעגטן צושטאַנד.

— אַנדרעאַ איז אַנטלאָפֿן פֿון שלאָס! — האָט ער אויסגעשריִען, ווען ער האָט דערזען ברונאָן. — ער איז אַנטלאָפֿן, ווי בענווענוטאָ טשעליני, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַף צעשניטענע לײַלעכער פֿון סאַמע שפּיץ וואַנט. אָבער ער האָט זיך ניט צעבראָכן קיין פֿוס, ווי בענווענוטאָ, ער איז אַנטלאָפֿן און מע קאָן אַפֿילו זײַנע שפּורן ניט געפֿינען. אַ כוואַט אַ יינגל! אָבער בײַ מיר האָט מען טאַקע צוגע־גאַנוועט דעם פּױפּסטס גאָלד. דער פּױפּסט איז איצט בייז, ווי פּערציק קייט־הינט, און ער סטראַשעט מיך אַליין אַרײַנצווזעצן אָנשטאָט מײַן ברודער. מע וועט מוזן אַנטלויפֿן קיין פֿלאָרענציע. דער הערצאָג רופֿט מיך לאַנג צו זיך... אָדער גאָר קיין פּיזע. דאָרטן האָב איך אַ פֿרײַנט, אַ קאַרדינאַל, וואָס קאָן ניט לײַדן דעם הייליקן פֿאָטער.

— לאָמיר אנטלויפן צוזאמען,—האָט ברונאָ געזאָגט און דערציילט, ווו מיט אים האלט.

— אויסגעצייכנט,—האָט פּיעטראָ אויסגעשריען.—איך האָב דאָ אין האפן א באקאנטן שיפער. ער וועט אונדז ארויספירן פון רוים אזוי, אז אפילע סאנט אנדזשעלאָ פון זיין טורעם וועט אונדז אויך ניט דערזען. ער וועט אונדז איינוויקלען אין די זעגלען. מיך האָט מען שוין אין מיין לעבן דריי מאָל געוויקלט אין זעגלען, און דאָס האָט מיך אלעמאָל געראטעוועט... נאטירלעך, דו דארפסט זיך איבערטאָן. איך וועל צולויפן איבעריידן מיטן שיפער, און דו טו זיך דערוויל איבער. פון דעם אָרעמען אנדרעא זיינען געבליבן אלע זיינע קאמזוילן און הויזן. קלייב אויס דעם ערשטן בעסטן בעגעד.

פּיעטראָ איז אוועקגעלאָפן און ברונאָ האָט מיט פארגעניגן ווידער אראָפּגעוואָרפן זיין קלויסטער-מאנטל. געזונט דעם מאסקאראד! פון איצט אָן וועט ער דינען נאָר דער פרייער וויסנשאפט אליין.

פּיעטראָ איז געקומען אין א שאָ ארום און מיטגעטיילט, אז דער באלעבאָס פון שיפל איז איינשטימיק.

קעדיי ניט ארויסצורופן קיין פארדאכט, וועלן זיי קומען צום שיפל ניט אין איין צייט. דער פּאראָל איז „א גליקלעכע רייזע”. פּונקט אום האלבע נאכט דארף ברונאָ זיין אפ דער וויסטער ברעגגאס, צו צאָפן-זייט פונעם בריק סאנט אנדזשעלאָ. מע דארף אָפּציילן פון בריק זעקס הונדערט טריט. פּיעטראָ וועט קומען עטוואָס פריער און וועט שוין זיצן אין שיפל.

דאָס איז געווען אן אומרויקער אָוונט.

פּיעטראָ האָט מוירע געהאט, מע זאָל אים ניט ארעסטירן. ווי עס איז נאָר געוואָרן פינצטער, האָט ער פארשפּארט זיין ווארשטאט, און זיי זיינען אוועק שפּאצירן איבער דער שטאָט, ביזוואנען עס וועט קומען די באשטימטע שאָ. ארומגעגאנגען זיינען זיי באזונדער, קעדיי ניט צוציען קיין אויפמערקזאמקייט.

די נאכט איז געווען א פינצטערע. און ווען עס האָט געהאלטן בא האלבער נאכט, האָט זיך ברונאָ געלאָזט גיין צום בריק סאנט אנדזשעלאָ, קעדיי אָנצוהייבן פון דאָרטן ציילן די טריט. אים האָט זיך געדוכט, אז עפּעס א שאָטן איז נאָכגעקראָכן נאָך אים, אָבער ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן איינקוקן זיך אין דער פינצטערניש, האָט מען סיי ווי גאָרנישט געקאָנט דערזען אין

דער נאסער און געדיכטער שטאָק־פינצטערניש. זײַן האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. ער האָט אָנגעהויבן ציילן טריט אַף דער ברעג־גאַס. צען.. פערציק... אַכציק... הונדערט... צוויי הונדערט...

דער פּאַראַפּעט האָט זיך געענדיקט. איצט האָט מען געקאָנט גרינג אויסגליטשן זיך און אַרײַנפאַלן אין די טונקעלע כוואַליעס פון טיבער.

דרײַ הונדערט... פיר הונדערט... פיר הונדערט אַכציק...

אַפן טײַך האָט זיך דערהערט, ווי מע וואָלט שטיל געפּלעסקעט מיט די רודערס...

פיר הונדערט פינף און אַכציק...

און פּלוצעם האָט אַ קלאַמערדיקע האַנט אָנגעכאַפּט ברונאָן פאַר די פּלייצעס פון הינטן.

אויסער זיך פאַר שרעק, האָט ער זיך אַרומגעקוקט.

פאַר אים איז געשטאַנען אַ מאָנאַך און האָט אים פעסט גע־האַלטן מיט זײַן מאָגערער האַנט.

— דזשאָרדאַנאָ!—האָט אַ מורמל געטאָן אַ באַקאַנטער קאָל.— לויף ניט פון גאָטעס מישפּט. נאָר פײַניקונגען וועלן דיך אויסלײַטערן. גיי נאָך נאָך מיר. לייז אויס דײַן נעשאָמע.

ברונאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז אווגוסטינ וועט אים ניט אָפּלאָזן. דאָרטן אין דער פינצטערניש ערגעץ שטייט שוין פאַרטײַעט די וואַך. אווגוסטינ דאַרף נאָר אַ געשריי טאָן, און ברונאָ וועט אומקומען. דער לעבן־דאָרשט האָט פּלוצעם איבערגעפילט זײַן האַרץ. ער האָט מיט אַ שרעקלעכער קראַפט אַ כאַפּ געטאָן דעם מאָנאַך פאַרן גאָרגל און האָט אים אַ שטויס געטאָן. דער מאָנאַך איז פאַרשוווּנדן מיט־אַמאָל, ווי ער וואָלט דורכ דער ערד אַהינגעקומען. אַ טיפער זיפץ איז ערגעץ אונטן מאָמענטאַל פאַרהילכט געוואָרן, אַ קערפּער איז אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער, און דאָס וואַסער האָט אַ פּליעסק גע־טאָן.

דעם זיפץ האָט קיינער ניט געקאָנט הערן.

און ברונאָ האָט גענומען לויפן, פליסטערנדיק: „אַ גליקלעכע רײַזע" !.. „אַ גליקלעכע רײַזע" !..

— אַ גליקלעכע רײַזע! — האָט זיך פּלוצעם דערטראָגן פון פינצ־טערן טײַך, ווי אַ שטילער אָפּהילך.

ברונאָ האָט זיך טייקעף אָפּגעשטעלט.

ער האָט דערזען אונטן אַ שיפל, ריכטיקער: ער האָט דערהערט, ווי עס רײַבט זיך אָן ברעג-שטיינער איר הילצערנע זײַט.

— שפרינג אהערצו! — האָט געזאָגט אַ שטילע שטים.

ברונאָ האָט ניט געקלערט און אַ שפרונג געטאָן.

ער איז אַנידערגעפאַלן אויף עפּעס אַ ווייכע זאַך, — אויפן אַנעם אויף צונויפגעלייגטע זעגלען. שטיל וויגנדיק זיך, איז דאָס שיפל טײַקעפּ אָפּגעשווומען פון ברעג.

אויף דער ברעג-גאַס און אויפן טײַך איז געווען פולקום שטיל. שטיל און פינצטער. נאָר אינדערווײַטן האָבן געבלישטשעט פײַערלעך אין די קליינע פענצטער פונעם שלאָס סאַנט אַנדזשעלאָ.

VIII. אַ שלעכטער קאַטויל

נעאַפּאָל האָט מען שוין ניט געזען אינדערווײַטן. דער יאַם איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן. דער וועג איז געלעגן צווישן וויסטע בערגלעך. די זון האָט זיך שוין אויפגעהויבן גענוג הויך און האָט היפּש געבאַקן די צעשפּאָלטענע טרוקענע ערד און דאָס געלע גראָז, וואָס האָט געשמעקט מיט היי. זעלטן ווען האָט אַ שאַרבן פון אַ ציג אָדער פון אַן אייזל זיך געוואַלגערט צווישן טרוקענעם גראָז. אַמאָל האָט זיך געלאָזט זען אַ גראָער שטיין, אויף וועלכן מע האָט נאָך געקאָנט מערקן שפּורן פון אַן אַלטער אויפשריפט.

צוויי רײַטער זײַנען געריטן אויפן וועג און נאָך זיי איז נאָכגעלאָפן אַ פּודל.

פאָרויס איז געריטן, אויפן אַנעם, דער הער און פון הינטן דער דינער. פון דעם, וואָס די רײַטער זײַנען געפאָרן לאַנגזאַם, האָט מען געקאָנט מערקן זײַן, אַז זיי פאָרן אין אַ ווײַטן וועג און ווילן ניט צופיל פאַרמאַטערן זייערע פערד.

ריבעלאָ האָט דערמאָנט דורך דעם דינסטמיידל באַוויזן צו געבן צו וויסן דעם גראַף וועגן דער מעגלעכער מעסירע, און טאַקע די זעלבע נאַכט זײַנען זיי אַרויסגעפאָרן. זיי האָבן שוין באַוויזן ווײַט אָפּצופאָרן פון נעאַפּאָל.

ריבעלאָס באַנעמען זיך איז גלײַך געפעלן געוואָרן דעם גראַף, און דער גראַף האָט אים, ווײַזט אויס, פולקום געטרויט.

גראַף דע־ליל איז געווען אַן עכטער פּראָווינציז, אַ לוסטיקער און אַ גוטמוטיקער. נאַטירלעך, די גוטמוטיקייט האָט אים ניט געשטערט, ווען־עס־איז אַ קלאַפּ צו טאָן דעם דינער מיטן שטעקן, אָבער אין יענער צײַט איז דער מעהאַלעך צווישן אַ גראַף און אַ פּויער געווען אַזוי גרויס, אַז אַזוינע קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן הערן און דינער זײַנען געווען גאַנץ געוויינלעך. אַדל־לײַט און פּויערים — דאָס זײַנען געווען מענטשן פון צוויי באַזונדערע וועלטן. פּויערשע אופשטאַנדן זײַנען געווען פאַרהעלטנישמעסיק זעלטן. די פּויערים האָבן קלאָר געוווּסט, אַז זיי זײַנען איין זאַך און די הערן זײַנען אַן אַנדער זאַך; זיי האָבן געליטן פון זייער שקלאַפישן גורל, אָבער זיי איז מערסטנטייל אַפילו אפן זינען ניט אַרופגעקומען, אַז מע קאָן זיך פאַרמעסטן אַף דער מאַכט פון די הערן. אין די לאַנגע יאָרן פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג זײַנען זיי אַזוי געוויינט געוואָרן אָפּצוטרעטן דעם וועג און בוקן זיך ביז דער ערד פאַר די פּראַכטפול געקליידטע הערצאָגן און גראַפן, אַז דער געדאַנק וועגן גלײַכקײַט מיט אַזוינע כאַשעווע הערן וואָלט זיי פאָרגעקומען לעכערלעך. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן די האַנדל־בורזשואַזיע און די שטעט האָבן ביסלעכווײַז אָנגעהויבן באַקומען די אויבערהאַנט איבער די פּריצישע מאַיאָנטקעס, האָבן זיך די פּויערים פאַרנומען מיט האַנדל, מיט האַנטווערקערײַ און טיילווײַז אָנגעוואָרן דעם געפיל פון שקלאַפערישער אָפּהענגיקייט. אָבער אַפילו ווען זיי זײַנען געוואָרן עקאָנאָמיש מער אומאָפּהענגיק, האָבן זיי נאָך ניט געקאָנט גיך איבער זײַן די דוירעסלאַנגע געוווינהייט צו האַלטן די אַדל־לײַט פאַר עפּעס אַ העכערע און גאָר אַ באַזונדערע זאַך. דער רײַכסטער סויכער האָט ניט געוואַגט צו באַגיין זיך מיט אַן אָרעמען אַדל־מאַן, ווי מיט זײַנעם אַ גלײַכן — אַ רײַך געוואָרענער פּויער האָט דאָס אוואַדע ניט געוואַגט.

ריבעלאָ איז געווען אַן אויסנאַם. ער האָט שטאַרק אָפּגעהיט זײַן פרײַהייט, ער האָט געדאַרפט נײַע אײַנדרוקן, און די פרײַנטשאַפט מיט ברונאָן האָט אויך שטאַרק אַנטוויקלט זײַן מויעך. פונדעסטוועגן האָט ער אויך קלאָר באַנומען די גאַנצע באַדײַטונג פונעם גראַף, וואָס איז געפאָרן פאַרויס, און איז גאָר גרינג אַרײַן אין דער ראָליע פון אַן ערנפולן דינער. אָבער איין געדאַנק האָט אים ניט געלאָזט רוען. דער גראַף איז געווען אַן אַפּיקוירעס, מע האָט

אים געדאַרפט דערהאַרגענען, און דעמאָלט קאָן מען אויך כאַסענע האָבן מיט לוויזען.

לוויזע וועט ווערן ריבעלאַס פרוי און איר מאַמע—זײַן שוויגער.

ריבעלאַ האָט זיך אַרומגעקוקט אַף די גערוימע פּלוינען. אַ ווינטל האָט אים אַרומגעוויית, און דער געדאַנק וועגן כאַסענע האָבן האָט אים אויפגעהערט צו לאַקן אַזוי ווי פריִער...

לוויזע וועט אַוואַדע גיך ווערן פּונקט אַזאַ מאַכשייפע, ווי איר מאַמע. זי וועט זײַן קאַרג, אייפערזיכטיק, זי וועט פאָדערן, ער זאָל זיצן אין דער היים, און דעמאָלט דאַרף מען זיך געזעגענען מיט אַלע ווײַטע לענדער. ער וועט ניט דערזען ניט רוים, ניט ווענעציע, נאָר ער וועט זיצן אַפן שוועל פון זײַן הויז, אַרומגערינגלט מיט שרײַענדיקע קינדער. דעמאָלט וועט מען שוין ניט קאָנען גיין באַנאַכט אַרומשפּאַצירן איבער דער אומגעגנט פון נעאַפּאָל. אַז ער וועט האָבן געלט, וועט ער קיין סאַך ניט אַרבעטן, ער וועט גראָב ווערן, ער וועט ווערן פויל, ער וועט אַליין ווערן אייפערזיכטיק און בייז.

פריילעך, וואָס איז דאָ צו ריידן!

ס'איז געוואָרן שטאַרק הייס. דער גראַף האָט זיך מיט אומגעדולד אײַנגעקוקט אינדערווײַטן, צי עס זעט זיך ניט אַן אײַנפאָרהויז.

— נו, אַ לאַנד אַ טײַוולשע! — האָט ער אויסגעשריִען. — בא אונדז אין פראַנקרײַך טרעפט קיינמאָל ניט אַזאַ היץ... איך פיל, אַז איך וועל איצט צעגיין, ווי וואַקס אַפן פײַער, און פון מיר וועט אַפן וועג בלײַבן נאָר אַ נאַס אָרט. און קיין אַכסאַניע איז ניטאָ!

ריבעלאַ איז געווען מער געוויינט צו היץ, אָבער איצט האָט ער אויך אָנגעהויבן צו באַגיסן זיך מיט שווייס און ער וואָלט גאָרנישט ניט געהאַט קעגן מאַכן אַן אָפּשטעל.

„און עפּשער איצט דערהאַרגענען דעם גראַף, צונעמען זײַן געלט. און אוועקרײַטן צוריק קיין נעאַפּאָל“, איז אים געקומען אַפן זינען.

ער האָט אָנגעטאַפּט דאָס מעסער, וואָס ער האָט געהאַט פאַרשטעקט אונטערן גאַרטל.

דער גראַף האָט פּלוצעם אײַנגעהאַלטן זײַן פערד און זיך צוגעהערט.

— ערגעץ וואָרט, דאָ ריזלט וואַסער. איך קאָוויר, אַז עס ריזלט וואַסער, אויב מיך נאַרט נאָר ניט מײַן געהער... דו הערסט?

ריבעלאָ האָט זיך צוגעהערט און ווירקלעך דערהערט א גערויש פון וואסער.

— אָט דאָרטן איבער די בערג הענגט א גרויסער וואָלקן, סיניאָר,—האָט ער געזאָגט,—ס'איז, אפּאָנעם, אָקאָרשט דורכגעגאנגען א שלאַקסרעגן, אָט זיינען די גראָבנס פול געוואָרן מיט וואסער. דאָס טרעפט אָפט אזוי.

— נו, אויב אזוי, בין איך ניט איך, אויב איך וועל זיך ניט אויסבאָדן אין שטראָם.

דער רויש איז געוואָרן אלץ נעענטער.

— אָט איז וואסער, סיניאָר,—האָט ריבעלאָ געזאָגט. איבער דער טרוקענער טײַך־בעט, וואָס איז פארוואלגערט מיט ווײַסע שטיינער, האָט זיך לאנגזאם געשלענגלט א שטראָם, גייענדיק אלץ ווײַטער און ווײַטער, דאָ, ווי ער וואָלט זיך פארטראכט און געצווייפלט, דאָ ווידער לאָזנדיק זיך מיט אימפעט אין וועג.

דאָס וואסער איז געווען מוטנע, אָבער קיל און האָט געשײַנט צו זײַן ווי א קוואל פריש וואסער אינמיטן טרוקענעם טויטן פלאכלאנד.

דער גראף איז אראָפּגעשפּרונגען פון פערד, האָט א וואָרף געטאָן די לייצעס צו ריבעלאָן און זיך שנעל געלאָזט גיין צום שטראָם.

— קאָנסט צובינדן די פערד צום שטיין און זיך אויך אָפּבאָדן,— האָט ער אים א געשריי געטאָן איבערן פּלייצע.

מיט א שטארק קלאפנדיק הארץ האָט ריבעלאָ צוגעבונדן די פערד און איז נאָכגעגאנגען נאָכן גראף.

דער גראף האָט זיך שנעל אויסגעטאָן און איז געשטאנען באם וואסער, לאָזנדיק דעם ווינט אָפּקילן עטוואָס דעם צעהיצטן קערפּער.

ריבעלאָ האָט א דריק געטאָן דעם קינזשאל. אָט איז א באקוועמער מאָמענט! מע וועט גאָר ניט דארפן אויסטאָן דעם דערהארגעטן און ס'איז אזוי לײַכט באהאלטן דעם טויטנס קערפּער אין דעם שטראָם. „פארפלוכטער אפּיקוירעס, א טויט אף דיר!״—האָט ער געטראכט, ער האָט זיך געסטארעט ארופירן זײַנע געדאנקען אף דער מיצווע. „גאָט, שטארק מײַן האנט!״.

דער גראף איז געשטאנען צו אים מיטן רוקן א נאקעטער, און איצט איז אין אים גאָרניט געווען קיין גראפישע וויכטיקײַט. ריבעלאָ האָט דערזען טיפע שראמען בא אים אפן קערפּער. מיסטאמע

שפורן פון די הינט, וואָס דער גראף האָט באַקומען, אין דער שרעקלעכער באַרטאָלאָמעוס־נאַכט.

„פאַרוואָס־זשע האָט אים דערמלט גאָט געראַטעוועט? — האָט ריי־בעלאָ פּלוצעם א טראַכט געגעבן. — אַנדערע האָט ער ניט געראַטעוועט, און אים יאָ. און וואָס פאַר א שרעקלעכע שראַמען!". דער גראף איז דערווייל מיט פאַרגעניגן אַרייַן אין וואַסער און איז געשטאַנען ביז די קני אין די מוטנע כוואַליעס, שעפנדיק וואַסער מיט די הויפנס און אַרומגיסנדיק זיך.

— נו, וואָס שטייסטו? — האָט ער געפרעגט און זיך אַרומגעקוקט.

ריבעלאָ איז געווען אַזוי ווייַט פאַרנומען מיט זייַנע געדאַנקען, אַז דעם גראַפס אויסגעשריי און זייַן קוק האָבן אים געטראָפן אומ־געריכט.

ער איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענעם קינזשאַל, מיט אַן אָנגעכמורעטן שטערן, אין דער פּאָזע פון אַן עמעסן מערדער.

דער גראף האָט זיך ניט געריכט אויף אַזא סצענע און איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, שטייענדיק אינמיטן דעם רוישיקן שטראָם.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט ער געפרעגט.

אין דעם זעלבן מאָמענט האָט ריבעלאָ דערזען א גרויסן גראָען שלאַנג, וואָס קריכט לאַנגזאַם לענגאויס דעם שטראָם. דער גראף האָט אויך דערזען דעם שלאַנג און האָט אויסגעשריִען אומרויִק:

— קאָן מען דען וואַרפן זיך אויף א שלאַנג מיט א מעסער?! נעם א שטעקן אָדער א שטיין.

ער האָט זיך אייַנגעבויגן, אויפגעהויבן פון שטראָם א שאַרפן שטיין און א וואָרף געטאָן דעם שלאַנג אַזוי פלינק, אַז ער האָט אים באַלד צעשפּאָלטן דעם קאָפּ... דער שלאַנג האָט אָנגעהויבן קאָנ־ווולסיוו זיך צאַפּלען, אָבער ער איז אינגיכן פאַרשטיינערט געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומבאַוועגלעכער גרויער שטריק..

— אָט...

ריבעלאָ האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און באַהאַלטן דאָס מעסער.

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? — האָט דער גראף אויסגעשריִען — דו ביסט דען ניט געוויינט צו שלאַנגען, דו וווינסט דאָך אין דאָרף?

ריבעלאָ האָט זיך דערמאָנט, אַז ברונאָ האָט אים אויך געזאָגט דאָס זעלבע.

דעמלט האָט ער סטאַמ אויסגעטראַכט, אַז אַ שלאַנג האָט אים איינגעביסן; איצט האָט זיך דער שלאַנג אין עמעצן אונטערגעדרייט אַרויסצוהעלפֿן אים. ער האָט אַ שמייכל געטאָן אין פֿאַרלעגנהייט.

— איך האָב מוירע געהאַט פֿאַר אײַך, סיניאָר, איר זײַט נאַקעט. פֿאַר אַ נאַקעטן מענטשן איז אַ שלאַנג געפֿערלעכער, ווי פֿאַר אַן אָנגעטאָנענעם.

— ע, לאָז צורו, דו זעסט די קרעלן? דאָס איז שרעקלעכער, ווי אַ ביס פֿון אַ שלאַנג... פֿיר שפּאַגעס מיט טאָלעדער קלינגלעך האָבן מיך דורכגעשטאָכן... און גאָרניט, איך לעב. באָד זיך אָפּ, באַ־כער, אין שטראָם און לאָמיר פֿאָרן ווײַטער. איך זע אַ רויכל דאָרטן איבערן בערגל. דאָס רויכל גייט אַוואַדע פֿון אַ קיך... שוין לאַנג צײַט עפּעס אָפּצועסן און פֿאַרטרינקען...

פֿײַפֿנדיק, האָט ער גענומען זיך אָנטאָן, ריבעלאָ האָט זיך אויס־געטאָן און איז שוין אַרײַנגעקראָכן ביזן האַלדז אין מוטנעם קילן שטראָם. ווי אַ באַרג וואָלט אַראָפּ פֿון זײַנע פּלייצעס! ס'איז קלאָר, דאָס האָט גאָט געמאַכט אַזוי, אַז דער גראַף האָט זיך באַצײַטנס אַרומגעקוקט, און גאָט האָט דאָס אויך צוגעשיקט דעם שלאַנג, קעדיי צו געפֿינען פֿאַר ריבעלאָן אַ טערעץ. און אויב אַזוי, הייסט עס, אַז דער אַפּיקוירעס געפֿעלט גאָט. הייסט עס, אַז מע טאָר אים ניט האַר־גענען. אײַ גאָלד און פֿאַמיליען־גליק? ווי נאָר ער איז אָפּגעפֿאָרן פֿון נעאַפּאָל און האָט דערשפּירט דעם רייעך פֿון ווײַטע לענדער איז ריבעלאָ מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן צו זײַנע קאַלע.

„מע קאָן שפּעטער אויך האָבן כאַסענע, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — און דערווײַל וועל איך פֿאָרן ווײַטער, איך וועל זיך אָנ־זען אַלערליי וווּנדערלעכע זאַכן, איך וועל עפּשער אַליין אויך רײַך ווערן".

און מיט איין שפּרונג איז ער פֿריילעך אַרויס פֿון שטראָם.

II

ט״ל

I. ער איז דער סײכל.

פיר אזייגער אינדערפרי, װענ אלע אײַנװוינער פונ טולוז האָבנ נאָכ פרידלעכ געשלאָפנ, איז שױנ די אלטע אוניװערסיטעט־קירכ פול געװענ מיט סטודענטנ. זיי האָבנ געגענעצט מיט פולנ מויל, פלעגנ זיכ אָנשטויסנ אײנער אפנ אנדערנ, אופציטערנ פונ שלאָפ אונ רײַבנ די אויגנ, האלטנדיק אינ אײנ האנט א ליכט אונ אינ דער אנדער האנט — א סידער. די פראָפעסאָרנ אונ די שעפנ פונ אוניװערסיטעט זײַנעג אויכ געװענ דערבײַ. זיי האָבנ זיכ געסטארעט אײַנצוהאלטנ זיכ פונ געגעצנ אונ שטיל גערעדט צװישנ זיכ אפ לאטײנ, װארטנדיק אפנ אָנהייב פונ דער מעסע. עס זײַנענ אויכ געװענ געסט — יונגע געלערנטע, װאָס זײַנענ געקומענ צו פאָרנ קײנ טולוז צו הערנ די בארימטע פראָפעסאָרנ.

זיי האָבנ מיט אכטונג געקוקט אפ די פליכעװאטע געלערנטע, װאָס אײניקע פונ זיי האָבנ שױנ דרײַ מאָל אָדער פיר מאָל באקומענ דעמ טיטל דאָקטער פונ אלערלײ װיסנשאפטנ.

א באזונדערע אופמערקזאמקײַט האָט צוגעצויגנ א גראָבינקער אונ פליכער פראָפעסער פונ פילאָסאָפיע, דאָקטער פונ מאטעמאטיק, מעדיצינ אונ פילאָלאָגיע, דער בארימטער אנסעלמ קארוס, װאָס האָט אויסגעשטודירט די כּכאָלאסטישע װיסנשאפט אזוי װײַט, אז אײנמאָל אפ א דיספוט האָט ער געבראכט איבער הונדערט שטארק לאנגע ציטאטנ פונ אריסטאָטעל אונ טאָמאס אקװינאט אונ האָט דערבײַ קײנ אײנ מאָל ניט ארײַנגעקוקט אינ בוכ.

— דער זיקאָרנ איז דער דינער פונ דער װיסנשאפט, — האָט ער

געזאָגט, — און אַ גוטער מעשאָרעס געדענקט אַלץ, וואָס מע זאָגט אים נאָר.

נאָך דער מעסע האָבן זיך די סטודענטן אַ לאָז געטאָן דורכן קאַלטן און פינצטערן הויף אין די אאודיטאָריעס, ווײַל פּונקט פינף אזייגער אינדערפרי האָבן זיך געדאַרפט אָנהייבן די לעקציעס. זיי זײַנען געגאַנגען מיט ליכט אין די הענט, און די הונדערטער פײַערלעך, וואָס האָבן געבלאָנדזשעט אונטער די געוועלבן פון דער אַלטער געבײַדע, האָבן געמאַכט אַן אײַנדרוק פון עפּעס אַ לעגענדאַרישער פּראָצעסיע.

דער טולוזער אוניווערסיטעט איז געווען פון די סאַמע רײַכסטע אין פראַנקרײַך. ער איז געווען אויסגערעכנט אויף צען טויזנט צוהערער.

— וועגן וואָס וועט הײַנט לייענען דער באַרימטער אַנסעלם? — האָט געפרעגט איינער פון די אָנגעקומענע, אַרויסריידנדיק די פראַנצויזישע ווערטער אויפן איטאַליענישן שטייגער.

דער סטודענט, צו וועלכן ער האָט זיך געהאַט געווענדט, האָט געהאַלטן אין אַרײַנרײַבן אַ בולקע.

— איך האָף, אַז ער וועט לייענען וועגן דער נעשאָמע, — האָט ער געענטפערט.

— וועגן דער נעשאָמע, וועגן דער נעשאָמע, — האָבן זיך דערהערט אַרום שטימען. — מיר וועלן אים בעטן, ער זאָל לייענען וועגן דער נעשאָמע.

דער אָנגעקומענער האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ קוק געטאָן אויף די יונגעלײַט, וואָס זייערע פרישע מויכעס זײַנען שוין געווען באַדעקט מיט אַ היפּשן שיכט פון סכאָלאַסטישן שטויב.

די סטודענטן האָבן פול געמאַכט די קאַלטע און פינצטערע אאודיטאָריע און האָבן מיט די ליכט אין הענט געוואַרט אויפן פּראָפעסער. די געסט זײַנען געזעסן אויף די פּאָדערשטע בענק. אַ סאַך פון זיי האָבן געהאַט דאָקטער־צייכנס און מאַגיסטער־צייכנס.

שאַרנדיק מיט די גראָבינקע פּיסעלעך, איז דער גרויסער אַנסעלם גיך אַרײַן אין דער אאודיטאָריע און זיך אויפגעהויבן אויף דער קאַטעדרע.

— אַנימאַ! אַנימאַ! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

דאָס הייסט: נעשאָמע, נעשאָמע. די סטודענטן האָבן געוואָלט, אַז דער פּראָפעסער זאָל זיי לייענען ניט אַנדערש, ווי נאָר וועגן דער נעשאָמע.

אנסעלם האָט זיי באַרויִקט מיט א זשעסט.

ווי איר ווייסט, — האָט ער געזאָגט, — האָבן דער גרויסער אריס־טאָטעל און דער געטלעכער דאָקטער טאָמאַס אקווינאַס פעסטגעשטעלט, אַז עס זײַנען פאַראַן דרײַ מינים נעשאָמעס: דאָס זײַנען די געוויקסן־נעשאָמע, די פילנדיקע נעשאָמע, די פאַרנינפטיקע נעשאָמע. וועגן וואָס פאַר א מין נעשאָמע ווילט איר, איך זאָל מיט אײַך ריידן?

— וועגן דער פאַרנינפטיקער נעשאָמע! — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען.

אנסעלם האָט כיטרע א שמייכל געטאָן.

— קאָן מען דען ריידן וועגן א פּירעק, ניט געבנדיק קיין באַגריף וועגן א דרײַעק? קאָן מען דען ריידן וועגן דער פאַרנינפטיקער נעשאָמע און ניט זאָגן אפריִער גאָרנישט וועגן די צוויי ערשטע נידעריקע מאַדרייגעס פון דער נעשאָמע? אָדער איר ווילט אָנהייבן בויען דעם טעמפּל גלײַך פון קופּאָל?

די סטודענטן זײַנען אנשוויגן געוואָרן, ניט געפינענדיק וואָס צו ענטפערן.

אנסעלם האָט אויסגענוצט די שטילקײַט און געזאָגט פײַערלעך:

— מיט גאָטעס הילף האָב איך זוכה געווען צו געפינען א נײַע רײַע, אַז אונדזער גרויסער לערער און פאָטער פון דער כאָכמע אריס־טאָטעל איז אינדערעמעסן א פעלדזנפעסטער זײַל, און נאָר אַף אים קאָן געבויט ווערן די ווינסשאַפטלעכע דערקענטעניש. די רײַע, וואָס מיר האָט זיך אײַנגעגעבן צו געפינען, דאַרף איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטאָפּן די מײַלער די פּראַזיאָרן, וואָס האָבן נאָך די האָזע צו צווייפלען אין דער כאָכמע פון אונדזער גרויסן לערער און דער־לויבן זיך קעגנשטעלן אַלערלײַ פּוסטע כאַלוימעס קעגן זײַנע וווּנדער־באַרער לערע. מיר האָט זיך אײַנגעגעבן צו אנטדעקן, אַז אין דעם עצעם נאָמען פונעם אומפאַרגלײַכלעכן כאָכעם שטעקט שוין די רײַע, אַז זײַן לערע איז עמעס ניט צו פאַרלײקענען.

אין דער אאוריטאָריע איז געוואָרן שטיל.

די סטודענטן און די געסט האָבן אָנגעשטעלט אַפן פּראָפעסער נײַגעריקע בליקן, אנדערע סטודענטן האָבן זיך אזוי אופגערעגט, אַז די ליכט האָבן געציטערט אין זייערע הענט.

— אָט, — האָט געזאָגט אנסעלם, — ווען די אלגעמיינע שפּאַנונג

איז דערגאנגען ביז דער העכסטער מאדרייגע.. — איך שרייב דאָ אַפּ לאַטיין אַן אַפּאָריזם.

און אנסעלם האָט אופגעשריבן מיט קרייד אַפּן טאָוול:

„Jste est ratio"

— ער איז דער סייכל, — האָט מיט איין מאָל אַ פליסטער געטאָן די גאנצע אאודיטאָריע.

אנסעלם האָט אופגעהויבן די האנט, ווי אופאָדערנדיק צו ספּעציעלער אופמערקזאמקייט.

איצט נעם איך אַלע אויסיעס, וואָס בילדן אָט דעם אַפּאָריזם, איך מיש זיי צונויף, איך לייג ניט צו קיין איין אָס און איך מאַך פון די אויסיעס דעם נאָמען:

— אריסטאָטעלעס!

— אריסטאָטעלעס! האָט אויסגעשריען די פארווונדערטע אאודיטאָריע.

— יאָ. און איר זעט, אַז אַזא פראזע קאָן מען ניט צונויפשטעלן ניט פון פלאַטאָנס נאָמען, ניט פון דעמאָקריטס, ניט פון לוקרעציעס נאָמען. אָט האָט איר אַ פּאָשעטע ריי. אַן אָנווייז, וואָס גאָט אַליין האָט אונדז געגעבן, און מיר האָבן געדארפט אנטדעקן גראָד אין די טעג פון באַזונדערע אטאקעס אַפּ דער גרויסער סכאָלאַסטישער וויסנשאַפט. דער, וואָס וויל איצט מיט אונדז שטרייטן, זאָל איצט צונויפשטעלן די זעלבע פראזע פון זיין נאָמען אָדער פון דעם נאָמען פון דעם פילאָסאָף, וועמעס לערע ער פּריידיקט. אים וועט זיך דאָס ניט איינגעבן. און מיר וועלן אָנשטאָט אַן ענטפער אָנשרייבן: ער איז דער סייכל. מיר דארפן ניט פאַטערן קיין איבעריקע ווערטער, ווייל מיר האָבן געפונען די סאמע פינקטלעכע ריי.

אנסעלם איז אנשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך פארהוסט. אין דער אאודיטאָריע האָט זיך דערהערט אַן אויסברוך פון אַפּלאָדיסמענטן. די סטודענטן האָבן געשריען, געטופּעט מיט די פיס. די אָנגעקומענע דאָקטערס און מאגיסטערס האָבן מיט אכטונג געשאָקלט מיט די קעפּ. נאָר איינער פון די אָנגעקומענע, דער, וואָס האָט גערעדט אַפּן איטאליענישן שטייגער, האָט ביייסיק געשמייכלט, כאָטש ער האָט אויך אַפּלאָדירט.

ארומגערינגלט פון אַן ערנפולן האמוין צוהערער, איז אנסעלם ארויס פון דער אאודיטאָריע און האָט זיך געלאָזט גיין אין זיין קאַבינעט

באַגלייט פונ עטלעכע געסט, צווישנ וועלכע עס איז אויכ געווענ דער איטאַליענער.

דעם פּראָפעסאָרס קאַבינעט איז געווענ אימפּאָזאַנט סײַ לויט זײַנ גרייס סײַ לויט דער קאָלאָסאַלער צאָל ביכער אונ מאַנוסקריפּטנ, וואָס האָבנ אים אָנגעפּילט פונ אויבנ ביז אונטנ. אינ ווינקל איז געווענ א גלי־אויוונ פאַר פיזישע אונ כימישע עקספּערימענטנ. אַפ די טישנ זײַנעג געשטאַנענ אַלערליי פלעשעלעכ, רעטאָרטעס, סלאָיִקלעכ מיט עפּעס פאַרשיידנ־פאַרביקע פליסיקײַטנ. עס האָבנ זיכ געוואַלגערט פאַרמעטענ באַשריבענע מיט קאַפּריז־פולע געשריפטנ. אינ צווייטנ ווינקל האָט מענ געקאָנט זענ עפּעס א מאָדנע מאַשינ, זי איז באַשטאַנענ פונ עטלעכע קרײַזנ פונ פאַרשיידענער גרייס מיט איינ אַלגעמיינעם צענטער. די קרײַזנ זײַנענ געווענ באַשריבנ מיט ציפער אונ מיט אויסיעס. ווענ אַנסעלם איז ארײַנגעקומענ מיט די געסט אינ קאַבינעט, האָט זײַנ אַסיסטענט געהאַלטנ אינ דרייענ די קרײַזנ פונ דער מאָדנער מאַשינ. ער פלעגט דערבײַ טיפּזיניק פאַרשרײַבנ עפּעס אַפ פאַרמעט. דערבײַ איז געזעסנ א יונגער שילער אונ געשניצט ווײַסע גענדזענע פעדערס. ביידע האָבנ זיכ פאַרנייגט צו אַנסעלמ מיט אַכטונג אונ זײַנענ ארויסגעגאַנגענ אַפ די ציפּקעס פונ קאַבינעט.

עס האָט שוינ געטאָגט, אונ דער צימער איז פול געוואָרנ מיט א טונקעלער בלוילעכער ליכט.

אַנסעלמ האָט זיכ געזעצט אינ פאָטעל מיט א הויכנ גלענ אונ אָנגעוויזנ די געסט אַפ די בענק.

געסט זײַנענ געווענ דרײַ: א הויכער דײַטש מיט א בלאָנדער באָרד, א שפּאַניער, א שוואַרצער ווי סאַזשע, אונ דער איטאַליענער, וואָס איז אונדז שוינ באַקאַנט.

אַנסעלמ האָט לאַנגזאַמ איבערגעקליבנ אַפנ טיש עטלעכע פאַרמעטנ. אייניקע האָט ער מיט ביטל א שלײַדער געטאָנ אַפ דער פּאָדלאָגע, אַנדערע האָט ער אָוועקגעלייגט אָנ א זײַט, נאָכדעמ האָט ער זיכ א קער געטאָנ צו די געסט. ער האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ אונ פאַרמאַכט די אויגנ.

דער ערשטער האָט אָנגעהויבנ ריידנ דער דײַטש. ער האָט זיכ אויפגערעגט, אָבער גערעדט האָט ער זייער גלאַט, אונ ס'איז געווענ קענטיק, אַז די לאַטײַנישע שפּראַכ שטערט אימ גאָר ניט. ער האָט

312—6

עטלעכע יאָר שטודירט די זון דורך א פאַרויכערטע גלעזל און האָט זיך איבערצײַגט אָן צווייפל, אַז אַף דער זון זײַנען פאַראַן פלעקן, וואָס אַמאָל פאַרשווינדן זיי און אַמאָל באַווײַזן זיי זיך ווידער. ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט א קאַרטע מיט געמעלן, אָבער אַנסעלם האָט ניט באַוויליקט צו עפענען זײַנע אויגן און דער אָרעמער געלערנטער האָט אין פאַרלעגנהײַט צונויפגעוויקלט זײַן פאַרמעט. נאָכדעם איז ער אַנשוויגן געוואָרן, וואַרטנדיק אַף זײַן אורטייל.

— זון מײַנער, — האָט געזאָגט אַנסעלם, עפענענדיק איין אויג, — איך האָב א סאַך געלייענט אַריסטאָטעלן, און גלייב מיר, אַז דאָרטן איז וועגן דעם קיין איין וואָרט ניטאָ. גיי בעשאָלעם און זײַ זיכער, אַז די פלעקן וואָס דו האָסט געזען, זײַנען אַף דײַנע אויגן, און ניט אַף דער זון.

דער דײַטש איז רויט געוואָרן. ער האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויס פון קאַבינעט ווי א געשלאָגענער הונט.

דער שפּאַניער איז געקומען ספּעציעל צו פאַרענטפערן זײַנע ספּייקעס: צי קאָן מען אַריסטאָטעלן האַלטן פאַר א הייליקן: כאָטש ער איז געווען א געצנדינער. עס האָט זיך אָנגעהויבן א געלערנטער דיספּוט, ווי ביידע דעבאַטאַנטן האָבן אַרויסגעוויזן אומגעווײנלעכע אָנגעלעזנקײַט און א מעשונעדיקן זיקאָרן.

אַנסעלם איז געוואָרן לעבעדיק. ער האָט אָפּגעלאָזן דעם שפּאַניער מיט א ווילגענייגטן שאָקל מיטן קאָפּ און האָט אים פאָרגעלייגט אַרײַנצוקומען נאָך מאָרגן אינדערפרי צו פאַרענטפערן די פראַגע ענדגילטיק. געבליבן איז נאָר דער איטאַליענער.

— ווי איז דײַן נאָמען? — האָט אים געפרעגט אַנסעלם.

— דזשאָרדאַנאָ ברונאָ.

— וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר?

— איך וויל זיך לערנען און לערנען אַנדערע אין טולוז, — האָט ברונאָ געזאָגט. ער האָט זיך געסטאַרעט צוצוגעבן זײַן שטים אַן אויסדרוק פון אַכטונג.

— וואָס ווילסטו זיך לערנען און וואָס ווילסטו לערנען אַנדערע?

— לערנען זיך וויל איך אַלץ, און לערנען אַנדערע וויל איך „די גרויסע קונסט“.

— און דו באַהערשסט זי?

אָנשטאָט אַן ענטפער איז ברונאָ צוגעגאַנגען צו דער מאָדנער מאַשין מיט די קרײַזן.

דאָס איז געווען אַ מאַשין, וואָס דער שפּאַנישער פילאָסאָף רײַ־מונד לוליוס האָט דערפונדן נאָך אין פערצנטן יאָרהונדערט. אויף די קרײַזן פון דער מאַשין זײַנען געווען אויסיעס, וואָס האָבן באַדײַט פאַרשיידענע פילאָסאָפישע באַגריפן. דרייענדיק די קרײַזן, האָט מען געקאָנט באַקומען פון די בוכשטאַבן פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס — פאַרשיידענע פילאָסאָפישע טעזיסן. רײַמונד לוליוס האָט געוואָלט אַרײַנפּרעסן אין זײַן מאַשין דעם גאַנצן עמעס און האָט זי דער־פאַר אָנגערופן „די גרויסע קונסט".

ברונאָ האָט אָנגעהויבן דרייען די מאַשין און אָפּשטעלן זי, קאָמבינירנדיק באַגריפן אויסערגעוויינלעך פלינק. פון גאָטעס זעכצן מידעס, וואָס זײַנען באַצייכנט אויפן ערשטן קרײַז, האָט ער מיטאַמאָל באַקומען 136 באַגריפן, וואָס דרינגען פון זיי אַרויס, און האָט דער־בײַ אַרויסגעוויזן אַ קאָלאָסאַלן זיקאָרן. אַנסטאָט האָט צושטימענדיק אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבערן טיש.

— דו באַזיצסט „די גרויסע קונסט" פולקום. מיר וועלן דיר נאַטירלעך, געבן דעם טיטל מאַגיסטער, און דעמלט קאָנסטו אויך לייענען און הערן לעקציעס אין אונדזער אוניווערסיטעט. מיר וועלן דיר אײַנאָרדענען אַ קליינעם דיספּוט וועגן דער „גרויסער קונסט". איצט גיי, און מאָרגן קום אַרײַן איבערשמועסן אויספירלעך

ברונאָ האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען פון קאַבי־נעט. דאַכט זיך, אַז ער האָט ניט געהאַט פון וואָס צו זײַן אומצו־פרידן פון דער אַאודיענץ, אָבער זײַנע ליפּן האָבן קאָנוווּלסיוו גע־ציטערט און זײַנע ברעמען האָבן זיך געכמורעט קעגן זײַן ווילן. געבייזערט האָט ער זיך אויף זיך אַליין. ער האָט דערבײַ געטראַכט: „די סאַמע נעבעכדיקע מענטשן זײַנען די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פילאָסאָפיע צוליב אַ ביסן ברויט. קאָן דען דער עמעס און די גע־רעכטיקײַט געפינען זיך אַן אָרט אין דער שול, אויב זיי זײַנען געוואָרן לעבנסמיטלען ?".

* * *

דזשאָרדאַנאָ ברונאָ איז געלונגען צו אַנטלויפן בעשאָלעם פון רוים אין דער פינצטערער נאַכט, ווען ער האָט אַרײַנגעוואָרפן דעם

מאָנאַכ אווגוסטינ אינ טײַכ טיבער. אזוי האָבנ זיכ אָנגעהויבנ זײַנע וואָגלענישנ.

ער האָט זיכ געלאָזט גײנ קײנ גענוע, אָבער דאָרטנ האָט גע־בושעוועט די פּעסט.

די פּעסט האָט ביכלאַל ארומגענומענ גאַנצ צאָפנ־איטאַליע, אונ בלײַענדיקע שטעט, אזוינע לוסטיקע נאָכ זײער אויסזענ, באַשטראַלטע, באַ־שײַנטע מיט העלער זונ, זײַנענ אינ דערווירקלעכקײַט געווענ פינצ־טערע בעסאַלמענס. די הײַזער זײַנענ געשטאַנענ פאַרשלאָגענע, די קאָלאָסאַלע פורנ פלעגנ ניט באַווײַזנ אוועקצופירנ די טויטע. ספּע־ציעלע פורלײַט, אָנגעטאָנענע אינ לעדערנע קליידער, פלעגנ מיט פישער־שטעקנס ארויסשלעפּנ די טויטע דורכ די פענצטער. ברונאָ האָט צוזאַמענ מיט פּיעטראָנ געוואָגלט פונ שטאָט צו שטאָט. אינ ווענעציע איז נאָכ קײנ פּעסט ניט געווענ. דאָרטנ האָט ער אָנגע־הויבנ שרײַבנ א בוכ, וואָס ער האָט אָנגערופנ „דער צײכנ פונ דער צײַט“, אונ פּיעטראָ איז אָנגעקומענ אלס מײַסטער צו א באַרימטנ גאָלדשמיד.

אָבער די פּעסט האָט אויכ ווענעציע ניט געלאָזנ צו רו. ברונאָ איז אנטלאָפנ קײנ מילאַנ, ראַטעווענ זיכ פונ טויט, אונ דערנאָכ — אינ דער שווייצ, אינ דער שטאָט זשענעווע.

מיט א טרויעריקנ געפיל האָט ער פאַרלאָזנ זײַנ הײמלאַנד אונ האָט געקוקט פונ די הויכע בערג אפ די איטאַליענישע טאָלנ, וואָס ער האָט פאַרלאָזנ, ווער ווייס, צי ניט אפ אלע מאָל. די זשענעווער פּראָפעסאָרנ האָבנ זיכ באַצויגנ צו ברונאָ פײַנטלעכ. ביפראַט, אז דער אוניווערסיטעט האָט אָקאָרשט אָנגענומענ א באַשטימונג „ניט אָפּצו־ווײַכנ פונ אריסטאָטעלס געדאַנקענ, ניט אינ דער לאָגיק, ניט אינ קײנ אנדער וויסנשאַפט“.

ברונאָ האָט מיט זײַנ געוויינלעכער היציקײַט גענומענ טײַקעפּ פאַרײדיקנ די לעבעדיקע וויסנשאַפט, ער האָט אופגעפאָדערט שטודירנ די נאַטור. „אויב די עקספּערימענטנ ווידערשפּרעכנ אריסטאָטעלנ, איז אָכ אונ וויי אריסטאָטעלנ“, האָט ברונאָ געזאָגט. „איז אָכ אונ וויי די עקספּערימענטנ“, האָבנ דערווידערט די פּראָפעסאָרנ.

דער שטרײַט האָט געבראַכט דערצו, אז ברונאָ האָט מענ אוועק־געזעצט אינ טפיסע אלס א בײזווילינקנ בונטאַר. עמעס, מע האָט אים אינגיכנ ארויסגעלאָזנ, אָבער ער איז אופגעבראַכט געוואָרנ פונ אזא

באציִונג און האָט פארלאָזן די שטאָט. ער איז אוועק אין פראנקרײַך, ווו עס איז אין יענער צײַט אָנגעגאנגען א רעליגיִעזע מילכאָמע צווישן די קאטוילן און די הוגענאָטן.

אין דאָרעם האָבן זיך ארום דעם קיניג היינריך פון נאווארע צונויפגענומען אלע קעגנער פון דער קאטוילישער קירך. אין פא־ריזש איז אנטשטאנען די קאטוילישע ליגע. אָרגאניזירט האָט זי היינ־ריך גיז און צוגעשטאנען איז צו איר אויך דער קיניג פון פראנק־רײַך היינריך דער דריטער. ניט אומזיסט האָט מען די מילכאָמע אָנ־גערופן „די מילכאָמע פון די דרײַ היינריכס”.

בא ברונאָ האָבן ניט ארויסגערופן קיין מיטגעפיל ניט די קא־טוילן, ניט די הוגענאָטן, אָבער דאָך האָט ער מער געהאלטן פון די הוגענאָטן, ווײַל זיי האָבן ווייניקסטנס ניט פארפאָלגט די פרײַע וויסנשאפט און האָבן ניט געצווּנגען אלעמען צו דענקען לויטן סכאָלאסטישן טײַטל. איבריקנס, די מילכאָמע איז ווייניק וואָס אָנגע־גאנגען ברונאָן.

ער האָט איצט געהאט א סאך צו קלערן וועגן זײַן אייגענעם גוירל. קיין געלט האָט ער ניט געהאט, פארנעמען זיך מיט וויסנשאפט האָט ער ניט געהאט ווו: ביבליאָטעקן זײַנען געווען נאָר אין די קלויס־טערס און אין די אוניווערסיטעטן. מיט די קלויסטערס האָט ברונאָ פארענדיקט איינמאָל פאר אלע מאָל, און דער עקספערימענט מיט זשענעווע האָט באוויזן, אז אין אוניווערסיטעט איז ניט שטענדיק זיכער. און דאָך האָט ברונאָ באדארפט האָבן דעם אוניווערסיטעט סײַ אלס א מיטל צו לעבן און סײַ אלס אן אָרט, ווו ער זאָל קאָ־נען פארברייטערן זײַנע קענטענישן, — שרײַבן, מאכן עקספערימענטן. ברונאָ האָט באשלאָסן בײַצוקומען זיך אליין. ער האָט באשלאָסן קו־מען קיין טולוז, ווי א געוויינלעכער געלערנטער, וואָס וויל אָנווענדן זײַנע קענטענישן, און ביז וואָס וועגן מיט קיינעם ניט שטרײַטן. נאָכדעם, — האָט ער געטראכט, — ווען די סטודענטן וועלן אים אָנ־הייבן אכטן און וועלן אים טרויען, וועט ער זיך קאָנען א וואָרפ טאָן אפן שאבלאָן פון דער קאטוילישער וויסנשאפט. אָבער טאָן דאָס מיטאמאָל האָט קיין זין ניט.

ברונאָ האָט זיך געצווונגען זײַן אונטערטעניק. ער איז געקומען צו אנסעלמען, אלס א קענער פון דער מיטלאלטערלעכער „גרויסער קונסט”, ער האָט אויסגעהאלטן דעם דיספוט, ווו ער האָט פארטיי־

דיקט דאָס, אין וואָס ער האָט אליין ניט געגלייבט, און איז געוואָרן א לעקטאָר פון טולוזער אוניווערסיטעט.

איצט פלעגט ער אופשטיין פיר אזייגער אינדערפרי, פלעגט אויסהערן די מעסע און נאָכדעם פלעגט ער גיין לייענען די לעקציע. די סטודענטן פלעגן אים שרייַען: „אנימא״. קעדיי צופרידנשטעלן זיי, פלעגט ער זיי איבערכאזערן אריסטאָטעלס לערע וועגן דער נעשאָמע און נאָכדעם פלעגט ער פאר זיי דרייען רייַמונד לוליוסעס לאָגישע מאשין, פארווונדערנדיק די סטודענטן מיט זייַן פענאָמענאלן זיקאָרן. אפילע אנסעלם האָט אין דעם פראט ניט געקאָנט קאָנקורירן מיט אים און האָט געהיים אָנגעהויבן מעקאנע זייַן דעם יונגן איטאליענער.

נאָכן פארענדיקן די לעקציע פלעגט ברונאָ גיין אין זייַן שטילן און פינצטערן צימער און דאָרטן פלעגט ער זיך פארנעמען מיט דער עמעסער וויסנשאפט. אים האָט זיך געוואָלט פאנאנדערארבעטן אויספירלעך דאָס אלץ, וואָס קאָפערניק האָט נאָר אָנגעמערקט. ער האָט געשטרייַכט, געמאָלט, אויסגערעכנט, צוגעקוקט די שטערן. שרעקלעך ווייַט זייַנען געווען די שטערן, און ברונאָ האָט פייַנלעך דערפילט די שוואכקייַט פון זייַנע אויגן. ווי דערנענטערט מען די שטערן, אָדער ווי דערהייבט מען זיך ביז זיי? ווי באלייַכט מען אָט די גאנצע קאָלאָסאלע וועלט, ווי מעסט מען זי אויס, ווי רעכנט מען זי אויס, ווי שטעלט מען פעסט איינמאָל פאר אלע מאָל אירע געזעצן? אָבער קוקנדיק אינעם אייביקן אָנענדלעכן הימל, האָט ברונאָ גאָרנישט ניט געקאָנט צוטראכטן אכוץ לידער, ווו ער האָט זיך געקלאָגט אף זייַן אומבאהאָלפנקייַט. טולוז איז געשלאָפן. דער אוניווערסיטעט איז געשלאָפן. געשלאָפן האָבן די פראָפעסאָרן און די סטודענטן. בלויז ברונאָ אליין האָט ניט געשלאָפן און האָט פייַנלעך געפילט זייַן איינזאמקייַט. טיילן זיך מיט זייַנע געדאנקען האָט ער מיט קיינעם ניט געקאָנט, ווייַל ער וואָלט באקומען א הארבן ענטפער, א וויץ אָדער א סטראשונעק. אָבער די איינזאמקייַט איז געווען אזוי פייַנלעך!

און טויב איז אלץ אין אָט דער גרויסער וועלט
צו מייַנע רייד און צום רוף צו מייַנעם

ברונאָ איז ניט געווען גערעכט. אין דער וועלט וואָלטן זיך געפונען א צוויי צענדליק מענטשן, וואָס וואָלטן מיט היספּייַלעס אופגענומען זייַן לערע און וואָלטן זיך סאָלידאריזירט מיט זייַנע גע-

דאנקען, אָבער אָט דאָס פּאָר צענדליק מענטשן זײַנען געווען צע־
שפּרייט איבער דער וועלט און זיי האָבן געשוויגן, פּונקט אזוי ווי
ברונאָ איז געווען געצוווּנגען צו שווײַגן.

דער יונגער האנס ליפּערסגיי אין דער דײַטשישער שטאָט ווע־
זעל האָט אין דער זעלבער צײַט געשליפן זײַן ערשטע אויסגעבײַכטע
גלעזל, וואָס האָט אים שפּעטער געהאָלפן אויסצוגעפינען דעם „אינ־
סטרומענט צו זען ווײַט".

אָט ווען ברונאָ זאָל האָבן אין האנט אזא טרײַבל וואָלט דע־
מלט געקאָנט צוציִען צו זײַן אויג, ווען ער וויל, דעם ערשטן
בעסטן שטערן, באטראכטן אים פון אַלע זײַטן, אוועקלאָזן בעשאָלעם
אינדערווײַטן און צוציִען אן אנדער שטערן. ער וואָלט דערזען סאַ־
טורנס רינג, יופּיטערס באגלייטער, די קאנאלן אפן מארס...

קאָפּערניקס קעגנער האָבן געזאָגט, אָנווײַזנדיק אף דער פּלאנעטע
ווענוס: „ווען אָט די פּלאנעטע זאָל זיך דרייען ארום דער זון און
שײַנען מיט אָפּגעשפּיגלטער ליכט, וואָלט זי שטענדיק געענדערט
איר אויסזען. אין איין לאגע וואָלטן מיר געזען איר גאנצע דעמיס־
פערע, בא אן אנדער לאגע — נאָר א טייל. אמאָל וואָלט אונדז ווע־
נוס פאָרגעקומען ווי א סערפּ, אמאָל ווי א האלב־קרײַז, ווי די לע־
וואָנע. אָבער מיר זען דאָס ניט, הייסט עס, אז קאָפּערניק איז ניט
גערעכט".

אָט ווען ברונאָ זאָל איצט האָבן אין האנט די ווונדערבארע
טרויב, וואָלט ער זי געווענדט צום ווענוס און וואָלט דערזען א
גלײַכן, העלן, האלב־קרײַז. ער וואָלט צוגערופן קאָפּערניקס קעגנער
און וואָלט זיי געזאָגט, ווי גאליליי האָט שפּעטער געזאָגט: „איר
זעט ניט, ווי עס ענדערט זיך די געשטאלט פון ווענוס, ווײַל אײַ־
ערע אויגן זײַנען שוואך; גיט א קוק אין טרויב, וועט איר דערזען".

— וואָס קוקסטו אלץ אפן הימל? — האָט אנסעלם איינמאָל א
פרעג געטאָן בא ברונאָן און צוגעגעבן מיט געלעכטער: — אין פּוילן
האָט זיך אײַנגעפונען א מעשוגענער יונג, וואָס אים האָט זיך אויס־
געדוכט, אז אָט די שטערנדלעך זײַנען גרעסער, ווי אונדזער ערד,
און ער האָט א טראכט געטאָן, אז ניט די זון דרייט זיך ארום דער
ערד, נאָר די ערד ארום דער זון. כא-כא־כא! דער ביסקופּ פון
פּיזע האָט ריכטיק אָנגערופן אָט דעם קאָפּערניקס בוך „א סקאנדא־
ליעזער, אומזיניקער און גאָטעס אומווירדיקער בוך", און דער פּאָ־

טער מאווראָילקוס האָט געמיינט, אז דעם אווטער דארף מען אָפּשמייסן. אפילע ליוטער האָט אויסגעזידלט קאָפּערניקן און אים אָנגערופן „נאר". וואָס מענטשן קאָנען אויסטראכטן, אבי נאָר צו באַקומען א שעם פון א כאָכעם. ווייסטו וואָס, ברונאָ, לייען דורך א לעקציע אין דער גרויסער אאודיטאָריע וועגן אָט דער נייער שטוס. די סטודענטן האָבן דיך ליב. אויב ווער עס איז פון זיי האָט זיך אין געהיים געסאמט מיטן נארישן בוך, וועסטו אים אויסהיילן. עס שאדט קיינמאָל ניט צו דערמאָנען אן איבריקן מאָל, אז די לערע פון אונדזערע גרויסע לערער — אריסטאָטעל און פּטאָלאָמועס — איז ניט געוואקלט.

— גוט, איך בין איינשטימיק! — האָט ברונאָ געזאָגט.

זיין הארץ האָט גענומען קלאפּן, און זיינע אויגן האָבן א פינקל געטאָן. ווי א סאָלדאט פאר אן אנטשיידנעם שלאכט, האָט ער דערשפּירט אן אופרעגונג.

אין דער גרויסער אאודיטאָריע האָט געקאָנט אריינגיין איבער טויזנט מאן.

II. די הימלישע מעכאניק

די קאָלאָסאלע אאודיטאָריע האָט פארשטיקט גערוישט און גערעגט זיך, ווען דזשאָרדאנאָ ברונאָ איז ארויף אפּ דער קאטעדרע. די פּראָפעסאָרן און צווישן זיי אנסעלם זיינען געזעסן פון פאָרנט אין זייערע לאנגע מאנטלען מיט די ברייטע ווייסע קאָלנערס. בא אייניקע אפן ברוסט האָבן געגלאנצט גאָלדענע קייטן — אן אויסצייכענונג, באקומען פון וואָסער עס איז א פירשט. סטודענטן האָבן זיך אָנגעקליבן אזוי פיל, אז זיי האָבן ניט געהאט ניט וווּ צו זיצן, ניט וווּ צו שטיין. זיי האָבן געווארט און געקוקט אפן יונגן פּראָפעסער, וואָס איז שוין אזוי בארימט געווען מיט זיין רעדנער-קונסט, געלערנטקייט און זיקאָרן. קאָפּערניקס בוך איז געווען פארבאָטן, אָבער זיין לערע האָבן א סאך סטודענטן געוווּסט, און זי האָט בא פיל פון זיי ארויסגערופן ספּייקעס, וואָס האָבן היינט געדארפט פערענטפערט ווערן. דער אומשטאנד, וואָס דזשאָרדאנאָ ברונאָ איז ארויסגעטראָטן קעגן קאָפּערניקן צו פארטיידיקן פּטאָלאָמעוס, איז פאר די סטודענטן געווען סימפּטאָמאטיש. אייניקע פון זיי, די סאמע לעבעדיקע און ווייטזיכטיקע, האָבן אָנגעהויבן זיך באציען מיט צווייפל צו אלערליי קירכ־

לעכע אווטאָריטעטן, אָבער אין ברונאָס געלערנטקייט האָבן זיי ניט געצווייפלט.

ברונאָ האָט אָנגעהויבן פונדערווייטנס. ער האָט דערציילט וועגן די אסטראָנאָמען פון מיזרעך, וועגן די אראבישע אסטראָנאָמען און נאָכדעם איז ער אריבער צו די טעאָריעס פון די גריכן און די רוימער:

„דער גרויסער רוימישער רעדנער ציצעראָ האָט אזוי באשריבן דעם געבוי פון דער וועלט:

„די וועלט באשטייט פון ניין ספערעס (קיילעכס), וואָס באַרירן זיך.. די אויסערלעכע ספערע — דער הימל — נעמט ארום אלע איבע־ריקע. דאָס איז די אויבערשטע גאָטהיים, וואָס אנטהאַלט זיי, וואָס רינגלט זיי ארום. אין הימל זיינען פאַרפעסטיקט די שטערן און ער טראָגט זיי אין אייביקער באוועגונג. נידעריקער קײַקלען זיך זיבן ספערעס, וואָס ווערן מיטגעריסן פון דער באוועגונג, וועלכע איז קעגנ־זעצלעך צו דער באוועגונג פון הימל. די ערשטע פון זיי פאַרנעמט דער שטערן, וואָס די מענטשן רופן אָן סאטורן. אפן צווייטן אָרט גלאַנצט דער ווילטעטיקער און צום מענטשלעכן מין וואויל-געגייגטער שטערן, באוווסט אונטערן נאָמען יופיטער. נאָכדעם גייט דער פאַרהאסטער מארס, ארומגערינגלט מיט א בלוטיקער שײַן. נידעריקער גייט די זון, דער קייסער, דער הערשער איבער אנדערע לײַכטער און די וועלט-נעשאָמע, דער קײַלעך פון שרעקלעכער גרייס, וואָס פילט אָן מיט זײַן ליכט דעם וועלט־רוים. אים באגלייטן די ספערעס מערקור און ווענוס, זיי זײַנען אזוי ווי זײַן סוויטע, צולעצט ני־דעריקער פון אלע גייט די לעוואָנע. זי באקומט איר ליכט פון דער זון. די ערד שטייט אין צענטער פון דער וועלט. זי איז די סאמע ווײַטע ספערע פון הימל, די נײַנטע ספערע; זי איז אומבאוועגלעך, און אלע שווערע קערפערס פאלן צו איר, איבער זייער אייגענער שווערקײַט".

אָבער וואָס צווינגט די אלע הימלישע קערפערס צו דרייען זיך ארום דער ערד?

דער גרויסער פטאָלאָמעוס האָט געענטפערט: „נאָך איין ספע־רע, די סאמע העכסטע, וואָס מע רופט אָן „דער ערשטער באוועגער".

אָבער מיט וואָס קאָן מען דערקלערן די אומרעגולאַריקייטן אין דער באוועגונג פון אנדערע פלאַנעטעס?

אמאָל גייט די פּלאַנעטע פאָרויס, אמאָל שטייט זי אפ אנ אָרט. אמאָל באוועגט זי זיך אפילע צוריק.

דער גרויסער פּטאָלאָמעוס האָט דאָס אויך דערקלערט.

די פּלאַנעטעס באוועגנ זיך אינ קריַיזנ, ווי שלייפנ, פונדאנענ שטאמט זייער נאָמענ „פּלאַנעטע" — א בלאָנדזשענדיקער קערפּער. מאכנ־דיק שלייפנ, באוועגט זיך די פּלאַנעטע אמאָל פאָרויס, אמאָל צוריק. אָט די שלייפנ זיַינענ זייער קאפּריז־פול, און עס איז ווירקלעך מאָד־נע: אינ דער נאטור איז געוויינלעך אלץ פּאָשעט, אונ פאר די פּלאַנעטעס האָט זי אָנגעמערקט אזא קאָמפּליצירטנ וועג. ווענ מע זאָל זיך פאָר־שטעלנ, אז די פּלאַנעטעס דרייענ זיך ארומ דער ערד אינ 24 שאָ, דורכגייענדיק א קאָלאָסאלנ אונ קאפּריז־פולנ וועג, ווערט דער גאנ־צער קאָסמאָס פארוואנדלט אינ א מעשונע־ווילדער שפּרינגעריַי. אונ, אפּאָנעמ, אז עס איז געווענ געדעכט דער קיניג אלפאָנס פונ קאסטיליענ, ווענ ער האָט געזאָגט: „ווענ גאָט וואָלט בא מיר געפרעגט אנ אייצע, וואָלט איך אימ געראטנ איַינצואָרדענענ די וועלט א ביסל פּראָסטער".

ווענ דזשאָרדאנאָ ברונאָ האָט אויסגערעדט אָט די ווערטער, איז א ליַיכטער געמורמל דורכגעלאָפנ איבער דער אאודיטאָריע, אָבער באלד איז געוואָרנ טויט־שטיל. אייניקע פּראָפעסאָרנ, באזונדערס די טעאָלאָגנ, האָבנ זיך א קרימ געטאָנ. צו וואָס האָט ברונאָ געדארפט דערמאָנענ די גאָטלעסטערישע ווערטער, וואָס די קירכ האָט שוינ לאנג פארורטיילט. אנסעלמ האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ.

ברונאָ האָט אָבער ווי ניט באמערקט די פארוווּנדערונג, וואָס זיַינע ווערטער האָבנ ארויסגערופנ.

— איצט, — האָט ער געזאָגט, — לאָמיר זיך פאָרשטעלנ אפ א מאָמענט, אז די וועלט איז געבויט גאָר אנדערש. אז די זונ איז דער צענטער, ארומ וועלכנ עס דרייענ זיך אלע פּלאַנעטעס, דערונטער אויך די ערד. דאָס בילד פונ דער וועלט וועט זיך אונדז דעמלט פאָר־שטעלנ אינ אזא געשטאלט: אינ צענטער שטייט די זונ, נעענטער פאר אלץ איז צו איר מערקור, נאָכדעמ ווענוס, נאָכדעמ די ערד מיט דער לעוואָנע, נאָכדעמ מארס נאָכדעמ יופּיטער אונ סאטורנ. אויב מע זאָל זיך שטעלנ אפ אזא שטאנדפּונקט, וועט זיַינ פולקומ פאר־שטענדלעך, פארוואָס די פּלאַנעטעס באוועגנ זיך אמאָל פאָרווערטס, אמאָל ריקווערטס, אונ אמאָל שטייענ זיי גאָר אומבאוועגלעך, וויַיל די ערד באוועגט זיך אויך, אונ אמאָל קומט פאָר, ווי זי יאָגט זיי

אריבער, אמאָל באַוועגט זי זיכ מיט א גלײַכער שנעלקײַט, אמאָל שטײט זי אָפּ פונ זײ. די באַוועגונג פונ אלע פּלאַנעטעס איז גלײַכמעסיק, אָבער די שנעלקײַט פונ דרײען זיכ איז ניט גלײַכ, אונ דער מעהאַלעכ צווישנ זײ איז קאָלאָסאַל, די אײנפאַכקײַט פונ אָט דער סטרוקטור אנטשפּרעכט פולקום דער אײנפאַכקײַט פונ די נאַטור־געזעצנ. אלצ, וואָס פונ פּטאָלאָמעוסעס שטאַנדפּונקט קאָנ מענ ניט דערקלערנ, אָדער עס לאָזט זיכ דערקלערנ אויסערגעווײנלעכ קאָמפּליצירט, איז קלאָר אונ פּאָשעט פונ קאָפּערניקס שטאַנדפּונקט. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם הימל אינ די אומבאַוועגלעכע שטערנ, איז דער הימל אָנ א גרענעצ אונ עס האָט ניט קײנ גרענעצ די וועלט. בלויז די דערפאַרונג גיט א יעסאָד דעם עמעסנ וויסנ. ווי מע זאָל ניט איבערשטעלנ די אויסיעס אינ אריסטאָטעלס נאָמענ, קאָנ מענ ניט צווינגענ די וויסנשאַפט שטײנ אָפּ אײנ אָרט. יעדע נײַע גרויסע אנטדעקונג בלאָזט אראָפּ דעם שטויב פונ די אלטע מויכעס, ווי א פרישער פרילינג־ווינטל. אונ ווײ איז צו דעמ, וועמ עס וויל ניט וויסנ פונ פרילינג, וועמ עס באַהאַלט זיכ אויס אינ די פינצטערע נאַסע קעלערס פונ די לעבנ־שטראַלנ פונ דער זונ. די קומענדיקע דורעס וועלנ לאַכנ פונ אים אונ וועלנ אים פאַרשטעמפּלענ ווי א נעבעכדיקנ אונ בלינדנ אומזיניקנ מענטשנ.

ברונאָ האָט א וואָרפּ געטאָנ אָפּ דער קאַטעדרע די קרײַד אונ, בא א טויטער שטילקײַט האָט ער פאַרלאָזנ די אאודיטאָריע.

ער איז גיכ דורכגעגאַנגענ די קאָרידאָרנ אונ איז ארויס פונ אוניווערסיטעט. זײַנע הענט האָבנ געציטערט, דאָס הארצ האָט געשפּרונגענ אינ דער ברוסט. אָט האָט ער ווידער אופגעשטעלט קעגנ זיכ אלעמענ, אָדער קימאַט אלעמענ, אָט האָט ער ווידער פאַרלאָרנ מיט אײנ מאָל אי דעמ ביסנ ברויט אי א רויִקנ אָרט פאַר וויסנשאַפטלעכער ארבעט. אָבער ווי קאָנ דענ זײַנ אנדערש? דער עמעס פאָדערט קעמפּער. עמעצער מוז פאַר אים לײַדנ אונ אומקומענ.

דער מײַ־אָוונט איז געווענ שטיל אונ שײנ. א ווינטל האָט געבראַכט דעם גערוכ פונ ווײַטע פעלדער אונ וועלדער, אונ א הויכ געטאָנ אָפּ דזשאָרדאַנאָנ מיט אָטעמ פונ לעבנ. ער האָט דערשפּירט א צופלוס פונ מונטערקײַט. אים האָט זיכ פאַרוואָלט עסנ, אויסטרינקענ א גלאָז קאַלטנ ווײַנ, א פלוידער טאָנ מיט וועלכע עס איז פראָסטע,

לוסטיקע מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהערט ניט וועגן פּטאָ־לאָמעוסן, ניט וועגן קאָפּערניקן.

ער איז אוועק אין סאַמע עק שטאָט אין א קליינינקן שענקל, איבער וועלכן עס איז געהאַנגען א שילד „גרייצער און פלאַש". דאָרטן האָט אים קיינער ניט געקענט, און ער האָט זיך געקאָנט האַלטן גאַנץ פריי. דאָס שענקל האָט זיך געפונען אין א האַלבן קעלער. ווען ברונאָ איז אהינצו אריין, האָט ער דערזען, אז דער באַלעבאָס פון שענקל איז געשטאַנען ארומגערינגלט מיט א גרופּע מענטשן, איינ־געהילטע אין רעגנמאַנטלען, כאָטש דער אָוונט איז געווען א וואַ־רעמער, און האָט עפּעס שטיל און געהיימניספול געשמועסט מיט זיי. ווען ברונאָ איז אריינגעגאַנגען זיינען זיי אַנשוויגן געוואָרן, פאַרשנדיק א קוק געטאָן אויף אים, און ווען ער האָט זיך געזעצט בא א טישל אין ווינקל, האָבן זיי ווידער גענומען זיך שושקען אומרויִק און אופגערעגט.

א דינער איז צוגעגאַנגען צו ברונאָ און האָט אים געפרעגט, וואָס ער וויל עסן און טרינקען.

— עפּעס א געשמאַקע און א זאַטע זאַך, — האָט ברונאָ פריי־לעך געענטפערט, — און גיב מיר רויטן וויין.

אין דעם מאָמענט זיינען אין שענקל אריינגעלאָפן צוויי יונגע סטודענטן. ברונאָ האָט זיי טייקעף דערקענט, — זיינע סאַמע פלייסיקע צוהערער.

איינעם פון זיי האָט מען גערופן זשאַן הענעקען. דאָס איז גע־ווען א קלוגער און טאַלענטפולער באָכער, וואָס האָט ניט איינמאָל פאַרשאַפט פרייד ברונאָ מיט דער אָריגינעלקייט פון זיינע געדאַנקען און מיט דער אומגעריכטקייט פון זיינע פראַגן.

ניט באַמערקנדיק ברונאָן, האָבן זיך די סטודענטן א לאָז געטאָן צום באַלעבאָס, אופגערעגטע און צערייצטע.

— נו, האָבן מיר דאָס איצט געהאַט א סקאַנדאַל אין אוניווער־סיטעט! — האָט אויסגעשריִען זשאַן, גריסנדיק זיך מיט די מענטשן אין די רעגנמאַנטלען. — דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, א יונגער איטאַליענישער פילאָסאָף, האָט אריינגעגעבן א כיילעק דער קירכלעכער וויסנשאַפט. און ער האָט איר געגעבן אזא כיילעק, אז די טעאָלאָגן האָבן נאָר געעפנט די מיילער. ווען ער איז אוועק, זיינען אלע צוהערער גע־זעסן, ווי געפּלעפטע ווייניקסטנס א מינוט פינף. נאָכדעם האָט זיך

אָנגעהויבן. איינע האָבן אים פאַרשאָלטן, אנדערע האָבן אים געליבט... מיר האָבן זיך שיר ניט צעריסן די העלדזער, שרײַענדיק „וויוואַט“. אַנסעלם אַליין איז אַרופגעקראָכן אַף דער קאַטעדרע... ווו, ווען... ס'איז געווען אַזאַ האַרמידער, אַז מע האָט ניט געקאָנט ריידן. די גאַלאָכים זײַנען אַויסער זיך... און דעריקער, ווי קונציק דאָס האָט זיך באַקו-מען, גראָד דעמלט...

אָבער דער באַלעבאָס האָט פּלוצעם געכאַפּט דעם סטודענט פאַר דער האַנט און אַ ווונק געטאָן אַפן ווינקל, ווו עס איז געזעסן ברונאָ, ווי פאָדערנדיק צו זײַן פאָרזיכטיק. די סטודענטן האָבן זיך אַרומגעקוקט.

— דאָס איז דאָך מאַגיסטער ברונאָ.

די סטודענטן זײַנען צוגעגאַנגען צו אים און האָבן זיך פאַרנייגט מיט אַכטונג.

— מיר זײַנען אַנציקט פון אײַער לעקציע, פּראָפעסער. מיר האָבן שוין לאַנג געפילט, אַז די אַלטע ווינסנשאַפט האָט אָפּגעלעבט איר צײַט, אָבער מיר האָבן, נאַטירלעך, ניט געוואַגט טרויען זיך. איצט האָבן אײַערע אידייען אונדז פולקום איבערצײַגט, און מיר זײַנען גרייט צו קעמפן, אויב מע וועט דאַרפן — אויך שטאַרבן פאַר דער עמעסער ווינסנשאַפט.

ברונאָ האָט אַ שמייכל געטאָן, הערנדיק אַזאַ היציקע דער־קלערונג.

— דערווײַל וואַרטנדיק אַפן טויט, לאָמיר אויסטרינקען פאַר דער גרויסער ווינסנשאַפט, — האָט ער געזאָגט, אָנגיסנדיק ווײַן די סטודענטן. — זעצט זיך צו, לאָמיר שמועסן, איר וועט מיר דערציילן אויספירלעך, וואָס עס איז פאָרגעקומען נאָך דעם, ווי איך בין אַוועק... די אַלע „דרײַ מאָל דאָקטער“ האָבן זיך דרײַ מאָל געערגערט... און די קלייקוידעש אַוואַדע אויך.

דערהערנדיק דאָס וואָרט „קלייקוידעש“ האָט דער באַלעבאָס און די מענטשן אין די מאַנטלען, אַ קוק געטאָן אַף ברונאָן מיט נײַגע־ריקײַט. ווירקלעך, אַזוינע ווערטער וועגן די קירכנדינער האָבן מאָדנע געקלונגען אין מויל פון אַ פּראָפעסער פון פילאָסאָפיע אין טולוז.

די סטודענטן זײַנען פון דעם וואָרט אַרײַן אין היספּײַלעס און האָבן אָנגעהויבן לאַכן.

— איך האָב געזאָגט, אַז פאַרן פּראָפעסער ברונאָ דאַרף מען

זיך ניט זשעני‍רן — האָט אויסגערופן זשאַן הענעקען, ווענדנדיק זיך צום באַלעבאָס. — פֿאַרקערט, איך האַלט פֿאַר מײַן כּיוון צו זאָרגען אים...

— וואָס איז געשען? — האָט ברונאָ געפֿרעגט, אופּעסנדיק מיט פֿאַרגעניגן דעם פּאַשטעט פֿון פֿעלדהון, וואָס מע האָט אים דער־לאַנגט. — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ סוידעס?

אין דעם מאָמענט האָט זיך אָפּ דער גאַס פּלוצעם דערהערט אַ ליאַרעם, געשרייען, עס זײַנען פֿאַרבײַגעריטן רײַטער. דער באַלעבאָס און די מענטשן אין די רעגנמאַנטלען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר. דערבײַ האָט איינער פֿון די לײַט זיך פֿאַרטשעפּעט מיטן מאַנטל אָן דעם בענקל. דער מאַנטל האָט זיך אופֿגעשפּילעט, און עס האָט זיך באַוויזן דאָס הענטל פֿון אַ שפּאַגע און דאָס קעפּל פֿון אַ פּיסטויל. די סטודענטן זײַנען אויך אופֿגעשפּרונגען פֿון זייערע ערטער.

אין דער אָפֿענער טיר האָט זיך אַרײַנגעריסן דער געריוש פֿון דער אופּגערעגטער שטאָט, דער כאַאָטישער גלאָקן־קלאַנג, געשרייען. ווידער האָבן זיך פֿאַרבײַגעטראָגן רײַטער, אינדערווײַטן האָט אַ זעץ געטאָן אַ האַרמאַט.

— וואָס קומט דאָ אייגנטלעך פֿאָר? — האָט ברונאָ אויסגעשריען, איז אויך אופֿגעשטאַנען פֿון באַנק און צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— צו טולוז קומען צו די אַרמייען פֿון הײַנריך נאַוואַרער! — האָט געענטפֿערט פֿײַערלעך דער באַלעבאָס. — אָבער אויב איר, פּראָפֿעסער, האָט ניט ליב קיין קלײַקוידעש, האָט איר ניט וואָס מוירע צו האָבן.

גראָד אין דעם מאָמענט זײַנען איבער דער גאַס דורכגעלאָפֿן צוויי דערשראָקענע אַבאַטן, פֿאַריסן די שוואַרצע קלויסטער־מאַנטלען, אופֿהייבנדיק שטויב מיט זייערע סאַנדאַלן.

— טוט טפֿילע צום הייליקן באַרטאָלאָמעוס — האָט זיי נאָכגע־שריען דער באַלעבאָס, דערמאָנענדיק די שרעקלעכע נאַכט, ווען די קאַטוילן האָבן אין פּאַריזש געקוילעט די הוגענאָטן.

— איר זײַט דען געהיימע הוגענאָטן? — האָט ברונאָ געפֿרעגט בײַ די סטודענטן.

— די גאַלאָכים האָבן אונדז שוין צופֿיל דערעסן! — האָבן די סטודענטן געענטפֿערט לאַכנדיק. — עס ווילט זיך אָטעמען פֿרײַער, און זיי זיצן בײַ אונדז אָפּן קאַרק און באַרויכערן אונדז מיט ווײַרעך. היי, באַלעבאָס, גיב אונדז אָפּ יעדנפֿאַלס אַ פּאָר פּיסטוילן.

— נו, איכ האָב דאָ ניט וואָס צו טאָנ! — האָט אויסגעשריִענ ברונאָ. ער האָט זיכ ווידער געזעצט צומ טישל אונ זיכ מיט אפּעטיט גענומענ פאר דעמ איבערגעריסענעמ וועטשערע.

III. אלטע פרײַנט.

אינ יענע צײַטנ פלעגנ פירנ מילכאָמע דעריקער די אדל-לײַט אונ זייערע געדונגענע קנעכט; די פּויערימ אונ די שטאָטישע באפעלקערונג פלעגנ קיינ דירעקטנ אָנטייל אינ דער מילכאָמע ניט נעמענ, כאָטש זיי פלעגנ לײַדנ פונ איר. די פּויערימ אונ די שטאָט-מענטשנ פלעגנ דאָכ מוזנ געבנ עסנ די סאָלדאטנ; אויסער דעמ זײַנענ די סאָלדאטנ גענייגט צו ראבירנ. די אדל-לײַט זײַנענ געווענ מיליטער-מענטשנ פונ געבוירנ אָנ, זיי פלעגנ טראָגנ געווער, פלעגנ מוזנ באשיצנ זייער קיניג צוזאמענ מיט זייערע דינער אונ וואָפנטרעגער. די רעליגיעזע מילכאָמע אינ פראנקרײַכ האָט א סאכ מער באריר ט אלעמענ, ווײַל צווישנ דער באפעלקערונג איז געווענ זייער פיל אומצופרידענע מיט דער קאטוילישער קירכ. די גאלאָכימ אונ די מאָנאכנ פלעגנ זיכ שטענדיק ארײַנמישנ אינ פּריוואטנ לעבנ פונ די בירגער, פלעגנ זיי מוסערנ אונ שטראָפנ, אונ אינ דער זעלבער צײַט פלעגנ זיי אליינ שיקערנ אונ הוליענ, אונ פלעגנ זיכ סטארענ ארויספּרעסנ געלט מיט אלערליי אויפאנימ. דאָס אלצ פלעגט, נאטירלעכ, אופּברענענ דאָס פאָלק. דעריבער איז אינ פראנקרײַכ געווענ א סאכ אָנהענגער פונ דער אנטיקאטוילישער פּארטיי, וואָס בעראָש פונ איר איז געשטאנענ הײנריכ דער נאווארער. הײנריכ אליינ, ווי דאָסראָוו זײַנע אָנהענגער, האָט זיכ גאָר ניט געקימערט וועגנ דער רעליגיע. זיי האָבנ געוואָלט ארײַנבאקומענ אינ זייערע הענט די העכסטע מאכט אינ פראנקרײַכ. צוליב דעמ האָט הײנריכ דער נאווארער געפירט א זייער כיטרע פּאָליטיק. האלטנדיק מילכאָמע קעגנ די קאטוילנ, האָט ער אינ דער זעלבער צײַט ניט געוואָלט ארויסרופנ זייער פארביטערונג קעגנ אימ. דעריבער פלעגט ער אָפּהאלטנ, די הוגענאָטנ ווי נאָר ער פלעגט קאָנענ, פונ נעקאָמע נעמענ פאר דער בארטאָלאָמעוס-נאכט. מיט אזא פּאָליטיק האָט ער אָפּגעשוואכט דעמ צאָרנ פונ זײַנע סאָנימ די קאטוילנ, וואָס זײַנענ נאָכ געווענ גענוג געפערלעכ

און שטאַרק, און אַ סאַך פֿון זיי פֿלעגט ער אַפֿילו צוציִען אויף זײַן צד. די מלחמה האָט ער געפֿירט זייער קונציק, סטאַרענדיק זיך אויך אין דעם פֿאַל אָנצוטאָן וואָס ווייניקער שאָדן דער באַפֿעלקערונג: ער האָט געוואָלט פֿון די פּויערים רעקרוטירן פֿאַר זיך וואָס מער אָנהענגער. זײַן גרונט־ציל איז געווען — אײַננעמען פּאַריז.

דאָס אײַננעמען טולוז איז געווען איינער פֿון די עפּיזאָדן אינעם בירגערקריג.

די אַרמיי פֿון היינריך דעם נאַוואַרער איז אַרײַנגעטראָטן אין טולוז באַם שײַן פֿון פֿאַקלען. דאָס געווער האָט געקלימפּערט און געגלאַנצט באַם פֿלאַם, די פֿערד האָבן געהירזשעט, די פּאָדקעוועס האָבן אַרויסגעקלאַפּט פֿונקען פֿון די שטיינער, וואָס פֿלעגן זיך צופֿעליק טרעפֿן צווישן דעם שטויב.

אויפֿן פּלאַץ פֿון ראַט־הויז זײַנען זיך צונויפֿגעקומען די פֿאָרשטייער פֿון שטאָט צו באַגעגענען דעם זיגער.

היינריך דער נאַוואַרער האָט, ווי געוויינלעך, געזאָגט, אַז ער האַלט מלחמה ניט קעגן די פֿראַנצויזן, ווײַל ער איז אַליין אַ פֿראַנצויז, נאָר צוליב די פֿראַנצויזן, ווידעראַמאָל, ווײַל ער איז אַליין אַ פֿראַנצויז. זײַן צוועק איז, אַז דאָס פֿאָלק זאָל ענדלעך אַראָפּוואַרפֿן דעם יאָך פֿון דער קאַטוילישער פּאַרטיי, וואָס באַרויבט נאָר דאָס פֿאָלק. ער, היינריך דער נאַוואַרער, פֿאַרלאַנגט, אַז דאָס פֿאָלק זאָל לעבן אין ווױלטיק, אַז יעדער פּויער און יעדער בירגער זאָל האָבן זונטיק אַ הון אין זופּ. (וועגן אָט דער הון פֿלעגט ער ריידן אין יעדן שטעטל, אין יעדער שטאָט, וואָס ער פֿלעגט אײַננעמען, און שטענדיק מיט דעם זעלבן דערפֿאָלג). זײַן אַרמיי האָט ער, נאַטירלעך, פֿאַרבאָטן צו באַרויבן די שטאָט און באַליידיקן די באַפֿעלקערונג, אָבער ער האָפֿט, אַז די באַפֿעלקערונג וועט זיך אַליין באַמיִען, אַז זײַנע געטרײַע סאָלדאַטן זאָלן ניט לײַדן קיין דוחק אין קיין זאַך און זאָלן געפֿינען אַן אָפּרו נאָך דעם שווערן מאַרש.

דער פֿריילעכער טאָן פֿון זײַן רעדע און דאָס דערמאָנען וועגן דער באַרימטער הון האָט גלײַך באַרויִקט די שטאָטישע אײַנוווינער, און זיי האָבן אויפֿגעעפֿנט זייערע הײַזער פֿאַר די פֿאַרשטויבטע און זון־פֿאַרברענטע סאָלדאַטן, באַוואַקסענע מיט געדיכטע וואָנצן, מיט קאָלאָסאַלע שפּאָרן אויף די הויכע שטיוול, מיט לאַנגע שפּאַגעס, וואָס האָבן שרעקלעך געקלונגען אויף די טרעפּ פֿון די אַלטע טולוזער הײַ־

זער און האָבן בעסער פאַר אַלע רעדעס דערמאָנט די באַלעבאַטים, אַז זיי דאַרפן זײַן גאַסטפרײַנטלעך.

— ברונאָ! דזשאָרדאַנאָ ברונאָ!

דזשאָרדאַנאָ האָט זיך אומגעקערט און דערזען פאַר זיך אַ סאָל־דאַט מיט ברייטע פּלייצעס אין אַ ברייטן קאַפּעליוש, אין גרויסע שטיוול, מיט אַ פראַנטעוואַטער פּאָרטופּייע, אויף וועלכער עס האָט זיך גע־באָמבלט אַ לאַנגע שפּאַגע מיט אַ קונציקן גריף. די וואָנצן פאַר־דרייטע, מײַסע כוואַט, און דאָס לאַנגע שפּיציקע בערדל האָבן צו־געגעבן דעם סאָלדאַט אַ זייער קריגערישן אויסזען.

— דו דערקענסט ניט?

דער סאָלדאַט האָט פאַרדעקט די וואָנצן און דאָס בערדל.

— און איצט?

— ריבעלאָ!

זיי האָבן זיך אַרומגענומען. ריבעלאָ האָט שיר ניט צעקוועטשט ברונאָס ברוסטקאַסטן, אַזוי שטאַרק האָט ער אים צוגעדריקט צו זײַן מעכטיקער ברוסט.

— ס'אַ כוואַט דו ביסט געוואָרן! — האָט אויסגעשריִען דזשאָר־דאַנאָ, אָנקוקנדיק פון זײַן פרײַנטס מעכטיקער און שטאַלטנער פיגור. — אָבער ווי קומסטו אַהער? דו — און פּלוצעם אין דער אַרמיי פון דעם פּראָ־טעסטאַנטישן קיניג! און ווי ווערט זײַן מיט די יעסורים אין גענעם?

ריבעלאָ האָט אַ פּײַפ געטאָן.

— איך בין פון יענער צײַט קליגער געוואָרן... איך ווייס איצט, וואָס מאָנאַכן זײַנען. דאָס לעבן אין מאַרש — אָט דאָס געפעלט מיר... איך בין ניט איך, אויב איך וועל ניט פליִען אויף יענער זײַט יאַם אָנשטאָפּן זיך די קעשענעס מיט גאָלד, ווי די שפּאַניער און די פּאָרטוגאַליער. נו, און ווי קומסטו אַהער? דו כאָלעמסט נאָך אַלץ וועגן דער זון? דו ווילסט אַלץ אויפקלערן דײַנע אָבסקוראַנטן? ווי קומסטו אַהער?

— אין טולוזער אוניווערסיטעט האָב איך מער ניט וואָס צו טאָן. איך וועל פאָרן קיין פּאַריז. איך וועל זיך דערשלאָגן, אַז איך וועל אין דער סאָרבאָנע גופא פּרידיקן די נײַע וויסנשאַפט... אַל־ציינס, איך קאָן אָן דעם ניט לעבן.

— איז וואַרט צו ביזוואַנען מיר ווערן אײַנעמען פּאַריז. דעמלט וועט קיינער ניט וואַגן אַ ריר צו טאָן דיך מיט אַ פינגער... איך

וועל דיר זאָגן אָפֿן, אונדזער קיניג שפּײַט אי אפֿ די קאַטוילן, אי אפֿ די הוגענאָטן, אי אפֿ דער זון, אי אפֿ דער ערד. און געלערנטע האָט ער אפילע ליב.

ברונאָ האָט זיך צעלאַכט.

— שוין־זשע האָט ער זיי אפילע ליב? ניין, איך וועל ניט וואַרטן. איך וויל זיך דערשלאָגן א קאַטעדרע אין סאָרבאָנע. דו מיינסט, אז היינריך דער דריטער טראַכט יאָ פיל וועגן קאַטוילן און הוגענאָטן? און געלערנטע האָט ער, דאַכט זיך, אויך „אפילע ליב“. ניין, איך וועל פאָרן קיין פּאַריזש. איר וועט מיך דאָך אַרויסלאָזן פון טולוז?

— נו, נאַטירלעך, גראף דע־ליל וועט דיר געבן א צעטל כאָטש קיין גאַניידן. נאָר בלײַב בעסער מיט אונדז. מיר וועלן נעמען שטעט, וואַנדערן איבער פראַנקרײַך, א ווײַל לעבן, כאַפּט עס דער טײַוול! נו, הײַנט אויב מיר נעמען פּאַריזש... אָהאָ!.. היינריך וועט אונדז אַלעמען באַלוינען!

— מיט א הונט אין זופּ?

— מעגסט לאַכן. כ׳לעבן, בלײַב מיט אונדז.

— מײַן ליבער, איך דאַרף אַרבעטן, איך דאַרף האָבן ביכער, מאַנוסקריפּטן... איך טרוים שוין לאַנג וועגן דער סאָרבאָנער ביבליאָטעק.

— געלערנט זיך, געלערנט זיך און אַלץ ניט אויסגעלערנט זיך? איך האָב געמיינט, אז די געלערנטע לייענען גאָרנישט, נאָר זיי שרײַבן אַליין.

— אומזיסט האָסטו געמיינט אַזוי. פאַר די צוויי יאָר אין טולוז האָב איך זיך א סאַך זאַכן אויסגעלערנט, איך האָב זיך דערוווּסט א סאַך זאַכן, וואָס איך האָב פריִער ניט געוווּסט, א סאַך זאַכן האָב איך דורכקאָנטראָלירט... און איצט באַהויפּט איך שוין מיט פולער רעכט...

— איך ווייס, איך ווייס, אז די זון דרייט זיך, אָדער פאַרקערט, אז די ערד, כ׳מיין...

— נו, וואָס טוט מען מיט דיר... ווו נעכטיקסטו? — האָט ברונאָ געפרעגט.

— דערווײַל אין ערגעץ ניט.

— קום אין מײַן אוניווערסיטעט־צימער. איך האָב אפילע ניט געוואָלט זיך אומקערן אהינצו, אָבער איצט, מיין איך, האָבן זיך אַלע פּראָפעסאָרן באַהאַלטן און האָבן פאַרגעסן אי וועגן דער ערד אי וועגן דער זון.

ריבעלאָ האָט גערנ אײַנגעשטימט.

זײַנע שפּאָרנ האָבנ הילכיק געקלונגענ אונטער די אַלטע געוועלבנ.

ער האָט זיכ מיט פאַרגעניגנ אויסגעטאָנ אונ זיכ געלייגט, אויס־שפּרייטנדיק אַפ דער פאָדלאָגע זײַנ רעגנמאַנטל.

— געדענקסט נעאַפּאָל? יאָלע געדענקסטו? געדענקסט אונדזערע באַנאַכטיקע שפּאַצירנ?

ברונאָס אויגנ זײַנענ פול געוואָרנ מיט טרערנ.

— איכ וועל שוינ דאָס קיינמאָל ניט זענ. קיינ איטאַליע קאָנ איכ זיכ ניט אומקערנ.

— מע קאָנ קיינ זאַכ ניט וויסנ אַפּריער. עס קאָנ זײַנ, אַז די הייליקע פאָטערס וועלנ נאָכ קליגער ווערנ אונ וועלנ אָנהייבנ גלייבנ אינ דײַנ וויסנשאַפט. א קאַשע אַפ א מײַסע, מע קאָנ נאָכ מאַכנ דיכ פאַר א פּויפּסט, כאַ, כאַ!

— ניינ, אַפ דעמ קאָנ מענ ווייניק וואָס האָפנ... ווו איז וווּלקאַנ?

— ווולקאַנ? ער איז געבליבנ אינ באָרדאָ. דאָרטנ איז פאַראַנ איינס אַזא שיינ מיידל, היט ער אָפּ איר רו.

— אונ ווו איז לויזע?

— זי האָט מיכ שוינ אַוודע פאַרגעסנ.

— צי זי האָט דיכ פאַרגעסנ ווייס איכ ניט, אָבער דו האָסט זי, דאַכט זיכ, געוויס פאַרגעסנ.

ריבעלאָ האָט זיכ צעלאַכט.

— ווענ גאַנצענע טעג רײַט מענ אַרומ אַפנ פערד, טרייסלט עס ניט ווילנדיק אַרויס דעמ גאַנצנ זיקאָרנ...

ריבעלאָ איז אײַנגעשלאָפנ ערשט באַגינענ.

ברונאָ האָט אַלצ ניט געקאָנט אײַנשלאָפנ.

שוינ־זשע וועט ער שוינ קיינמאָל ניט זענ מער איטאַליע?

גראַפ דע־ליל האָט גערנ געגעבנ ברונאָנ אַנ אַרײַנפאָר־צעטל קיינ פאַריזש אונ אימ מיטגעטיילט דעמ אַדרעס פונ איינעמ אַנ אַלטנ גע־לערנטנ, וואָס איז געווענ זייער גאַסטפרײַנטלעכ אונ געקאָנט העלפנ ברונאָנ אײַנאָרדענענ זיכ אינ דער סאָרבאָנע.

אינ א קלאָרנ פרילינג-פרימאָרגנ איז ברונאָ אַרויסגעפאָרנ פונ טולוז, רײַטנדיק אַפ א פערד, וואָס מע האָט אימ געשאָנקענ לויט א באַפעל פונ הײַנריכ דעמ נאַוואַרער. דער קיניג האָט ניט געוואָלט דורכלאָזנ די געלעגנהײַט צוצוזיַענ אַפ זײַנ זײַט אַזא פילצוזאָגנדיקנ

געלערנטנ. אכוצ דעמ, האָט ער „באוויליקט“ צו געבנ אימ א גנעדיקע אאודיִענצ באמ געזעגענענ זיכ.

— איכ האָפ נאָכ צו זענ זיכ מיט אײַכ, — האָט געזאָגט דער קוניג, אָפּלאָזנדיק ברונאָנ.

— מיר וועלנ זיכ זענ אינ פּאריזש, אײַער מאיעסטעט, — האָט געענטפערט ברונאָ, שמייכלענדיק כיטרע.

אָט דער ענטפער זײַנער איז שטארק געפעלנ געוואָרנ דעמ קיניג.

— איכ שווער בא מײַנ ערע, — האָט ער אויסגעשריִענ, — אויב איכ וועל וועננ עס איז זײַנ קיניג פונ פראנקרײַכ, וועל איכ אײַכ מאכנ פאר דעמ רעקטאָר פונ דער סאָרבאָנע!

— אויב אזוי, האלט איכ זיכ שוינ פארנ רעקטאָר, — האָט דזשאָרדאנאָ אָפּגעענטפערט. ווענ ער איז ארויסגעגאנגענ פונ היינריכנ, האָט ער געזאָגט צו ריבעלאָנ:

— ס'איז גרינג צו שמועסנ מיט קומענדיקע קיניגנ. מיט די איצטיקע איז אוואדע אביסעלע שווערער.

ריבעלאָ איז געפאָרנ אימ באגלייטנ, אונ ברונאָ האָט נאָכאמאָל אָנגעקוועלט פונ זײַנ פרײַנט: אזוי קונציק איז ער געזעסנ אפנ פערד, די פעדערנ אפ זײַנ קאפעליוש האָבנ אזוי פײַנ געפלאטערט, אזוי אימפּאָזאנט האָט געקלונגענ די שפּאגע, קלאָפּנדיק אָנ די שטײַג-רימענס.

די רײַטער זײַנענ געריטנ שטילשווײַגנדיק, יעדער פארטיפט אינ זײַנע געדאנקענ...

אָפּגעפאָרנ עטלעכע ווערסט פונ טולוז, האָט ריבעלאָ אײַנגעהאלטנ זײַנ פערד.

— ווײַטער פאָרנ וויל איכ ניט, — האָט ער געזאָגט; — דאָ קאָנ מענ זיכ טרעפנ מיט דעמ סוינעס פּאטרולנ, אונ עס וואָלט געווענ נאריש. איכ זאָל ארײַנפאלנ צו זיי אינ געפענגעניש... פאָר געזונטערהייט. איכ בינ זיכער, אז מיר וועלנ זיכ אינגיכנ זענ אינ פּאריזש. נאָר די קאטוילנ זאָלנ דיכ ניט א צופּ טאָנ, אָנעמענדיק פאר אונדזערנ אנ אָנהענגער.

— באומרויִק זיכ ניט, איכ קאָנ ריידנ מיט אלערליי מענטשנ...

זיי זײַנענ אנשוויגנ געוואָרנ, אונ עס איז געווענ קענטיק, אז זיי האָט זיכ ניט געוואָלט שיידנ.

— אונ עפּשער וועלנ מיר זיכ אמאָל זענ אינ איטאליע, — האָט ברונאָ געזאָגט שטיל.

— ס'קאָן אַלץ טרעפֿן. וואָס איז מיט דיר?

אָט די אומגעריכטע פֿראַגע האָט געשטעכט ריבעלען, ווײַל ברונאָ איז פּלוצעם בלאַס געוואָרן און האָט מיט שרעק געגומענע אײַנקוקן זיך אין געדיכטן גרינעם וואַלד

— קוק! — האָט ער שטיל געזאָגט.

ריבעלע האָט זיך ניט ווילנדיק אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער שפּאַגע און אַ קוק געטאָן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז צווישן דעם גרינס, אַף דער סטעזשקע, וואָס שנײַדט איבער דעם וועג, האָט אַ שימעריר געטאָן עפּעס אַ מאָדנע שוואַרץ־ווײַסע פֿיגור. די פֿיגור האָט אַ שימעריר געטאָן און איז אַזוי ווי צעגאַנגען צווישן גרינס.

— ווער איז דאָס? — האָט ער געפֿרעגט מיט מוירע.

— אָבער דו האָסט אויך געזען?.. דיר האָט זיך ניט אויסגעדוכט?

— איך האָב געזען... נאָך מײַן מיינונג איז דאָס געווען אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַך. נו, איז וואָס? ניט ווייניק דאָמיניקאַנער מאָנאַכן שלעפּן זיך אַרום איבער פֿראַנקרײַך. און אָט דער הייליקער ראָב מײַדט אוואַדע אויס טולוז, ער ווייס, אַז דאָרטן זײַנען די הוגענאָטן. וואָס־זשע האָסטו זיך דערשראָקן?

ברונאָ האָט זיך אָנגעכמורעט.

— ס'איז פֿאַראַן איין געשעעניש אין מײַן לעבן, וואָס לאָזט מיר ניט קיין רו. דו געדענקסט דעם ברודער אווגוסטין?

— דעם נידערטרעכטיקן שפּיאָן?

— נו, ער האָט נאָכגעשפּיאָנירט, וועלנדיק אויסנעמען בא גאָט. איצט לוינט שוין ניט צו באַשולדיקן אים. דו ווייסט, ריבעלע, איך האָב אים געהאַרגעט.

— דערהאַרגעט אַ מאָנאַך? וויאַזוי?

— איך האָב אים אַראָפּגעשטויסן אין טײַכער, אַנטלויפֿנדיק פֿון רוים, ווען ער האָט מיך געוואָלט איבערגעבן אין די הענט פֿון דער אינקוויזיציע... איך האָב דעמלט פֿאַרטיידיקט מײַן לעבן, ווײַל ווען ער וואָלט אַ געשריי געטאָן און מע וואָלט מיך געכאַפּט, וואָלט איך געוויס אומגעקומען אין די טפּיסעס פֿון דער הייליקער מאַריע.. און דאָך פּײַניקט מיך אָט דער מאָרד ביז איצט. מיר כאָלעמט זיך אָפֿט אָט דער אומגליקלעכער אווגוסטין, אַ נעבעכדיקער אין זײַן טעמפּן

גלױבן... ער האָט זיך דאָך געקליבן מיך אַרױסצוגעבן, נאָר קעדײ צו ראַטעװען מײַן נעשאָמע פֿון יעסורים אין גענעם... מיר כאָלעמט זיך אַלץ, אַז ער גײט אַפֿן װעג, און מיט מיר קומט פֿאָר אין דער צײַט עפּעס אַ מאָדנע זאַך. איך װיל אים אָנרופֿן און איך קאָן ניט. און אָט האָט זיך מיר אױסגעדוכט, אַז דאָס איז ער איצט דורכגעגאַנגען אַף דער סטעזשקע.

ריבעלאָ איז בלאַס געװאָרן.

— שטײען דען אױף טױטע פֿון די קװאָרים? — האָט ער אױסגעמורמלט.

— געװיס ניט. איך זאָג דאָך, אַז מיר האָט זיך אױסגעדוכט... דאָמיניקאַנער זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך. נו, אַדיע, ריבעלאָ.

— הער, ברונאָ. לאָמיר בעסער פֿאָרן צוריק קײן טולוז... איך האָב עפּעס אָנגעהױבן מוירע צו האָבן פֿאַר דײַן גוירל... דזשאָרדאַנאָ, לאָמיר פֿאָרן צוריק.

אָבער ברונאָ האָט נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַנטשײדן אַ קער געטאָן דאָס פֿערד אין דער טיף פֿון װאַלד. אינגיכן איז ער פֿאַרשװוּנדן געװאָרן אין געדיכטן גרינס.

דעמלט האָט ריבעלאָ אַ קער געטאָן דאָס פֿערד און אין גאַלאָפּ גענומען לױפֿן אין שטאָט אַרײַן. אַפֿן האַרצן איז בײַ אים געװען שװער און אומרויִק.

עפּעס אַ רײַטער איז געריטן אים אַנטקעגן פֿון דער שטאָט. אױסגעזען האָט ער, װי אַ מיליטער-מאַן, און װען ער האָט דערזען ריבעלאָן, האָט ער מיטאַמאָל אײַנגעהאַלטן זײַן פֿערד.

— װער פֿאָרט? — האָט ריבעלאָ געפֿרעגט הױך, כאַפּנדיק זיך פֿאַר דער שפּאַגע.

— זשאַן הענעקען, אַ סטודענט פֿון אוניװערסיטעט.

— אַ דערלױבעניש אַף אַרױסצופֿאָרן פֿון שטאָט האָסטו?

דער סטודענט איז רױט געװאָרן.

— איך האָב געװאָלט באַגלײטן מײַן לערער.

— װאָסער לערער?

— דעם פּראָפֿעסער דזשאָרדאַנאָ ברונאָ.

ריבעלאָ איז געװאָרן װײכער.

— ער איז אַװעקגעפֿאָרן קײן פּאַריזש, — האָט ער געזאָגט, — און

דו, באָכער קער זיכ בעסער אומ אינ שטאָט אונ שלעפּ זיכ ניט ארומ רײַטנדיק אפּ די װעגנ, װיבאלד די מיליטער-מאכט האָט דאָס פארבאָטנ.

אָבער נאָכ אזא הארבנ ענטפער איז ער פרידלעכ געריטנ נעבנ דעמ סטודענט, ביז די סאמע טויערנ פונ שטאָט האָבנ זיי גערעדט װעגנ ברונאָ.

אונ פונ דעמ שמועס איז בא ריבעלאָנ אפּנ הארצ געװאָרנ נאָכ שװערער.

VI. זײַנ מאיעסטעט, דער סאמע קריסטלעכסטער קיניג הײנריכ דער דריטער פונ פראנקרײַכ

אינ א הייסנ מײַ-טאָג אפ דער ברעג-גאס פונ טײַכ סענע איז געגאנגענ א מאָדנע פּראָצעסיע. זי האָט זיכ געלאָזט צומ קיניגלעכנ פּאלאצ—צומ לוװר.

פאָרויס איז געגאנגענ דער קיניג אליינ, שװארצ געקליידעט, א באָרװעסער, מיט א ליכט אינ האנט אונ מיט א שװארצנ מאָנאכנ-קאפּטור אפּנ קאָפּ. ער איז געגאנגענ אראָפּגעלאָזנ דעמ קאָפּ, איבער-קלײַבנדיק מיט דער האנט די פּאטשערקעס—קליינע שארבנדלעכ אונ האָט פּאָנפּעטע געמורמלט טפילעס. נאָכ אימ זײַנענ נאָכגעגאנגענ די הויפליַיט, אָנגעטאָנענע פונקט, װי דער קיניג אליינ. װענ זיי האָבנ געמורמלט טפילעס, האָבנ זיי הויכ געשפּאסט אונ זיכ איבערגעװונקענ צװישנ זיכ, אייניקע האָבנ זיכ פּאָשעט געשטיקט פונ געלעכטער. נאָכ די הויפלײַט זײַנענ געגאנגענ די עמעסע מאָנאכנ,—די קאפּו-צינער, פראנציסקאנער, דאָמיניקאנער. זיי האָבנ אויכ געמורמלט טפי-לעס מיט דער גלײַכגילטיקײַט פונ פּראָפעסיאָנאלנ, װאָס זײַנענ גע-װוינט צו אזא ארבעט, פונ צײַט צו צײַט אָפּזיפצנדיק אונ קלאפּנדיק זיכ אינ הארצ.

די פּאריזשער בירגער האָבנ געקוקט אפ דער פּראָצעסיע שטיל-שװײַגנדיק; אייניקע האָבנ זיכ קוימ אײַנגעהאלטנ פונ געלעכטער, אנדערע האָבנ שטיל געמורמלט זידלערײַענ װעגנ דעמ קיניג, װאָס האָט נאָכ עטלעכע טעג צוריק זיכ ארומגעטראָגנ רײַטנדיק איבער דער גאס מיט א כאָפּטע פונ זײַנע נאָענטע מענטשנ, שלאָגנדיק מיט שטעקנס רעכטס אונ לינקס אלע פארבײַגייער אונ שרײַענדיק אלערליי

מיִעסטע ווערטער. אָבער אין דער נאכט האָט זיך דעם קיניג געכאָלעמט א מאָדנער כאָלעם: ווי אים וואָלט צעריסן א לייב, וואָס דער דאָזש פון ווענעציע האָט אים צוגעשיקט א מאטאָנע. דער קיניג האָט געהייסן דערשיסן דעם לייב און נאָכדעם האָט ער זיך פּלוצעם באקלערט, אז מע האָט דאָס ניט געטאָרט טאָן, אז אָט דער לייב, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן פון ווענעציע, האָט אזוי ווי פאַרגעשטעלט דעם פליגלדיקן לייב פונעם הייליקן מארקוס, און דערפאר איז הארגענען אים געווען א שווערע אווירע. געפאנגען פון שרעק, איז ער טייקעף אוועק טאָן טשוווע אין קאפוצינער קלויסטער, און איצט האָט ער דאָס זיך אומגעקערט אהיים א הונגעריקער און א בייזער. אין קאס איז ער געווען נאָך באזונדערס דערפאר, ווייל אינדערפרי האָט ער אָפגעגעבן אין היצ א באפעל, מע זאָל אים גאָרנישט גרייטן צו מיטיק אחוץ ברויט און וואסער. נאָך דער לאנגער גאָטעס-דינסט אין קירך און נאָכן ארומגיין איבער פאריזש איז ער געוואָרן שרעקלעך הונגעריק, שוואך, צעקראָכן און ניט געוווסט אף וועמען אויסצולאָזן זיין קאס. אָבער מע האָט געמוזט זיין אונטערטעניק, קעדיי ניט צו מאכן צונישט די גאנצע טשוווע.

דער לוקסוס-פּאלאץ לוור האָט געלויכטן אף דער זון.

דער קיניג האָט זיך אופגעהויבן אפן ברייטן טרעפּ, וואָס זיינע גראניט-שטאפּלען זיינען געווען אָנגעגליט פון דער זון און האָבן שטארק געברענט די פּאָדעשוועס. דאָס האָט נאָך מער בייז געמאכט דעם קיניג.

א קלאַפּ געבנדיק זיך נאָכאמאָל אין הארצן, איז ער ארייַנגעגאנגען אין די קילע אפּארטאמענטן פון פּאלאץ און האָט גענומען אופהייבן זיך אפן ברייטן אינערלעכן טרעפּ, וואָס זיינע מארמאָר-שטאפּלען זיינען, פּארקערט, געווען צו קאלט. און נאָך אלע אזוינע פּייניקונגען—ניט מער ווי ברויט מיט וואסער... דערצו האָט זיך אים נאָך אויסגעדוכט, אז אינעם האמוין הויפלייט האָט עמעצער פון אים א לאך געטאָן. ער האָט זיך שרעקלעך אָנגעכמורעט און א פּאָך געטאָן מיט די פּאטשערקעס. אין דעם זעלבן מאָמענט איז געשען עפּעס אזוינס, וואָס קיין קירכלעכער סטאטוט האָט עס ניט פאָרויסגעזען. פונעם הויכן געזימס האָט זיך בליץ-שנעל אראָפּגעקייַקלט א קליינע שווארצע מאלפּע, זיך אָנגעכאפּט מיט אירע הענטלעך אָן די פּאטשערקעס און גענומען שפּרינגען און הוידען זיך אף זיי, אזוי אז

דער קיניג האָט פונ אומגעריכטקײַט שיִר זיכ ניט אויסגעצויגנ אפ דער פּאָדלאָגע.

— באָנזשור, וואָטר מאַזשעסטע!* — האָט א געשריי געטאָנ דער פּאָפּוגײַ פונ צווייטנ געצימס.

א סעקונדע פונ שרעקלעכער שטילקײַט. אלע האָבנ געוואַרט, ווי דער קיניג וועט זיכ באַציִענ צו דער אומגעריכטער געשעעניש. דער קיניג איז געשטאַנענ אַראָפּגעלאָזנ דעמ קאָפּ, אונ זיכ באַמיט ארויסצורײַסנ פונ דער מאַלפּעס הענט די פּאַטשערקעס. פּלוצעמ... אלע האָבנ לײַכט אָפּגעזיפצט: זײַנ מאַיעסטעט האָט באַווײַליקט זיכ אופ-צוטרייסלענ פונ געלעכטער. דעמאָלט איז ארומ אימ אויסגעבראָכנ אזא געלעכטער, וואָס האָט זיכ זעלטנ געלאָזט הערנ אינ לוור. די מאַלפּע האָט א ריס געטאָנ די פּאַטשערקעס, די פּעדעמ האָבנ געפּלאַצט, אונ די קליינע שאַרבנדלעכ האָבנ גענומענ שפּרינגענ איבערנ פּאַרקעט. מיט געלעכטער האָבנ זיכ א וואָרפּ געטאָנ די באָרוועסע מאַגנאַטנ אופקלײַבנ זײ, אונ דער קיניג, גאָר א צעקראָכענער פונ מידקײַט, הונגער אונ געלעכטער, האָט היסטעריש געלאַכט, אונ איז אנידער-געפאַלנ אינ פּאָטעל, וואָס מע האָט אימ צוגערוקט... קעדיי צו אמו-זירנ דעמ קיניג, זײַנענ די הויפלײַט בעקיוונ געפאַלנ, זיכ געקײַקלט איבער דער פּאָדלאָגע, צונויפגעשטויסנ זיכ מיט די שטערנס... די ווײַסע קודלאַטע הינטלעכ, וואָס האָבנ זיכ פונ ערגעצ גענומענ, האָבנ זיי בילנדיק געכאַפּט פאַר די נאַקעטע פיס, די מאַלפּע האָט זיכ געצאַפּלט, קײַקלענדיק די שאַרבנדלעכ, דער פּאָפּוגײַ האָט געשריִענ „באָנזשור, זשור, זשור, זשור". די מאָנאַכנ האָבנ ניט געוווּסט וואָס צו טאָנ, אונ זייער אומעטיקער אויסזענ האָט איבערגעפילט דעמ בעכער פונ דער קיניגלעכער פרייד. היינריכ האָט איצט בוכשטעב-לעכ געוויינט פונ געלעכטער. צוויי הינטלעכ האָבנ נאָכ דערצו אָנ-געהויבנ לעקנ אימ די פיאַטעס. אונטערדריקנדיק אונטער זיכ די פיס, האָט ער געקוויטשעט, אונ ענדלעכ האָט ער א געשריי געטאָנ אינ פולער אָנמאַכט:

— עסנ! עסנ! כאָטש ברויט מיט וואַסער. אָבער גיט גיכער!..

צו אימ איז צוגעשפּרונגענ זײַנ געליבטער הויפ-מאַרשאַלעק.

— קיינ ברויט אונ קיינ וואַסער איז אינ פּאַריזש ניטאָ.

* גוט מאָרגנ, אײַער מאַיעסטעט!

— וויאַזוי?

— דער הערצאָג גיז האָט אופגעגעסן דעם גאנצן ברויט, און זיין ברודער האָט אויסגעטרונקען דאָס גאנצע וואסער. זיי האָבן נעכטן געפאסט.

— נו, און איך? וואָס וועל איך עסן?

— צום באַדויערן...

— וואָס הייסט, ס'איז גאָרנישט ניטאָ?

— ס'איז דאָ אַלץ... אכוץ ברויט און וואסער...

דער הויף-מאַרשאַלעק האָט א קלונג געטאָן מיט די גלעקלעך און דער ברייטער פאָרהאנג אין דער טיף פון צימער האָט זיך פאנאנדערגעעפנט. דער קיניג האָט דערזען א פּראַכטפול געדעקטן טיש. עס האָבן געפינקלט די זילבערנע און גילדערנע פּאַלומיסקעס און וואזעס, אין די קרישטאָלענע קרוגן האָט געפינקלט מיט גאָלד און זיך געררויטלט דער וויין. א רייצנדיקע פּארע האָט זיך געטראָגן איבער די זילבערנע שיסלען און סאָוס-קריגעלעך. ווירקלעך ס'איז געווען אַלץ, אכוץ ברויט מיט וואסער.

— הוראַ! — האָט א געשריי געטאָן דער קיניג.

ער האָט זיך א וואָרף געטאָן צום טיש. אָבער ער האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקערט צו די מאָנאַכן.

— פּאָטערס, גיכער. זייט מיר מויכל די אווייריע פון פרעסערייַ.

דער קיניג האָט זיך גיך געשטעלט אפ די קני און אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. א צענדליק שטימען האָט אים געבענטשט און א כאָר מור־מלענדיקע שטימען האָט אָפּגעזאָגט די טפילע.

— נו, צו דער ארבעט! — האָט לוסטיק אויסגעשריִען דער קיניג, אופשפּרינגענדיק און לאָזנדיק זיך צום טישל. — צו דער ארבעט, פּרינצן. און איר, פּאָטערס, גייט געזונטערהייט. דער הערצאָג גיז וועט אייך געבן גענוג וואסער און ברויט.

עס האָבן גענומען קלינגען די באָקאַלן, עס האָבן גענומען קלאַפּן מעסער און גאָפּלען...

דער קיניג האָט געגעסן פאר פיר, ביפראַט נאָך, אז אפן טיש זיינען געווען דורכויס זיינע געליבטע געריכטן. זיינע נאָענטע מענטשן און די מאַרשאַלקעס האָבן דאָס אַלץ באַטראַכט פאָרויס. נאָר דעם פּאַל מיט דער מאַלפּע האָבן זיי ניט געקאָנט פאָרויסזען. די מאַלפּע האָט זיי געהאָלפן, וואָס בעסער קאָן ניט זיין.

די מאַנאַכן זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, בורטשענדיק, אָבער. זײ האָבן געמוזט מאַכן פֿרומע מינעס. זײ האָבן דאָך ניט געטאָרט אַרויסווײַזן קײן קינע צו די פֿרעסער.

די װײַנען זײַנען אויך צוגעקליבן געוואָרן די סאַמע בעסטע, די, וואָס דער קיניג האָט מער פֿאַר אַלץ ליב געהאַט. איבער דעם איז ער גאָר גיך שיקער געוואָרן, ער האָט אָנגעהויבן זינגען איטאַליענישע לידלעך, נאָכדעם האָט ער געהייסן דערלאַנגען אים די קלײדער אָנצוטאָן זיך.

די הױפֿלײַט האָבן איבערגעיאָגט אײנער דעם אַנדערן אין אָנטאָן אים, און אין פֿינף מינוט אַרום האָט דער קיניג הײנריך באַקומען דעם עכטן אויסזען פֿונעם פֿראַנצויזישן קיניג הײנריך דעם דריטן. ער האָט געטראָגן אַן אַטלאַסענעם קאַמזויל, אַ לילאַ-קאָליר מיט שוואַרצע שטרײַפֿן, אַ ווײַסן רײַכן קאָלנער אין פֿאַלבן, לילאַ-קאָליר זאָקן און סאַמעטענע פּאַנטאָפֿל מיט בריליאַנטענע שנאַלן. זײַן ברוסט האָט ער באַצירט מיטן אָרדען פֿון גאָלדענער וואָל, און זײַנע געקרײַזלטע האָר האָט ער אַרומגענומען מיט אַ גאָלדענעם רײף, ווי אַן אַלט-גריכישע שײנהײַט.

דער הויף־מאַרשאַלעק האָט אים אויסגעשטרעקט די בילבאָקע* פֿון העלפֿאַנטבײן.

— דו ווילסט אויספּרוּוון, צי איך בין ניכטער! — האָט אויסגעשריען דער קיניג. — גיב אַ קוק און איבערצײַג זיך, אַז דער קיניג פֿון פֿראַנקרײַך האָט שטענדיק אַ פֿעסטע האַנט, וויפֿל ווײַן ער מעג האָבן אויסגעטרונקען.

און ער האָט גענומען אומגעווײנלעך קונציק כאַפּן דעם בײנערנעם קײַקעלע אַפֿן שפּיץ פֿון בילבאָקע.

— אײנס, צוויי, — האָט ער דערבײַ געצײלט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך אויפֿגעפּראַלט די טיר, און דער פּאַזש האָט קוים באַוויזן צו מעלדן: „הערצאָג גיז", ווי דער הערצאָג איז אַרײַן.

דאָס איז געווען אַ מענטש פֿון זײער הויכן וווּקס, געקלײדט אין אַ גראָען, מיט זילבער געהאַפֿטן קאַמזויל, אין הויכע שטיוול. זײַן פֿינצטערער פּנים איז געווען באַצײכנט מיט אַ שראַם, דערי־

* אַזאַ שפּיל: מע כאַפּט רעשלעך (קײַקעלעך) אַף אַ שפּיז אָדער אין אַ שאָל.

בער האָבנ אימ די פּראָנצויזנ גערופנ באַלאַפרע, וואָס עס באַטײַט „דער באַצייכנטער מיטנ שראַמ".

ווענ ער איז אַרײַנגעקומענ, האָבנ דעמ קיניגס פאַוואָריטנ אופ־געהערט זייער שפּיל. אָבער דער קיניג האָט ניט אופגעהערט שפּילנ אינ בילבאָקע.

דער הויפּט פונ דער קאַטויילישער ליגע, דער הערצאָג גיז, האָט אָפּגעשאַצט אונ פאַרשטאַנענ אָט דעמ צייכנ פונ קיניגלעכער גרינג־שעצונג. דערפאַר האָט ער זיכ אַלײנ קוימ פאַרנייגט פאַרנ קיניג.

— איר ווייסט נײַס, ברודער? — האָט דער הערצאָג געפרעגט.

— וואָס פאַר א נײַס?.. זעקס... ברודער... זיבנ... אַכט, — האָט דער קיניג געזאָגט, ציילנדיק די פאַלנ, ווענ ער טרעפט אינ ביל־באָקע. — אינ פּאַריזש, האָפּ איכ, איז יעדנ טאָג... נײַנ... אַזוי פיל נײַס... צענ... עפּעס פריילעכס?.. עלפ...

— דאָס ווענדט זיכ ווי מע קוקט אפ דעמ, — האָט דער הערצאָג געזאָגט. — הײנריכ דער נאַוואַרער האָט פאַרנומענ טולוז.

דעמ קיניגס האַנט האָט א ציטער געטאָנ, אונ דאָס ביינערנ קײַקעלע האָט אימ פאַרנלעכ א קלאַפּ געטאָנ איבער דער האַנט. ער האָט א שלײַדער געטאָנ די בילבאָקע אפנ טעפּיכ.

— פאַרנומענ טולוז?

דעמ קיניג האָט זיכ איצט, אפּאָנעמ, גאָר ניט געוואָלט פאַרנעמענ זיכ מיט מעלוכישע איניאָנימ. ער האָט געמיינט, אז מיט אָט דער גאַנצער רעליגיעזער מילכאָמע דאַרפ זיכ פאַרנעמענ גיז, ווײַל ער האָט געגרינדעט די ליגע אונ איז געקראָכנ אויסנ הויט צו דערוויַיזנ זײַנ גינציקײַט דעמ רוימישנ טראָנ.

— מיר טוט זייער באַנק, וואָס די אַרמיי פונ דער ליגע פאַר־טיידיקט אַזוי שלעכט די שטעט, — האָט ער געזאָגט קאַלט.

— די אַרמיי פונ דער ליגע איז אויכ דעמ קיניגס אַרמיי, — האָט פּונקט אַזוי קאַלט דערווידערט דער הערצאָג, — דאָס מאָל האָט הײנריכ א קערעווע געטאָנ אפ טולוז גאָר אומגעריכט.

ס'איז געוואָרנ שטיל.

דאָס איטאַליענישע בלוט האָט פּלוצעמ אָנגעהויבנ זידנ באַמ קיניג, אונ דער אויסגעטרונקענער ווײַנ האָט א שלאָג געטאָנ אינ קאָפּ. ער איז אופגעשפּרונגענ אונ האָט א טופּע געטאָנ מיט דער פוס.

— מיט איינ וואָרט, איכ דריק אײַכ אויס מײַנ אומצופרידנקײַט, —

האָט ער א געשריי געטאָן אזוי גרילצנדיק, אז דער פּאָפּוגײַ האָט אָנגעהויבן קלאפּן מיט די פליגלען און ווידער אָנגעהויבן מורמלען:

— באָנזשור, זשור, זשור, זשור...

דער קיניג האָט זיך ניט ווילנדיק צעלאכט און אויסגעשטרעקט דעם הערצאָג זײַן האנט.

— אנטשולדיקט, ברודער, איך בין געווען צו היציק. אָבער דערקלערט, וואָס דארף איך טאָן.

— פריער פאר אלץ קלאָר מאכן פאר זיך, אז די פּאָרקומענדיקע מילכאָמע איז ניט קיין שפּיל אין בילבאָקע. דעמלט וועט איר פארשטיין, וואָס איר דארפט טאָן.

דער הערצאָג האָט זיך א דריי געטאָן אפן קנאפּל און איז ארויסגעגאנגען, א קלאפּ טוענדיק מיט דער טיר.

אלע הויפלײַט זײַנען אופגעשפּרונגען פון זייערע ערטער און זיך א כאפּ געטאָן פאר די גריפן פון די שפּאגעס. זיי האָבן דערבײַ געקוקט אפן קיניג, ווי זיי וואָלטן געווארט אפ זײַן באפעל.

דער קיניג איז געווען טויט בלאס, זײַנע הענט האָבן געציטערט, די אָדערן זײַנען אָנגעשוואָלן אפן שטערן. ער וואָלט זייער גערן פארניכטעט די ביידע הייזעריכס, וואָס האָבן אים ניט געלאָזט לעבן, ער וואָלט פארניכטעט אי די קאטוילן, אי די הוגענאָטן, ער וואָלט פארניכטעט דעם נידערטרעכטיקן פאריזשער האמוין, וואָס וואגט ארויסצווײַזן זײַן אומצופרידנהײַט, ווען ער מאכט זיך לוסטיק.

אזוי ווי אלע האָבן געקוקט אף אים מיט דערווארטונג, האָט ער דערפילט, אז ער מוז ארויסגיין מיט ערע פון דער שווערער לאגע מיט א טעאטראלישן זשעסט. האָט ער אָנגעוויזן דעם מארשאלעק אף די בילבאָקע, און יענער האָט טייקעף אופגעהויבן דאָס שפּילצײַג און עס איבערגעגעבן דעם קיניג.

— הײַנט... איינס... וועלן מיר אײַנאָרדענען א יאָנטעוו און א באל... צוויי... אין אלע זאלן פון לוווער... דרײַ... זאָלן אלע וויסן... פיר... אז עפּעס א צופעליקער ניצאָכן פון דעם נאווארער... פינף... קאָן ניט שטעלן אין פארלעגנהײַט דעם פראנצויזישן קיניג... זעקס. און אויב ער שטעלט אין פארלעגנהײַט... זיבן... דעם הערצאָג גיז, מעג ער ניט קומען אפן יאָנטעוו... אכט.

אלע פאוואָריטן האָבן מיט היספּײַלעס גענומען אפּלאָדירן, אנציקט פון דער רויִקײַט און פעסטקײַט פונעם סאמע קריסטלעכסטן קיניג.

V. דער געלערנטער פונ אלטנ בריק

דזשאָרדאנאָ ברונאָ איז געקומענ צופאָרנ קיינ פאריזש אינ אָוונט אונ האָט זיכ אָפּגעשטעלט אינעמ ערשטנ בעסטנ האָטעל, וואָס ער האָט געטראָפנ—אינ האָטעל פונ „ווײַסנ פאלק“. דאָרטנ האָט ער אָפּגעגעסנ אָוונטברויט, איבערגעלאָזנ דאָס פערד אונ באשלאָסנ טייקעפ גייג צומ געלערנטנ, צו וועמענ גראפ דע־ליל האָט אימ געגעבנ אנ אדרעס. דעמ געלערנטנ האָט מענ גערופנ זשאק מאריוס אונ געוווינט האָט ער אפנ בריק סאנ־מישעל.

ווענ ברונאָ האָט געפרעגט דעמ באלעבאָס פונ האָטעל, ווי מע גייט צומ בריק, אונ אָנגערופנ דעמ נאָמענ פונעמ געלערנטנ, האָט דער באלעבאָס עפּעס מאָדנע א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ.

— איר וואָלט שוינ בעסער איבערגענעכטיקט בא מיר,—האָט ער געזאָגט,—איידער גייג צו נאכט צו אָטאָ דעמ מעכאשעפ.

— וואָס פאר א מעכאשעפ איז ער? ער איז א געלערנטער.

אָבער דער באלעבאָס איז געבליבנ בא זײַנס.

— עס קאָנ זײַנ, אז ער איז א געלערנטער, אָבער די וויסנשאפט זײַנע איז א טײַוולאָנישע... איכ ראט אײַכ ניט, הער, צו בלײַבנ בא אימ נעכטיקנ... גאָט באהיט... נו, וואָלט איר, הער, געפירט פרײַנט־שאפט מיט א הענקער? אונ אונדזער הויפּט־הענקער פונ פאריזש, פארפלוכט זאָל ער ווערנ, איז דער ערשטער פרײַנט פונ אײַער מע־כאשעפ דעמ געלערנטנ.

אָבער דעמ באלעבאָס ווערטער האָבנ נאָכ מער אונטערגערייצט ברונאָס נײַגעריקײַט.

סאָפּקאָלסאָפּ האָט דער באלעבאָס אומצופרידנ אָנגעוויזנ אימ אפנ קאָלאָסאלנ געשטאלט פונ נאָטר דאמ דע־פּארי, וואָס האָט זיכ טונקל געזענ איבער די דעכער פונ די הײַזער.

— דאָרטנ נעבנ דעמ טעמפּל איז אויכ דער בריק. נאָר איר וועט כאראָטע האָבנ, הער, וואָס איר האָט מיכ ניט געפאָלגט.

אָבער ברונאָ איז שוינ שנעל געגאנגענ איבער די קרומע גאסנ, סטארענדיק זיכ ניט צו פארלירנ פונ אויג דעמ קאָלאָס פונעמ טעמפּל. צולעצט איז ער דערגאנגענ ביזנ טײַכ אונ האָט דערזענ די אומגעלומ־פערטע אונ מאָדנע געבײַדע, וואָס האָט געהייסנ—בריק סאנ־מישעל.

דעמלט פלעגט מען געוויינלעך פארבויען די בריקן מיט ווי־נונגען. אף די בריקן פלעגן זײַן קלייטן, ווארשטאטן, בענק.

דער ברייטער בריק סאנ־מישעל איז געווען פארבויט פון ביידע זײַטן מיט הײַזער, אזוי אז, גייענדיק אפן בריק, האָט מען ניט געזען דעם טײַך און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז מע גייט איבער דער גאס.

עס איז געוואָרן פינצטער, אין די פענצטער האָט מען אָנגע־צונדן פײַער. א פארבײַגייער, וואָס ברונאָ האָט אים געבעטן אָנווײַזן, ווו מאריוס וווינט, האָט דערשראָקן א טײַטל געטאָן מיטן פינגער אף אן אלטע געבײַדע און זיך געלאָזט לויפן אין איין אימפעט.

ברונאָ איז צוגעקומען צו דער טיר, האָט אופגעהויבן דעם טיר־האמער און אָנגעקלאַפט.

— יאָ, יאָ,—האָט זיך דערהערט א שטים פון אן אלטיטשקן.— איך וואַרט שוין לאנג אף אײַך.

עס האָבן א קלונג געטאָן שליסלעך און די טיר האָט זיך אופ־געעפנט.

אן אלטיטשקער איז געשטאנען אפן שוועל און פארווונדערט געקוקט אף ברונאָ. אפאָנעם, ער האָט זיך געריכט אף עפעס אן אנדערן.

— אנטשולדיקט,—האָט דזשאָרדאנאָ געזאָגט,—איך האָב צו אײַך א בריוו פון אײַער פרײַנט, גראַף דע-ליל. איך בין אן איטאליע־נישער געלערנטער און מיר ווילט זיך זייער וואָס גיכער באַ־קענען זיך מיט אײַך.

— אן איטאליענישער געלערנטער...

דער אלטער האָט דאָס אויסגעמורמלט אומבאשטימט, אָבער דאָך האָט ער ארײַנגעפירט ברונאָן אין עפעס א קעמערל, אפאָנעם אן אופנעם-צימער, און באַם שײַן פון לאמטערן האָט ער אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו. זײַן פּאָנעם האָט פלוצעם אופגעשײַנט.

— איר האָט זיך צעזידלט אין טולוז מיט די פראָפעסאָרן!— האָט ער אויסגעשריען.—דאָס איז גוט. וואָס? איר זײַט קאָפערניקס אן אָנהענגער?

— יאָ.

מאריוס האָט אויסגעשטרעקט ברונאָן זײַן האנט.

— איר וועט זיך, נאטירלעך, באַזעצן באַ מיר?

— אויב דאָס איז מעגלעך.

— דאָס הייסט, אנדערש איז אומעגלעך. קומט.

ער האָט אריינגעפירט ברונאָן אין א גרויסן צימער, ווו עס איז געשטאַנען א שווערער איפּעש, כאָטש דער פענצטער צו דער סענע איז געווען אָפן, און אין פענצטער האָט געוויט מיט דער פייכטקייט פון טײַך. דער צימער איז, אפּאָנעם, געווען די לאַבאַראטאָריע פונעם געלערנטן: די טישן און די פּאָליצעס זײַנען געווען פארשטעלט מיט אלערליי סלאָיִקלעך און פלעשעלעך. אפּ א באַזונדערן טיש זײַנען געשטאַנען זאכן, באדעקטע מיט א ראָגוזשע. פון דעם טיש איז דאָס, אפּאָנעם, געגאַנגען דער שווערער גערוך.

— דאָס איז מײַן ארבעט־צימער, — האָט מאריוס געזאָגט. — אָבער איך האָב נאָך צימערן אפּן צווייטן שטאָק. דאָרטן קאָנט איר זיך באזעצן.

ער האָט געעפנט די טיר, וואָס פירט אפּן שמאָלן הילצערנעם טרעפּ, אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט זיך דערהערט א קלאַפּ פון דער אויסערלעכער טיר.

— יאָ, יאָ, — האָט א געשריי געטאָן מאריוס. ער האָט פאַר־געסן וועגן ברונאָן און איז אופגערעגט געגאַנגען עפענען.

ברונאָ האָט ארומגעקוקט דעם מאָרנעם צימער. אים האָט זיך געוואָלט א קוק טאָן, וואָס עס שטעקט אזוינס אונטער דער ראָג־זשע. ער האָט זי פּאָרזיכטיק אופגעהויבן און אופגעציטערט, ווי ער וואָלט דערזען א שלאַנג. זײַן הארץ איז פארגליווערט געוואָרן, און פון אומגעריכטקײַט האָט ער שיר ניט אויסגעשריִען. א טויטער קאָפּ מיט רויטע וואָנצעס און א רויטער באָרד איז געלעגן אפּן טיש. א טויטער קאָפּ אין א מאָדנעם ווײַסן קאפּטור און מיט א נומער, וואָס איז צוגעשפּילעט דירעקט צום שטערן. ברונאָ האָט ווידער א וואָרפּ געטאָן די ראָגוזשע, און פּונקט צו דער צײַט, ווײַל אין דעם מאָמענט זײַנען אין צימער אריינגעקומען אי מאריוס, אי דער נײַער גאסט. דער נײַ ארײַנגעקומענער איז געווען א מענטש מיט ברייטע פּלייצעס, מיט א צוגעפּלעטשטער נאָז און מיט קימאט צו־נויפגעוואָקסענע ברעמען. אין האנט האָט ער געהאַלטן א זאק. אפּ ברונאָן האָט ער א קוק געטאָן גאָר ניט פרײַנטלעך.

— דאָס איז אן איטאַליִענישער געלערנטער, — האָט מאריוס געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום מענטשן מיטן זאק. — פאַר אים דארפּ

מען זיך ניט זשעניִרן. די מײַסע איז, הער ברונאָ, אַז דאָס איז דער טאַליען פון דער שטאָט פאַריזש... ער שליסט ניט גערן קיין באַקאַנטשאַפט מיט מענטשן.

— ריכטיקער גערעדט, די מענטשן שליסן ניט גערן קיין באַקאַנטשאַפט מיט מיר, — האָט געזאָגט דער הענקער, — און ניט ווילנדיק מײַד איך ווירקלעך אויס באַקאַנטשאַפט. מע קאָן קיינמאָל ניט וויסן, וואָס עס שטייט נאָך פאָר אין לעבן. ברעכן די ביינער אַ באַקאַנטן איז ערגער, ווי אַן אומבאַקאַנטן.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, ווײַל דאָס איז געווען אַ שפּאַס. ברונאָ האָט אַ קוק געטאָן אויפן הענקער מיט נײַגעריקייט, אָבער אָן שום שרעק אָדער עקל. ניט ווײַל ער זאָל האָבן געווען גלײַכגילטיק צום הענקערס שרעקלעכער מלאָכע, נאָר ווײַל אין די אויגן פון דעם מענטשן האָט זיך געשפּילט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט גלײַך געצוווּנגען צו דענקען וועגן אַ מענטשן אַ זייער קלוגן, ניט גאָר קיין געוויינלעכן.

— מאָלט אײַך, הער ברונאָ, — האָט געזאָגט מאַריוס, — אַז אָט דער הער האָט אויך דאָס רעכט אָנצורופן זיך געלערנטער. זײַן שווערער פאַך, דאָס האָבן צו טאָן שטענדיק מיט מענטשלעכע קערפּערס, האָט אים אַרופגעפירט אויף אַ סאַך מערקווערדיקע געדאַנקען אין דער מעדיצין... איך אַרבעט מיט אים איצט איבער שטודיום פון אַ דערשײַנונג, וואָס קאָן איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ אַלע אונדזערע פאָרשטעלונגען וועגן דער מעדיצין. מיר מאַכן מערקווערדיקע עקספּערימענטן, מערקווערדיקע עקספּערימענטן.

ברונאָ האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אין זײַן ספערע. אָט די מענטשן — דער געלערנטער און דער הענקער — האָבן זיך געלערנט ניט בײַ די אַלטע כאַכאָמים, נאָר בײַ דער נאַטור אַליין,* בײַ דער נאַטור אַליין האָבן זיי געוואָלט אָוועקנעמען אירע סודעס.

— באַקענט מיך אויך מיט אײַערע עקספּערימענטן, — האָט ער געזאָגט, — און איך וועל אײַך גערן העלפן.

מאַריוס האָט מיט פרייד גענומען רײַבן די הענט.

— אויסגעצייכנט. מע דערקענט גלײַך אַ לעבעדיקן מענטשן. אַזוי האָבן אַלע מוירע פאַר מיר. זיי האַלטן מיך פאַר אַ מעכאַשעפּ. מײַן הויז וואָלט מען אַוודע אונטערגעצונדן, ווען מ׳זאָל וואָלט ניט מוירע געהאַט פאַר דער קיניגן-מוטער. קאַטערינע מעדיטשי הייל

זיכ באַ מיר אונ גליבט מיר. אַלזאָ, ווילט איר וויסנ, אינ וואָס עס באַשטייענ אונדזערע עקספּערימענטנ... ערשטנס, שטודירנ מיר דעמ מענטשנס געבוי, די סטרוקטור פונ זײַנע ביינער אונ פונ זײַנע מוסקלענ. דאָס, וואָס מע רופט אָנ אַנאַטאָמיע. אָט דאָ קומט גראָד צונוצ מײַנ קאָלעגעס שווערער פאַכ. ער האָט שטענדיק פרישע הענט, פיס, קעפּ אונ גאַנצע טויטע קערפּערס... ווענ איר וואָלט וויסנ, ווי קאָמפּליצירט, ווי כיטרע דער מענטש איז אײַנגעאָרדנט! דאָס איז אַ לעבעדיקע מאַשינ. אָבער דאָס סאַמע מערקווערדיקע — דערווײַל איז דאָס נאָר אונדזערע אַ השערה — איז דאָס, אַז דאָס בלוט אינעמ מענטשנ שטייט, אַפּאָנעמ, ניט אויפ אײנ אָרט, נאָר באַוועגט זיכ נאָכאַנאַנד פונ האַרצנ צו די ענדגלידער, אונ דאָס שלאָגנ פונ האַרצ איז אײגנטלעכ דאָס אײַנשרומפּנ אונ דאָס אויסברייטנ זיכ, דורכ וועלכע דאָס האַרצ טרײַבט דאָס בלוט הינ אונ צוריק איבער די אָדערנ. איר פאַרשטייט, ברונאָ, וואָס פאַר אַ וויכטיקע אַנטדעקונג דאָס איז. צוליב איר לוינט עפּשער צו באַקומענ אַ שעמ פונ אַ מעכאַשעפּ.

— אונ מיכ טרייסט דאָס אינ מײַנ פאַסקודנער אַרבעט, — האָט דער הענקער באַמערקט. — סײַווי וואָלט דאָכ עמעצער געריסנ אונ געשניטנ אָט די אומגליקלעכע, אויב ניט איכ... אויפ מאָרגנ וואָלט ער אָפּגעפירט זייערע רעשטנ אויפנ מיסטקאַסטנ צו האָדעווענ די ראָבנ אונ די הונגעריקע הינט. אונ מיר באַנוצנ זיכ דערמיט כאָטש צוליב דער וויסנשאַפט.

— איכ וועל אײַכ נאָכדעמ אַרײַנפירנ אינ מײַנ סקלעפּ. דאָרטנ האָבנ מיר עטלעכע צונויפגעזאַמלטע סקעלעטנ, מיט דער באַשרײַבונג פונ אַלע ביינער. פאַר אַ סאַכ ביינער אונ מוסקלנ דאַרפ מענ נאָכ געפינענ נעמענ... איצט פאַרנעמענ מיר זיכ ספּעציעל מיטנ קאָפּ-מאַרכ. וואָס פאַר אַ מאָדנעמ מעכאַניזמ מיר טראָגנ באַ זיכ אינ שאַרבנ! איר האָט געבראַכט נאָכ אַ קאָפּ?

דער הענקער האָט גענומענ פאַנאַנדערבינדנ דעמ זאַק.

ס'איז שוינ געווענ שפּעט, ווענ מאַריוס האָט אָפּגעפירט ברונאָ אינ צימער אויפנ צווייטנ שטאָק פונ אַלטנ הויז. דער באַגינענ האָט זיכ שוינ געריטלט אינ מיזרעכ, אונ פונוויטנס אַזנ פאָנ

פונ הימל האָבנ זיכ געלאָזט מערקנ די טורעמס פונעמ קיניגלעכנ פאלאצ.

ברונאָ האָט זיכ געלייגט אינ בעט, אָבער ער האָט לאנג ניט געקאָנט איינשלאָפנ פונ די נייע איינדרוקנ. דער אָנגענעמער באַוווסטזיינ האָט אימ ניט פארלאָזנ: ער האָט ענדלעכ באגעגנט אנ עמעסנ געלערנטנ.

אינדערפרי איז ברונאָ אופגעשפרונגענ א מונטערער אונ א פרישער. ער האָט א קוק געטאָנ אינ פענצטער. פאריזש האָט געשיינט אונ געגלאנצט אפ דער זונ. דער טייכ האָט אויסגעזענ, ווי העלע זילבערנע שופנ, אפ דער ברעג־גאס האָט זיכ געהערט א געלעכטער.

דזשאָרדאנאָ האָט זיכ אראָפגעלאָזנ אונטנ אונ דערזענ מאריוסנ, ווי ער איז פארנומענ מיטנ פאנאַנדערקלייבנ עפּעס אומגעוויינלעכע קעגנשטאנדנ. אפ א בענקל איז געזעסנ א נידעריקער מענטש אונ האָט געהאלטנ אינ די ציינ א גרויסע ליימענע טרייבל. אנ אראָמאטישער רויכ האָט אָנגעפילט דעמ צימער. ברונאָ האָט א קוק געטאָנ אפנ טרייבל מיט נייגעריקייט. אינ יענער צייט איז דאָס רייכערנ געווענ נאָכ א גרויסע זעלטנהייט. אָט די געוווינהייט, וואָס איז איבערגענומענ געוואָרנ בא די אינדיאנער, איז נאָכ ערשט ניט לאנג געווענ אריינגעפירט קיינ אייראָפּע, דאָס האָבנ געטאָנ די שפאנישע אונ פּאָרטוגעזישע מאטראָסנ. באמ רייכערער אפ דער האנט האָט זיכ געזענ פונעמ ארבל א קאָפּ פונ א שלאנג, וואָס איז אויסגעטאטוירט בא אימ אפ דער הויט,— א צייכנ פונ דער מאטראָסנ־פּראָפעסיע, וואָס איז אויכ איבערגענומענ געוואָרנ בא די אינדיאנער.

— זעט, וואָס ער האָט מיר געבראכט!—האָט מאריוס אויסגעשריענ, באווייזנדיק ברונאָנ א טויטנ שמעטערלינג פונ אומגעהייערער גרייס מיט בונטע פליגלענ.— אונ אָט איז אנ אנדערער, נאָכ א גרעסערער. זעט, וואָס פאר א באפארבונג. ער האָט זיי געבראכט פונ וויטנ דאָרעמ... אונ גיט א קוק אפ אָט דעמ זשוק... ער לייגט זיכ קוימ אויס אפ דער דלאָניע...

מאריוס האָט מיט היספּײלעס ארויסגענומענ פּאָרזיכטיק פונ די קעסטעלעכ די טויטע זשוקעס, שמעטערלינגס, ווערעמ, פארטריקנטע קווייטנ אונ גראָזנ פונ א מאָדנעמ אויסזענ.

— דאָס איז אלצ פונ די טראָפּישע לענדער... אכ, ברונאָ, ליבער דזשאָרדאנאָ, ווי פארשיידנארטיק די וועלט איז! וויפל לענדער

זײַנענ פאראנ, וועגנ וועלכע מיר האָבנ קיינ באגריפ ניט, וויפל כײַעס זײַנענ פאראנ, וואָס מיר האָבנ קיינמאָל ניט געזענ, וויפל קוויטנ איז פאראנ, וואָס מיר האָבנ קיינמאָל ניט געשמעקט! אָט איז ער, דער גרויסער בוכ פונ דער נאטור... אָבער דאָס לעבנ וועט ניט קלעקנ דורכצולייענענ אינ אימ כאָטש איינ זײַטל. דאָס איז ניט אײַער אריסטאָטעל, וואָס מע קאָנ אימ אויסלערנענ אפ אויסווייניק אינגאנצנ אינ דרײַ יאָר צײַט.

— פארוואָס עפעס מײַנ אריסטאָטעל? — האָט ברונאָ געפרעגט לאכנדיק.

— איר כאָלעמט דאָכ צו ווערנ א פראָפעסער פונ סאָרבאָנע?

— קעדיי צו פריידיקנ די נײַע לערע. איכ בינ דאָכ ניט שולדיק, אז דער איינציקער וועג אהינצו ליגט דורכ אריסטאָטעלס טויטנ קערפער.

אָבער מאריִוס האָט שוינ ווידער פארגעסנ אָנ אלצ, אכוצ די שמעטערלינגענ אונ די קוויטנ.

ער האָט געבראכט גרויסע קאסטנס, ווו בא אימ זײַנענ געלעגנ אינ אָרדענונג פארשיידענע אינזעקטנ אונ קוויטנ, אונ ער האָט פאָרזיכטיק אויסגעלייגט די נײַ-געבראכטע עקזעמפלארנ.

ברונאָ האָט מיט גרויס נײַגיר א קוק געטאָנ אפנ מאטראָס. אינ יענע יאָרנ זײַנענ א סאכ לענדער נאָר וואָס אנטדעקט געוואָרנ, אונ די רײַזעס האָבנ אלעמענ געצויגנ. פונעמ מאטראָס, האָט זיכ אויסגעדוכט, האָט געווייט מיט קאָלאָסאלע אָקעאנישע ראכוועסנ, זײַנ פאָנעמ איז געווענ אָפגעברענט פונ דער טראָפישער זונ, דעמ שלאנג אפ דער האנט האָט אויסגעטאטויִרט עפעס אנ אלטער אינדיִאנישער מעכאשעפ מיט א קופער-רויטער הויט, א באפוצטער מיט בונטע פעדערנ. א דאָרשט נאָכ לעבנ, א דאָרשט נאָכ וויסנ האָט ארומגעכאפט ברונאָנ. ער האָט זיכ ווידער דערפילט שטארק אונ יונג. אזוי ווי דער מאטראָס איז געווענ ניט שטארק באריידעוודיק, אונ מאריִוס האָט זיכ אינגאנצנ פארטיפט אינ פאנאנדערקלײַבנ זײַנ קאָלעקציע, האָט ברונאָ באשלאָסנ דורכגיינ זיכ איבער פאריזש, באטראכטנ די בארימטע הויפטשטאָט פונ פראנקרײַכ.

אלצ זעט אויס שיינ אינ א העלנ מײַ-פרימאָרגנ. שיינ האָבנ אויסגעזענ פאר ברונאָנ אויכ די קרומע שמוציקע גאסנ מיט די הויכע אונ אומגעלומפערטע מויערנ.

דזשאָרדאנאָ איז לאנג געשטאנענ פאר דער אלטער געבײַדע פונ טעאָלאָגישנ פאקולטעט פונ פאריזשער אוניווערסיטעט, וואָס ווערט אָנגערופנ סאָרבאָנע, ווײַל אים האָט געגרינדעט אינ יאָר 1253 דער גײַסטלעכער פונעמ קיניג לוי דעמ הײליקנ — ראָבערט סאָרבאָנ.

דער גײַסט פונ א קעמפער האָט געשטויסנ ברונאָנ אינ די אל־טע ווענט, אים האָט זיכ געוואָלט אײַנלאָזנ א צוגווינט אינ די פארשטיקטע אלטע זאלנ פונעמ בארימטנ וויסנשאפט־טעמפל. צווײ געערטע דאָקטערס אינ שווארצע מאנטלענ אונ שווארצע היטעלעכ זײַנענ ארויס פונ אוניווערסיטעט־טויער אונ האָבנ זיכ געלאָזט גײנ אפ דער גאס, שמועסנדיק סאָליד. ברונאָ האָט א קוק געטאָנ אפ זײ, ווי א יעגער קוקט אפ וועלפ אָדער אפ קאבאנעס. ברונאָ האָט בא־שלאָסנ אומ יעדנ פרײַז צו ווערנ א דאָקטער פונ דער סאָרבאָנע. ער האָט דאָס געדארפט, קעדײ צו דערווײַזנ די דאָזיקע געלערנטע, אז ער שטײַגט זײ איבער וויסנשאפטלעכ. נאָר דעמלט וואָלטנ זײַנע ווערטער געקאָנט האָבנ א וואָג אויכ בא דער פאקולטעט־יוגנט.

— וואָס, איצט קומענ פאָר לעקציעס אינ דער סאָרבאָנע? — האָט ברונאָ געפרעגט א פארבײַגעגאנגענעמ יונגנ סטודענט.

— נײנ, — האָט יענער געענטפערט, — אינ פאריזש איז ניט לאנג געווענ די פעסט, אונ דער אוניווערסיטעט איז דערווײַל פארמאכט. איר זײַט אנ אויסלענדער?

— אנ איטאליענער.

— אונ איר ווילט זיכ בא אונדז לערנענ?

— יאָ!

— ווי רופט מענ אײַכ?

— מיכ רופט מענ דזשאָרדאנאָ ברונאָ, — האָט געענטפערט ברונאָ.

אים איז געפעלנ געוואָרנ דעמ סטודענטס אײנפאכקײַט אונ באוויי־דעיודיקײַט.

ווענ דער סטודענט האָט דערהערט דעמ נאָמענ, האָט ער מיט פרײד א פאטש געטאָנ מיט די הענט.

— זײַט איר דאָס דער בארימטער טולוזער איטאליענער? מײַנ ברודער האָט מיר געשריבנ פונ טולוז, אז ער קענ ניט קײנ מענטשנ, וואָס זאָל זײַנ קליגער אונ געלערנטער פאר אײַכ.

— ער טרייַבט איבער. ווי רופט מענ אייַער ברודער?

— זשאנ הענעקענ.

— אָ, איכ קענ אימ! נאטירלעכ, טרייַבט ער איבער!

— ניינ, ניינ. דאָס איז אָנ צווייפל אזוי. אָ, הער ברונאָ, ווערט בא אונדז א פּראָפעסער, מיר אלע ווילנ אזוי זיכ לערנענ אפ אנ עמעס.

— וואָס הייסט בא אייַכ זיכ לערנענ אפ אנ עמעס?

דער סטודענט האָט עפּעס געוואָלט ענטפערנ, אָבער אינ דעמ מאָמענט האָט זיכ אפ דער דערבייַיקער גאס דערהערט א שטארקער טומל, געשרייענ... מענטשנ זייַנענ פארבייַגעלאָפנ, מאכנדיק מיט די הענט אונ שרייַענדיק מיט אלע קויכעס.

— וואָס איז געשענ? — האָט דער סטודענט געפרעגט.

— מע רויבט די שטאָט־קאסע! — האָט איינער א געשריי געטאָנ.

ברונאָ אונ דער סטודענט זייַנענ אוועק אינ דער ריכטונג, פונ־וואנענ עס האָט זיכ געהערט דער טומל. זיי האָבנ דערזענ א גרויסנ האמוינ מענטשנ. דער האמוינ האָט געמורמלט אונ זיכ געזידלט, אונ עפּעס מענטשנ האָבנ רויִק ארויסגעטראָגנ פונ מעלוכע־קאסע זעק מיט גאָלד אונ זיי געלייגט אינ דער פור, וועלכע עס האָבנ באוואכט רייַטער, באוואָפנטע פונ קאָפּ ביז די פיס.

— וואָס־זשע קוקט די שטאָטישע וואכ? — האָט ברונאָ ארויסגע־שריִענ מיט צאָרנ. אימ האָט פארוואונדערט אָט דער רויב אינ העלנ טאָג.

איינער פונעמ האמוינ האָט א קוק געטאָנ אפ אימ מיט פאר־וואונדערונג.

— דאָס איז דאָכ די שטאָטישע וואכ, — האָט ער געזאָגט, אָנ־ווייַזנדיק אפ די רייַטער, וואָס זייַנענ געשטאנענ ארומ דער פור. — זי גיט עס אכטונג.

— וואָס פאר א נארישקייַט!

— אָט דאָס איז דאָכ די מייַסע, וואָס זינט א געוויסער צייַט איז יעדער אומזינ אינ פאריזש געוואָרנ דער וואָרער עמעס, — האָט דער בירגער געענטפערט מיט פארביטערונג. — די קאסע רויבט מענ לויט דעמ קיניגס פאראָרדענונג.

— אימ פעלט געלט צו האָדעווענ אדעריי כייַעס, פארפלוכט זאָלנ זיי ווערנ.

— מענטשנ הונגערנ, אונ ער קאָרמעט מאַלפּעס, לייבנ אונ לעמפּערטנ.

— מע זאָגט, אַז מע פֿירט פֿאַר אים פֿונ אַפֿריקע העלפֿאַנטנ, װעלכע װעלנ אופֿרעסנ גאַנצ פֿאַריזש צוזאַמענ מיטנ נאָטר דאַמ דע פּאַרי.

דערװײַל זײַנעג די זעק צונױפֿגעלײגט געװאָרנ, אונ די פֿור האָט זיכ גערירט, באַגלײט פֿונ די רײַטער.

אָפּנ שװעל פֿונ מעלוכע־קאַסע איז געשטאַנענ דער שאַצ-מײַסטער אונ טרױעריק געקוקט, װי דאָס גאָלד איז אַװעקגעפֿאָרנ. באַ אַ טױט־שטילקײַט האָט ער מיט אַ קאָלאָסאַלנ שליסל מיט אַ קלונג פֿאַר־שפּאַרט די טיר פֿונ דער מעלוכע־קאַסע אונ באַװיזנ דעמ האַמױנ אַ פֿײַג.

עס האָט זיכ דערהערט אַ געלעכטער, װאָס איז גלײַכ פֿאַר־הילכט געװאָרנ פֿונ זידלערײַ אונ געמורמל.

דער סטודענט, װאָס האָט גערעדט מיט ברונאָנ, האָט זיכ אױס־געמישט אינ האַמױנ אונ ברונאָ האָט באַשלאָסנ צו גײנ אַהײמ, גע־פֿינענדיק, אַז דערװײַל האָט ער גענוג פּאַריזשער אײַנדרוקנ. דעמ קיניגס האַנדלונג האָט אימ ניט אַזױ אופּגעבראַכט, װי געמאַכט לאַכנ מיט איר נאַיװער פֿרעכקײַט.

„סאָפֿקאָלסאָפֿ, — האָט ער אַ טראַכט געטאָנ, — אױב די פֿראַנצױזנ דולדנ אַזאַ קיניג, זײַנענ זײ אַלײנ שולדיק“.

מאַריִוס האָט אימ באַגעגנט, שמײכלענדיק געהײמניספֿול.

— מיכ האָט מענ איצט אַרױסגערופֿנ צו דער קיניגנ־מוטער, — האָט ער געזאָגט. — עס טוט איר װידער װײ דער רוקנ. איכ האָב איר דערצײלט װעגנ אײַכ, אונ זי װיל אײַכ אומבאַדינגט זענ. באַ קאַטערינע מעדיטשי איז זײער אַנטװיקלט דער נאַציִאָנאַלער געפֿיל. יעדער איטאַליענער איז פֿאַר איר צוציִענדיק שױנ דערמיט אַלײנ, װאָס ער איז אַ קאָמפּאַטריאָט. איכ צװײפֿל ניט, אַז איר װעט איר געפֿעלנ װערנ, אונ זי װעט אײַכ פֿאָרשטעלנ דעמ קיניג, ער פֿאַרגעטערט אױכ איטאַליענער. ער װעט אײַכ העלפֿנ דורכקריכנ אינ דער סאָרבאָנע.

רײדנדיק אַזױ, האָט דער גוטמוטיקער מאַריִוס זײער כיטרע געשמײכלט.

— גײט הײַנט אינ לוװר צו פֿינפֿ אַזײגער אינאָװנט אונ זאָגט, אַז איר זײַט אַנ איטאַליענער, אונ אַז אײַכ האָט געהײסנ קומענ די קיניגנ די אַלמאָנע. אַלע טירנ פֿונ לוװר װעלנ זיכ פֿאַר אײַכ טײקעפּ עפֿענענ.

VI. דאָס שווארצע היטעלע

ווענ ברונאָ פֿלעגט וועלנ עפּעס אויספֿירנ, פֿלעגט ער זיכ פֿאר קיינ זאכ ניט אָפּשטעלנ. די קונסט אויסצונעמענ בא מענטשנ האָט ער פֿארמאָגט פֿולקום. ער האָט געוווסט, אז דער סאָד פֿונ באצויבערנ באשטייט אינ טרעפֿנ דעם מענטשנס כאראקטער אונ זײַנ גוסט אונ זיכ באמיִענ זײַנ ענלעכ אפֿ אים. פֿאָרגעשטעלט פֿאר דער גרויזאמער קאטערינע מעדיטשי, האָט זיכ ברונאָ פֿריִער פֿאר אלצ ארויסגעוויזנ אלס אנ עכטער איטאליענער. ער האָט באוועגט מיט די הענט ווי אנ איטאליענער, איז געגאנגענ ווי אנ איטאליענער, האָט גערעדט זינגעוודיק, ווי אנ איטאליענער, אונ אזויווי לויט זײַנ פֿיזיאָנאָמיע איז ער געווענ אנ עכטער איטאליענער, א שווארצכיינעוודיקער, מיט שווארצע אויגנ, האָט ער גלײַכ אויסגענומענ בא דער אלטער קיניגנ.

ניט ווייניקער איז פֿונ אים אנציקט געוואָרנ היינריכ. ברונאָ האָט געמאכט אנ אָנשטעל, אז ער האָט מוירעדיק ליב צו שפּילנ אינ בילבאָקע אונ האָט אים דערציילט וועגנ די געריכטנ, וואָס איינער א בארימטער קעכער אינ יאָלע האָט געקאָנט מאכנ. סײַ דער קיניג סײַ זײַנע פֿאוואָריטנ זײַנענ געווענ אינ היספּײַלעס פֿונ דעם גלענצנדיקנ יונגנ געלערנטנ, וואָס קענ מיט אזא היצ ריידנ וועגנ מײַכאָלים אונ וועגנ שפּילנ. ברונאָ האָט דאָ גופֿע פֿארינטערעסירט היינריכנ מיט רײַמונד ליוליוסעס „גרויסער קונסט“, אונ היינריכ האָט געהייסנ רופֿנ א סטאָליער אונ אים באפֿוילנ אויסארבעטנ די פֿילאָזאָפֿישע מאשינ אונטער ברונאָס אָנפֿירונג. ברונאָ האָט צוגעזאָגט דעם קיניג אָנצושרײַבנ א ספּעציעלנ בוכ וועגנ דער מאשינ אונ ווידמענ דעם בוכ דעם קיניג. ער האָט פֿארוווּנדערט אלע הויפֿלײַט מיט זײַנ מעשוגעדיקנ זיקאָרנ. סאָפֿקאָלסאָפֿ האָט היינריכ געזאָגט, אז אויב ברונאָ וועט ניט זײַנ קיינ פּראָפֿעסער פֿונ סאָרבאָנע, וועט ער הייסנ אײַנווארפֿנ די גאנצע געבײַדע אונ פֿונ אירע שטיינער אויסבויענ א ספּעציעלנ אוניווערסיטעט פֿאר ברונאָנ... אונ ער האָט גלײַכ אפֿנ אָרט אָנגעשריבנ א פּאפּיר דעם רעקטאָר פֿונ סאָרבאָנע, פֿאָרלייגנדיק געבנ ברונאָנ דעם טיטל דאָקטער, וואָס מע דארפֿ האָבנ צו לייענענ לעקציעס אינ דער סאָרבאָנע.

אינ דעם איז באשטאנענ מאריִוסעס כיטרע אייצע. די מײַסע

איז, וואָס די פּראָפעסאָרנ פונ סאָרבאָנע האָבנ טײַנט געהאַט די קיניגנ פונ דער דינאַסטיע וואַלואַ: די קיניגנ פונ דער דינאַסטיע וואַלואַ האָבנ אַמאָל געצווונגענ די סאָרבאָנע אַנטשולדיקנ זיכ פאַרנ טראַקטאַט, וואָס דער אוניווערסיטעט האָט אַרויסגעלאָזט — וועגנ דעמ רעכט פונ די רוימישע פּויפּסטנ אָפּצעוואַרפנ און באַשטימענ קיניגנ. מאַריוס איז געווענ זיכער, אַז דעמ קיניגס רעקאָמענדאַציע וועט אַרויסרופנ אַ העפּטיקנ ווידערשטאַנד מיצאַד די פּראָפעסאָרנ.

אָבער ברונאָ האָט וועגנ דעמ ניט געוווסט, און אַפּ מאָרגנ איז ער מיטנ קיניגס פּאַפּיר געקומענ צומ רעקטאָר פונ דער סאָרבאָנע.

— גוט, — האָט דער רעקטאָר געזאָגט מיט אַנ אײַזקאַלטנ טאָנ, — מיר וועלנ זיכ, נאַטירלעכ, אונטערוואַרפנ דעמ ווילנ פונ זײַנ מאַיעסטעט, אַפילע ווענ איר זאָלט זײַנ אַ פּאָשעטער כאַזיירימ־פּאַסטעכ און איר זאָלט אַפילע ניט קענענ לייענענ און ניט שרײַבנ.

ברונאָ איז אויפגעפלאַמט געוואָרנ.

— אײַנעמ נאָמענ „כאַזיירימ־פּאַסטעכ“ זע איכ גאָרניש ניט אײַנ אַזוינס, וואָס זאָל באַליידיקנ. אָבער, נאַטירלעכ, אַ נאַר וואָלט געווענ דער כאַזיירימ־פּאַסטעכ, וואָס וואָלט געגאַנגענ לייענענ שלעכטע לעקציעס אָנשטאָט צו פּיטערנ גוט כאַזיירימ. איכ וויל גאָרניט צווינגענ אײַכ מיט געוואַלט צו מאַכנ מיכ פאַר אַ פּראָפעסער. איכ בעט מיר געבנ די מעגלעכקײַט צו באַקומענ דעמ טיטל דאָקטער דורכ אַ דיספּוט.

— גוט, — האָט דער דאָקטער ווידער געזאָגט מיט דעמ זעלבנ טאָנ — אַ דיספּוט וועט פאַר אײַכ אײַנגעאָרדנט ווערנ מאָרגנ. איר זעט, ווי מיר אײַלנ זיכ אויסצופילנ דעמ קיניגס ווילנ.

ברונאָ האָט זיכ פאַרנייגט און איז אַרויס מיט אַ רויִקער זיכערקײַט אינ זײַנ ניצאָכנ.

ווענ ער וואָלט געזענ, מיט וואָס פאַר אַ קוק דער רעקטאָר האָט אימ באַגלייט, וואָלט זיכ זײַנ זיכערקײַט עפּשער אַ וואַקל געטאָנ.

— פאַרנ קיניגלעכנ קאַנדידאַט, — האָט געזאָגט דער רעקטאָר, — וועלנ מיר אײַנאָרדענענ אַ ספּעציעלנ פײַערלעכנ דיספּוט לויטנ אַלטנ מינהעג פונ דער סאָרבאָנע.

***

פיר און צוואנציק דאָקטערס אין שווארצע מאנטלען און אין שווארצע היטעלעך זײַנען זיך צונויפגעקומען אין גרויסן פינצטערן זאל פון דער סאָרבאָנע. באם זאל איז געווען א ספּעציעלער צימער פארן דיספּוטאנט, און פון דעם צימער איז געווען נאָר איין ארויסגאנג אין זאל. בא דער טיר פון דעם צימער, אף א טישל, איז געלעגן א שווארצע היטעלע — דאָס היטעלע, וואָס דער קאַנדידאט האָט געדארפט אָנטאָן אפן קאָפּ, אויב ער האלט אויס דעם דיספּוט.

ברונאָ האָט מען פײַערלעך ארײַנגעפירט אין צימער, און דער רעקטאָר האָט צו אים געזאָגט:

— איצט, אין מעשעך פון צוועלף שאָ, ווען דו פונדאנען ניט ארויסגיין, דו וועסט ניט עסן און ניט טרינקען, און יעדע האלבע שאָ וועלן צוויי נײַע דאָקטערס קומען אהערצו און שטעלן דיר פראגן, — פראגן, אף וועלכע עס דארף קענען ענטפערן דער, וואָס פרעטענדירט אף דער הויכער ערע צו ווערן א פּראָפעסער פון אונדזער אלטן פאקולטעט.

ער האָט דאָס געזאָגט און איז ארויסגעגאנגען, איבערלאָזנדיק ברונאָן אליין. ער האָט א פאטש געטאָן מיט די הענט און דערמיט געגעבן א צייכן, אז דער אויספרווו הייבט זיך אָן.

צוויי דאָקטערס זײַנען טייקעף ארײַן אין צימער, ווו ברונאָ איז געזעסן.

אין א האלב שאָ ארום זײַנען זיי ארויסגעגאנגען, אָפּווישנדיק דעם שווייס פון שטערן, אָפּטרעטנדיק זייער אָרט פאר צוויי נײַע דאָקטערס.

— דאָס איז ניט קיין מענטש, נאָר א טײַוול, — האָבן זיי געזאָגט, — ער געדענקט קימאט אף אויסווייניק אלץ, וואָס ער האָט געלייענט. ער קען גאנץ טאָמאס אקווינאט, אריסטאָטעלן, פלאטאָנען. אונדז האָט זיך טאקע ניט אײַנגעגעבן צו פארפלאָנטערן אים.

דער רעקטאָר האָט בעקיוון געלאָזט אפן סאָף די סאמע געניטע אין דיספּוטן.

— עפשער ווייס ער ערגער די ווערק פון די קירכנ־פאָטערס?

אָבער אין דעם מאָמענט זײַנען אַרויסגעגאַנגען אַנדערע צווײ דאָקטוירים.

— אָט דאָס ייִנגל וועט אונדז אַלעמען פאַרשטעקן אין אַרבל, — האָבן זיי זיך געהיצט, — ער ווייס מאַמעש אַלץ, וואָס עס איז דאָ אין די ביכער, וועלכע עס האָבן אָנגעשריבן סײַ צאַדיקים סײַ רעשאָים.

שוין צוועלף דאָקטוירים האָט בּרונאָ באַזיגט, ער איז שוין זייער מיד, ער איז הונגעריק, אין האַלדז איז בא אים טרוקן, ער איז הייזעריק געוואָרן, אָבער זײַן קאָפּ איז ווי פריִער געווען פריש. דער דאָרשט האָט אים זייער געפּײַניקט, אָבער פון שטאָלץ האָט ער ניט געוואָלט בעטן קיין וואַסער.

ער האָט געוואָלט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען ביז אַלע קלאָלים.

דער רעקטאָר האָט בעקיוון געלאָזט צום סאָף די פּראָפעסאָרן, וואָס זײַנען געווען זייער גענייט אין דיספּוטן. אַליין האָט ער באַשלאָסן גיין גאָר צולעצט, ווײַל ער האָט געהאַט א שעם מיט זײַנע שטעלן כיטרע פראַגן און ער האָט ניט געצווייפלט אין זײַן געלערנטקייט.

בּרונאָ איז געזעסן אַף אַ בענקל אײַנגעהאַנצן אין שווייס, זײַנע האָר האָבן זיך צעקלעפט צום שטערן. צען שאָ נאָכאַנאַנד האָט ער קעסיידער געענטפערט אַף פראַגן. ער האָט שוין קוים געקאָנט ריידן, ער איז געווען הייזעריק און האָט געהוסט. דער קאָפּ האָט אים וויי געטאָן, און מיט א שרעקלעכער אָנשטרענגונג פונעם ווילן האָט ער זיך געצווונגען צו טראַכטן און אורטיילן קלאָר און זיכער.

שוין צוויי און צוואַנציק פּראָפעסאָרן האָבן צעבראָכן אָן אים זייערע ווערטער-שווערדן, איצט האָט געדאַרפט קומען דער רעקטאָר און דער אַלטער פּראָפעסער פון טעאָלאָגיע, א מענטש מיט א שרעקלעכן אויסזען.

דעם קיניג האָט מען די גאַנצע צײַט מיטגעטיילט וועגן דעם גאַנג פון דיספּוט; ער האָט געלאַכט און זיך געריבן די הענט.

דער רעקטאָר האָט געשטעלט בּרונאָן א פּילפּלדיקע פראַגע, אָבער ער האָט טייקעף באַקומען אַן אויסשעפּנדיקן ענטפער, — עמעס, בּרונאָ

האָט קוימ גערעדט. דער שרעקלעכער דאָקטער האָט געפרעגט בא ברונאָ, ווי האָט אריסטאָטעל באהאנדלט די פאָרמ און די מאטעריע, און דערבײַ האָט ער בעקיוונ אזוי פארפלאָנטערט זײַנ פראגע, אז מע האָט אימ קוימ געקאָנט פארשטיינ. אָבער ברונאָ האָט פארשטאנענ; ער האָט צונויפגענומענ אלע קויכעס און געהאלטנ א גלענצנדיקע לעקציע וועגנ דער מאטעריע און דער פאָרמ. ער האָט דערבײַ געקוקט אפנ זאמד-זייגער. די האלבע שעָ צײַט האָט געהאלטנ באמ אויסגיינ. אינ דער אויבערשטער העלפט פונ זייגער איז שוינ קימאט ניט געבליבנ קיינ זאמד. אָבער ברונאָ האָט שוינ ניט געהאט קיינ שטימ און קיינ שפײַעכצ אינ מויל. ער האָט ארויסגעכריפעט נאָכ עטלעכע פראזנ און איז אנשוויגנ געוואָרנ.

דער רעקטאָר האָט זיכ געקליבנ שטעלנ נאָכ עפעס א פראגע, אָבער ברונאָ האָט שווײַגנדיק אָנגעוויזנ אפנ זייגער. דער גאנצער זאמד האָט זיכ איבערגעשאָטנ פונ אויבנ אראָפ, דער דיספוט האָט זיכ געענדיקט.

אינ א מינוט ארומ איז דער נײַער דאָקטער אינ א שווארצ הי־טעלע, געגאנגענ דורכנ זאל, זיכ וואקלענדיק באגלייט מיט די בייזע בליקנ פונ די פראָפעסאָרנ.

באמ טויער פונ דער סאָרבאָנע האָט אפ אימ געווארט דעמ קי־ניגס א טראָג-בעט.

היינריכ האָט באשלאָסנ געבנ א גוטנ קיבעד זײַנ פאוואָריט נאָכ אזא שווערנ עקזאמענ.

ברונאָ איז קוימ ארופגעגאנגענ אפנ ברייטנ טרעפ פונ לו־וור. ער האָט פארגעסנ וועגנ יעדנ עטיקעט און האָט זיכ צוגעכאפט צומ עסנ.

דער קיניג האָט געלאכט פונ היספײַלעס. ער האָט אימ אָנגע־גאָסנ ווײַנ און אימ אליינ צוגעלייגט אפנ טעלער געשמאקע גע־ריכטנ. ער איז געווענ צופרידנ, וואָס ער האָט געמאכט צו שאנד די שטאָלצע סאָרבאָנע.

— איצט דארפסטו נאָר אויסהערנ א פײַערלעכע גאָטעס־דינסט, — האָט ער געזאָגט, — און דו וועסט זײַנ פראָפעסער פונ דער סאָרבאָנע.

דזשאָרדאנאָ האָט שוינ באוויזנ זיכ אָפצורוענ. דאָס עסנ און

דער וויינ האָט אימ געבראַכט אינ א גוטער שטימונג, אָבער די אַנטשלאָסנקייט און די קריגערישע גרייטקייט האָט נאָכ אַלצ געקאָכט אינ אימ.

— ניינ, אייער מאַיעסטעט, — האָט ער געזאָגט. — איכ וועל אינ קירכ ניט גייג... די פּויפּסטלעכע קירכ און די וויסנשאַפט זיינענ צוויי זאַכנ, וואָס לאָזנ זיכ ניט צונויפּפּאָרנ. אָדער איכ בינ א מאָנאַכ, אָדער איכ בינ א פּראָפעסער.

— ער איז דאָכ אַנ אַפּיקוירעס! — האָט היינריכ אויסגעשריִענ, און דאָס האָט אימ שוינ גאָר אַריינגעבראַכט אינ היצפּיילעס.

— אַנ אַפּיקוירעס וועט זיינ א פּראָפעסער אינ סאָרבאָנע! — האָט ער אויסגעשריִענ. — דאָס איז פּיינ... זיי מיר מויכל, גאָט, איכ זאָל ניט פאַרזינדיקנ מיט מיינע רייד...

ער האָט אַפּ גיכ אָפּגעמורמלט עטלעכע טפילעס און האָט זיכ ווידער צעלאַכט.

— מאָרגנ זאָלסטו מיכ אויסלערנענ ריימונד ליוליוסעס קונסט. א קאַשע אַפּ א מייסע, עפּשער מיט זיינ הילפּ וועל איכ נאָכ אַליינ אויכ אויסהאַלטנ אינ דער סאָרבאָנע א דיספּוט אַפּ א דאָקטער... כאַ־כאַ־כאַ... היינריכ וואַלוא, דער קיניג פונ די פראַנצויזנ, איז דאָקטער טעאָלאָגיע אינ דער סאָרבאָנע... דער רעקטאָר וועט קרעפּירנ פונ קינע. דאָס איז פּראַכטפול!...

ברונאָ איז געגאַנגענ אַהיימ אינ א פריילעכער שטימונג, אָבער פונ שוואַכקייט האָט ער קוימ געשלעפּט די פיס.

שטערנ האָבנ באַזייט דעמ גאַנצנ הימל. ערגעצ האָט געזונגענ א לוסטיקע יונגע שטימ. ברונאָ איז געגאַנגענ און פאַרפאַסט לידער, זיגרייכע לידער, פריילעכע לידער לעקאָווועד דעמ גרויסנ מענטשלעכנ סייכל.

פאַרבייגייער האָבנ אימ נאָכגעקוקט און געלאַכט, מיינענדיק, אַז ער איז שיקער.

ווענ ער איז אַרויסגעקומענ אַפּ דער ברעג־גאַס, האָט ער זיכ אָנגעבויגנ איבערנ פינצטערנ טייכ. ער האָט זיכ דערמאָנט דעמ שוואַרצנ טיבער אינ דער פינצטערער נאַכט, ווענ ער איז געלאָפנ לענגויס דעמ טייכ, מורמלענדיק „א גליקלעכע רייזע! ". ער האָט זיכ דערמאָנט דעמ שרעקלעכנ פליעסק פונעמ שווערנ קערפּער. אַנ

אומעט האָט פאַרקלעמט זײַן האַרץ. אים האָט זיך איצט ניט גע־וואָלט דערמאָנען קיין טרויעריקע זאַכן. עמעצנס אַ האַנט האָט אים אָנגערירט פאַר דער פּלייצע. ברונאָ האָט אופגעציטערט און זיך אומגעקוקט. אַ מאָגערער דאָמיניקאַנער מאָנאַך איז געשטאַ־נען פאַר אים.

דזשאָרדאַנאָ האָט אופגעציטערט פון קאָפּ ביז די פיס: ער האָט דערקענט דעם ברודער אַווגוסטין.

VII. קאָוועד

— דו לעבסט? — האָט ברונאָ אויסגעשריִען, ווען ער איז עטוואָס געקומען צו זיך פון אומגעריכטיקייט.

— גאָט האָט מיך לעבעדיק געמאַכט, — האָט אַווגוסטין געענט־פערט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים, — ער האָט מיך אַרויסגעצויגן פון דער טיפעניש פון וואַסער... און איך זאָג דיר ווידער: ברודער ברו־נאָ, טו טשוווע!

— נאַכטפישער האָבן דיך געראַטעוועט? — האָט דזשאָרדאַנאָ געפרעגט.

— טו טשוווע, ברודער ברונאָ! קער זיך אום קיין רוים, גיב זיך אָפּ פרײַוויליק דעם מישפּעט פון דער קירך, ווײַל אַניט וועסטו ניט אויסמײַדן דעם טהאָם פון געגעם.

ברונאָ האָט געהערט די ווערטער, וואָס ער האָט שוין לאַנג גע־ווּסט פון קלויסטער, און האָט אַ שמייכל געטאָן. דאָ אין פּאַריז האָט ער זיך געפילט אויסער געפאַר.

— גענוג, אַווגוסטין, - האָט ער געזאָגט, — הער אויף צו פּלוידערן נאַרישקייטן. איך האָב פאַר קיין שום פײַער קיין מוירע ניט — ניט פאַרן הימלישן, ניט פאַרן ערדישן. בעסער וואַרף אויך אַרויס די נאַרישקייטן פון קאָפּ, פאַרנעם זיך מיט וויסנשאַפט, לערן זיך, לערן אַנדערע. נו, גיב אַ קוק אָפּ זיך, זע ווי דו זעסט אויס, וואָס פאַר אַן אויסזען דו האָסט באַקומען, אַרומ־וואָגלענדיק אָפּ די שטויביקע וועגן אין אַזאַ באַלאַכאָן.

— איך האָב דיך געזוכט, ברודער, און איך האָב דיך געפונען. — אין דעם מאָנאַכס אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ מאָדנע פײַערל.

— דו וועסט ניט אוועקגיין פונעם מישפעט פון דער קירך. גאָט וועט פארנעמען מײַן טפילע, ער וועט דיך ברענגען אין אויסלײַטערנדיקן פײַער.

— דו וועסט אייביק נאָכשפּירן נאָך מיר? ס'איז א לאַנגווײַליקע ארבעט. און דאָ וועט סײַ־ווי קיינער ניט לייגן קיין אכט אפ דײַנע מעסירעס. מיך פרייט זייער, וואָס דו לעבסט, ווײַל מיר איז געווען שווער צו פילן זיך אַלס מערדער, אָבער בעסער זאָלסטו זיך ניט אָנטרעפן מיר אפן וועג. מײַן גאָט און דײַן גאָט זײַנען פארשיידענע. טו טפילע צו דײַן גאָט, אויב דו ווילסט, אָבער מיך לאָז צו רו.

ברונאָ האָט אָנטשיידן באזײַטיקט אווגוסטינען און איז אוועק אין דער ריכטונג צום בריק סאן מישעל. ווען ער איז דערגאנגען ביזן בריק און האָט זיך ארומגעקוקט, איז שוין דער מאָנאך ניט געווען. ער איז ניט געוואָרן, ווי א געשפּענסט, און ברונאָ האָט אפילע אָנגעהויבן צו צווייפלען, צי האָט ער אים בעמעס געטראָפן. יעדנפאלס האָט ער מער ניט געוואָלט טראכטן וועגן אים.

מאריוס האָט שוין געהערט וועגן ברונאָס ניצאָכן און האָט אים באגריסט, און דאָך האָט ער אים געראטן ניט צו באנוצן זיך מיט די פרוכט פונעם ניצאָכן און ניט ווערן קיין פראָפעסער.

— איר האָט זיי דערוויזן אײַער קויעך, — האָט ער געזאָגט, — געגנוג פאר אײַך. לאָמיר צוזאמען שטודירן דעם מענטשנס געבוי. דאָס איז א סאך מער ווערט, ווי איבערקײַען אריסטאָטעלן און פטאָלאָמעוסן.

— איך וויל זיי גאָרניט איבערקײַען, — האָט ברונאָ אויסגערופן, לאכנדיק, — איך וויל זיי אופעסן, דאָס איז גאָר אן אנדער זאך.

אזויארום איז ברונאָ געוואָרן א פראָפעסער פון דער סאָרבאָנע.

ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבן זײַנע לעקציעס, האָבן די סטודענטן טייקעף דערזען, אז פאר זיי איז אן אָנגעזעענער געלערנטער, און די אאודיטאָריע האָט מאמעש ניט געקאָנט ארײַננעמען אלע צוהערער.

ברונאָ האָט געאַרבעט אין דער אויסגעצייכנטער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק, ער האָט גענומען אַן אָנטייל אין מאַריוסעס עקספּערי־מענטן און אויספאָרשונגען, ער האָט געשריבן ביכער. איין בוך — וועגן רײַמונד ליוליוס — האָט ער געווידמעט דעם קיניג היינריך. זײַן באַרימטקייט איז געשטיגן און זיך פאַרשפּרייט איבער אייראָפּע. קיין סאָרבאָנע האָבן גענומען פאָרן געלערנטע פון פאַרשיידענע לענדער, און זיי פלעגן פאַנאַנדערטראָגן איבער גאָר דער וועלט דעם נאָמען פון דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, דעם גרויסן פילאָסאָף, אַסטראָנאָם און פיזי־קער. אָבער וואָס מער זײַן באַרימטקייט איז געוואַקסן, אַלץ מער האָבן אים די פּראָפעסאָרן מעקאַנע געווען. דער קיניג האָט פון אָנ־הייב פאַרטיידיקט ברונאָן פון אָנפאַלן, אָבער גראָד אין דער צײַט האָט די רעליגיעזע מילכאָמע באַקומען אַ געפערלעכן פאַרנעם פאַרן קיניג. די קאַטוילישע ליגע בעראָש מיטן הערצאָג גיז האָט האַרב פאַרורטיילט דעם קיניג פאַר פאַסיוקײַט און פאַרן נאָכגעבן די פּראָ־טעסטאַנטן און די אַפּיקאָרסים. אין פּאַריז האָט מען שוין גע־רעדט וועגן דעם, אַז היינריך וואַלוּאַ דאַרף מען אַראָפּוואַרפן און אָפּגעבן גיזן די אָנפירונג מיט דער רעגירונג, ווײַל נאָר ער אַלס אַן עכטער קאַטויל איז פייִק צו האַלטן מילכאָמע מיט היינריך דעם נאַוואַרער.

דער קיניג האָט באַשלאָסן צו ענדערן זײַן פּאָליטיק. ער האָט אויסגערופן צו זיך ברונאָן און האָט אים געראַטן אַוועקצופאָרן קיין ענג־לאַנד. דאָרטן, אין הויף פון דער קיניגן עליזאַבעט, פון דער פאַר־ברענטער פּראָטעסטאַנטקע, האָט ער ניט וואָס מוירע צו האָבן פאַר די אָנפאַלן פון דער קאַטוילישער קירכע. די קיניגן עליזאַ־בעט האָט צו טאָן מיט געלערנטע, און ברונאָ וועט דאָרטן זײַן אַפן געהעריקן אָרט.

היינריך האָט דערבײַ געגעבן ברונאָן אַ פּאַפּיר צום פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן דע־קאַסטעלנאָ דע־מאָווויסיער.

— פאָר אַוועק, — האָט ער געזאָגט, — ווײַל מיר וועט אײַנגיכן ווערן זייער שווער צו פאַרטיידיקן דיך, גיז קלערט וועגן אײַנ־אָרדענען אין פּאַריז אַן אינקוויזיציע, אַף דעם שטייגער, ווי אין שפּאַניע, אָדער אין איטאַליע, און דעמלט וועסטו ניט גוט אָפּ־שנײַדן.

ברונאָ האָט זיך פאַרנייגט פאַרן קיניג און איז טרויעריק אַרויס

פון לווור. דער שיקזאל האָט אים ווידער פאַרורטיילט אַף וואַנ־דערונג.

אַף מאָרגן איז ער אַרויסגעפאָרן קיין לאָנדאָן.

די צײַט, וואָס ברונאָ האָט פאַרבראַכט אין לאָנדאָן, איז געווען דער סאַמע גליקלעכסטער פּעריאָד פון זײַן לעבן. עליזאַבעטעס רעגי־רונג איז געווען פּײַנטלעך געשטימט צום פּויפּסט און צו דער קאַ־טוילישער קירך. דאָ האָט ברונאָ געקאָנט אָן מוירע אַרויסזאָגן זײַנע אָנשויונגען און שרײַבן זײַנע ווערק. עמעס, אין אָקספאָרד, אינעם באַרימטן אוניווערסיטעט, האָט מען אים אופגענומען זייער קאַלט. ברונאָ איז אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די פּראָפעסאָרן, אַז ער האָט ניט לאַנג געקאָנט לייענען אין אָקספאָרד לעקציעס, און ער האָט וועגן דעם אויך ניט באַדויערט. ער האָט אָנגערופן דעם אוניווערסי־טעט „די אַלמאָנע פון ניכטערן וויסן“, און די פּראָפעסאָרן — „אַ געשטערן פון פּעדאַנטן, וואָס זייער אומוויסנהײַט, זייער אײַנגע־גלויבטקײַט אין זיך און זייער פּויערשע גראָבקײַט וואָלטן אַרויסגע־פירט פון געדולד אַפילו איוב’ן“.

ברונאָן איז געווען באַזונדערס לעכערלעך, וואָס די מאַגיסטרען, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן בייסן דיספּוט מיט אים אַלס ניט גאָר טרײַע אָנהענגער פון אַריסטאָטעלן, האָבן געמוזט צאָלן פינף שילינג שטראָף. אַזויאַרום האָט דער גריכישער כאַכעם אויך דאָ געשטיקט די מויכעס פון די געערטע דאָקטערס און טעאָלאָגן.

אָבער ברונאָ האָט פעסט אײַנגעשטעלט זײַנע טעזיסן און איז שוין פון זיי ניט אָפּגעטראָטן. די טעזיסן זײַנען אין אַלגעמיינע שטריכן באַשטאַנען אין דעם:

1) די ערד האָט נאָר אומגעפער די פאָרם פון אַ קײַלעך, זי איז צונויפגעפלעטשטעט בײַ די פּאָליוסן און זי דרייט זיך אַרום דער זון.

2) די זון דרייט זיך אַרום איר אַקס.

3) די ערד־אַקס איז גענייגט צו דער פלאַך פון דער אָר־ביטע.

4) די אומבאַוועגלעכע שטערן זײַנען אויך זונען.

5) אַרום זיי דרייען זיך אויך פּלאַנעטעס.

6) די קאָמעטעס זײַנען אַ באַזונדערע אַרט פּלאַנעטעס.

7) די וועלטן און זייערע סיסטעמעס ענדערן זיך, זיי האָבן אַן אָנהויב און א סאָף.

אָט די טעזיסן, וואָס שײַנען אונדז איצט צו זײַן אַזוינע פּאַשעטע און דערוועקן ניט קיין שטרײַט, האָבן דעמלט אויסגעזען אומגעוויינלעך דרייסט און נײַ. די מענטשהײַט האָט זיך נאָך ניט געהאַט באפרײַט פון דער פינצטערניש פונעם מיטלאלטער.

די וועלט האָט זיך נאָך פאָרגעשטעלט די מענטשן, ווי זי וואָלט געווען באזעצט מיט גוטע און בייזע גײַסטער, וואָס אין קאמף קעגן זיי קומט אום דער מענטש. אזא געלערנטער פאר זײַן צײַט ווי אמברואז פּארע באשרײַבט אזוי אין זײַן בוך די קאָמעטע פון יאָר 1528: „די דאָזיקע קאָמעטע איז געווען אזוי שרעקלעך און גרויזאם, זי האָט ארויסגערופן באַם פאָלק אזא גרויסע צערודערונג, אז בלויז פון שרעק אליין פלעגן אייניקע שטארק קראנק ווערן און אנדערע פלעגן שטארבן. זי האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך א לײַכטונג פון קאָלאָסאלער לענג און פון א בלוטיקן קאָליר. אין איר שפיץ האָט מען געקאָנט זען א צונויפגעפרעסטע האנט, וואָס האלט א לאנגן שווערד, וואָס איז אזויווי גרייט צו שנײַדן. באַם עק פונעם קלינג האָבן געלויכטן דרײַ שטערנס. בא ביידע זײַטן שטראלן פון אָט דער קאָמעטע האָט מען געקאָנט זען א סאך העק, מעסערס, רויטע פון בלוט, און צווישן זיי שרעקלעכע מענטשלעכע פּנעמער מיט צעשויבערטע בערד און מיט קאפּויר שטארצנדיקע האָר".

אָט וואָס עס האָבן געזען אין דער קאָמעטע די אויגן פון די מענטשן, וואָס זײַנען צוגעוווינט צו זען אין אלץ צייכנס און סטראשונקעס פון אויבן. לעקאָוועד דער קאָמעטע האָט מען געגאָסן מאטבייעס מיט דער אויפשריפט: „גאָט, שטראָף מיך ניט אין דײַן צאָרן", אָדער „קיינער וועט ניט לײַדן, ווער עס ערט ריכטיק גאָט".

דער מענטש פון מיטלאלטער, וואָס איז געווען געוווינט צו באטראכטן זיך אלס א נישטיקײַט, האָט געשטרעבט מיט אלע מיטלען אויסצונעמען בא גאָט און טײַוול—באַם טײַוול. דער מענטש פון מיטלאלטער האָט געהאלטן פאר נייטיק, קעדיי אויסצולייזן זײַן נעשאָמע, אוועקצולויפן פונעם לעבן, צו פּײַניקן זײַן קערפּער. אין אלץ האָט ער געזען גאָטס האשגאָכע. די קלוגע הומאניסטן („הומאנוס"— מענטשלעכעס) האָבן, פארקערט, גענומען באהויפּטן די קראפט פון מענטשלעכן סייכל, זיי האָבן געגלייבט אין דער מעגלעכקײַט צו

דערגיינ בא דער נאטור אירע סוידעס, צו באהערשנ אירע געזעצנ, אונטערצוּווארפנ זי אונטער זיכ. דאָס דערפינדנ די קונסט פונ בוכדרוקערײַ, די גרויסע רײַזעס פונ XV אונ XVI יאָרהונדערט האָבנ פארברייטערט דעם מענטשנס האָריזאָנט. דער געדאנק האָט אָנגעהויבנ ארבעטנ אינטענסיוו. איינ אנטדעקונג האָט ארויסגערופנ א צווייטע. דער דראנג צו רײַזעס אונ די נייטיקײַט צו אָריענטירנ זיכ אפנ יאמ האָבנ געטריבנ די מענטשנ צו דערפינענ דעם קאָמפאס. די פארבינדונג מיט די ווײַטע לענדער האָט אומגעהייער פארברייטערט דעם אייראָפּייִשנ האנדל. די האנדלס-לײַט האָבנ דערפילט די נייטיקײַט אינ דער וויסנשאפט, אלס א געהילפ פונ די נײַע עקאָנאָמישע שטרעבונגענ. די פאָרגעשריטענע בורזשואזיע אונ די אינטעליגענצ האָבנ זיכ פארייניקט קעגנ דער קאטוילישער קירכ, ווײַל זי האָט פארהאלטנ די אנטוויקלונג פונ דער וויסנשאפט אונ האָט געזוענ אײַנצוהאלטנ אינ די מויכעס פונ די מענטשנ די מיטלאלטערלעכע וועלט־אָנשויונג. דעריבער האָבנ די קאטוילנ באזונדערס געהאסט אזוינע מענטשנ, ווי ברונאָ. די גאלאָכימ האָט געלוינט צו האלטנ, אז די קאָמעטע באטײַט גאָטס צאָרנ, צו באהויפטנ, אז א מענטש קאָנ גאָרנישט ניט דערגיינ אָנ גאָט, אָדער קעגנ זײַנ ווילנ. ברונאָ איז אָבער געווענ א שטאָלצער מענטש, וואָס ווייס דעם קויעכ פונ זײַנ סייכל, וואָס גלייבט אינ דער וויסנשאפט, ער איז געווענ געפערלעכ אונ שעדלעכ פונעמ שטאנדפונקט פונ אנ אָרטאָדאָקסאלנ קאטויל.

ווענ ברונאָ איז אינ יאָר 1585 געקומענ צוריק קיינ פאריזש, האָט ער זיכ צוערשט באזעצט בא מאריוסנ אלס א פריוואטע פערזאָנ אונ האָט אפילע ניט געוואָלט מיטיילנ דעמ קיניג, אז ער איז געקומענ צו פאָרנ. מאריוס האָט געוואָרנט ברונאָנ, אז דער קיניג וועט אימ אוודע איצט ניט באשיצנ. די קאטוילישע ליגע איז געוואָרנ זייער שטארק. היינריכ דער נאווארער האָט זיכ לאנגזאמ, אָבער זיכער דערנעענטערט צו פאריזש. דער קיניג האָט מוירע געהאט צו דערוועקנ די אומצופרידנהײַט פונ דער סאָרבאָנע, וואָס איז געווענ אינ גוטע באציִונגענ מיטנ הערצאָג גיז.

אָבער ברונאָ האָט געוואָלט אנ אָפענעמ שלאכט. ער האָט צוגעשיקט דעמ רעקטאָר פונ דער סאָרבאָנע 120 טעזיסנ, געווענדעטע קעגנ אריסטאָטעלנ, אונ ער האָט זיכ ארויסגערופנ צו פארטיידיקנ די

טעזיסן אפּ א גרויסן דיספּוט. דער דיספּוט איז באַשטימט געוואָרן אפּ פינגסטן. *

ווי געוויינלעך אין עפנטלעכע דיספּוטן, האָט זײַנע טעזיסן גע־דאַרפט פאַרטיידיקן ניט ברונאָ אַליין, נאָר עמעצער פון זײַנע שילער אָדער אָנהענגער. אָבער דאָס איז געווען ווײַט ניט זיכער. אין יאָר 1572 איז דער געלערנטער פּעטער ראַמוס דערהאַרגעט געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט געוואַגט אַרויסצוטרעטן אָפן קעגן אַריסטאָ־טעלן. ברונאָ האָט געשיקט זײַנע טעזיסן אין היץ און איצט איז ער געוואָרן טרויעריק, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין פאַרטרעטער. אין א שפּאַס האָט ער אַפילע צוגערעדט דערצו מאַרי׳וסן, אָבער יענער האָט אויסגעשרי׳ען:

— מײַן פוס זאָל אַריבערטרעטן דעם שוועל פון דער סאָרבאָנע?! דאָס וועט קיינמאָל ניט זײַן! און דו גיי אויך ניט אהי׳ן, אין דער וואָלפן־לאָך.

דרײַ טעג פאַרן דיספּוט האָט ברונאָ געדאַרפט אָנרופן דעם נאָמען פון דעם, וואָס וועט פאַרטיידיקן זײַנע טעזיסן. אָבער ער האָט אזא נאָמען ניט געקאָנט אָנרופן.

ער איז פאַרומערט אַרומגעגאַנגען אין אָוונט אפּ דער ברעג־גאַס פון סענע, און פּלוצעם האָט אים עמעצער אָנגערופן מיט פרייד. ברונאָ האָט זיך אַרומגעקוקט.

— זשאַן העננעקען? — האָט ער אויסגעשרי׳ען, ווען ער האָט דערקענט זײַן טולוזער שילער.

זשאַן העננעקען איז געשטאַנען פאַר אים, א פאַרשטויבטער, א פאַרמאַטערטער, אָבער ער האָט געשמייכלט.

— איך בין אָקאָרשט פון טולוז, — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק מיט אַכטונג ברונאָס אויסגעשטרעקטע האַנט, — מײַן ברודער האָט מיר געשריבן וועגן אײַער דיספּוט...

— נו?

זשאַן איז רויט געוואָרן.

— דאָס איז, נאַטירלעך, א צו גרויסער קאָוועד פאַר מיר, אָבער איך וואָלט געוואָלט פאַרטיידיקן אײַערע טעזיסן...

אָנשטאָט אן ענטפער האָט ברונאָ פעסט אַרומגענומען דעם יונגנמאַן.

---

* א קריסטלעכער יאָנטעוו סאָם פרילינג.

אומ פינגסטנ איז זיכ אינ סאָרבאָנע צונויפגעקומענ א סאכ אוילעמ. דער דיספוט האָט פונ סאמע אָנהייב אָנ באקומענ אנ אומגעוויינלעכ ליידנשאפטלעכנ כאראקטער. אלעמענ איז געווענ קלאָר, אז די אלטע אונ די נײַע וויסנשאפט זײַנענ זיכ צונויפגעקומענ אויב ניט צומ לעצטנ, איז יעדנפאלס צומ אנטשיידענעמ שלאכט. נאָכמער. הינטער דער אלטער וויסנשאפט איז געשטאנענ די גרויזאמע געשטאלט פונעמ מיטלאלטערלעכנ גאָט, וואָס האָט באשלאָסנ צו פארניכטנ דעמ שטאָלצנ מענטשנ, וועלכער האָט געוואגט צו ווידערשפעניקנ קעגנ זײַנ מאכט. א סאכ מאָנאכנ, גאלאָכימ, אפילע ביסקופנ זײַנענ געווענ אפנ דיספוט. ברונאָס יעדער טעזיס איז אונטערגעוואָרפנ געוואָרנ אונטער פארביטערטער קריטיק, כויזעק, זידלערײַ. אָבער זשאנ הענעקענ האָט גלענצנדיק אָפגעשלאָגנ די קלעפ. אפ זײַנ צאד איז געווענ די איינפאכקײַט אונ די פרישקײַט פונ די נײַע געדאנקענ, אונ ניט איינמאָל האָבנ זײַנע רעדעס צו פארטיידיקנ ברונאָ ארויסגערופנ א צושטימענדיקנ הילכ אפ די בענק פונ די סטודענטנ.

דזשאָרדאנאָ, א בלייכער אונ אנ אופגערעגטער, איז געזעסנ צווישנ די דאָקטערס. אימ האָט זיכ אָפט אליינ געוואָלט אופשפרינגענ אונ ארופוארפנ זיכ אפ דער גאנצער שווארצער קנופיע, וואָס פארכאפט דעמ שײַנ אונ דעמ אָטעמ פונ לעבנ. אָבער דאָס וואָלט צוגעגעבנ דעמ דיספוט א כאראקטער פונ א סקאנדאל. ווײַל דאָס האָט ווידערשפראָכנ אלע געוווינהײַטנ פונ דער סאָרבאָנע. אונ זשאנ הענעקענ וואָלט זיכ אויכ געקאָנט באליידיקנ פונ דעמ, וואָס פלוצעמ מישט זיכ ארײַנ זײַנ לערער, וועמענ ער האָט פארטיידיקט מיט אזא גלאנצ. ביז שפעט אינ אָוונט איז געגאנגענ דער שטרײַט אינ דער אלטער אאודיטאָריע, די צוהערער האָבנ זיכ אָפנ צעטיילט אפ צוויי לאַגערנ. צומ סאָפ האָבנ די פראָפעסאָרנ אונ דער קלער געמאָלדנ, אז ברונאָ איז באזיגט, אָבער דאָס האָט ארויסגערופנ א הויכנ געשריי אונ א טומל אפ די בענק פונ די סטודענטנ.

— ברונאָ האָט געזיגט! — האָבנ זיי געשריִענ.

ברונאָ איז ארויס פונ זאל בא די דאָזיקע געשרייענ. ער האָט ניט געדארפט האָבנ קיינ אָנערקענטנ ניצאָכנ. ער אליינ האָט זיכ געפילט פאר א זיגער. אונ דאָס האָט אימ שוינ צופרידנגעשטעלט: דער עמעס איז געווענ אפ זײַנ זײַט. זשאנ האָט אימ דעריאָגט באמ ארײַנגאנג אינ אוניווערסיטעט.

— נו, ווי? — האָט ער געפרעגט אומרויִק, קוים רירנדיק מיטן צונג פון מידקייט. — איך האָב אײַך גוט פאַרטיידיקט? איך האָב זיך אין ערגעץ ניט פאַרפּלאָנטערט?

ברונאָ האָט אים פעסט געדריקט די האַנט, די ווערטער זײַנען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

אין דעם מאָמענט האָט פון דער אאודיטאָריע א שאָט געטאָן א האַמוין, סטודענטן, מאָנאַכן, דאָקטערס, סטאַם נײַגעריקע.

— דאַכט זיך, איך האָב אַפּ אַלץ געענטפערט, ווי געהעריק, — האָט זשאַן געזאָגט, א בארויִקטער, — אָבער, נאַטירלעך...

ער איז פּלוצעם אַנשוויגן געוואָרן. ער האָט עפּעס מאָדנע אָפּ־געזיפצט און איז געפאַלן צו ברונאָס פיס. ברונאָן האָט זיך פּלוצעם באַוויזן ברודער אווגוסטינס פּאָנעם, באַוויזן זיך און איז פאַרשוווּנדן.

— געכאַלעשט פון מידקייט! — האָט עמעצער אויסגעשריִען פון די סטודענטן, ברונאָ האָט זיך גיך אײַנגעבויגן צו זשאַנען. זײַן האַנט איז אַרײַנגעפאַלן אין עפּעס א קלעפּיקע זאַך.

— בלוט! — האָט ער אויסגעשריִען. — בלוט! מע האָט אים דער־הארגעט. איך ווייס. דאָס האָט אים דערהארגעט א מאָנאַך. האַלט דעם מאָנאַך... דעם דאָמיניקאַנער.

אַן אומגעהייערער ליאַרעם האָט זיך אופגעהויבן אַרום. געשרייען פון צאָרן האָבן זיך צונויפגעמישט מיט שטימען פון צושטימונג.

שטייענדיק אַפּ די קני און צולייגנדיק דאָס אויער צו זשאַנס ברוסט, האָט ברונאָ געהערט, ציִ זשאַנס האַרץ קלאַפּט.

— ער לעבט! — האָט ער אויסגעשריִען. — גיכער א טראָג-בעטל, מע דאַרף אים אָפּטראָגן צו מאַריוסן. אַפן בריק סאַן מישעל.

מאַריוס האָט שנעל אָפּגעמינטערט העניקענען. זײַן וווּנד איז געווען ניט געפערלעך פאַרן לעבן.

ברונאָ האָט אים אָפּגעטראָגן זײַן בעט און אַליין האָט ער באַ־שלאָסן צו פאַרברענגען די נאַכט בא דער אַרבעט. ער האָט געוואָלט פאַרענדיקן גיכער דעם טראַקטאַט וועגן דער אָנענדלעכקייט פון דער וועלט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן נאָך אין ענגלאַנד. אָבער אים האָט זיך געאַרבעט שלעכט. דער אומזיניקער ברודער אווגוסטין איז אויווי געשטאַנען פאַר זײַנע אויגן. וויפל אַזוינע האַלב־אומזיניקע פאַר־ביטערטע פאַרטיידיקער פאַרמאָגט נאָך די אַלטע אַכזאָריעסדיקע קירך!

די נאַכט איז געווען א פינצטערע. אין אָפענעם פענצטער האָט געצויגן מיט פרישקייט. אינדערוויַיטנס האָט א בליץ געטאָן און עס האָט א שלאָג געטאָן א דונער. זשאַנ העגעקען איז געשלאָפן.

ברונאָ האָט זיך אָנגעשפּארט אָן דער פענצטער-ברעט און מיט פארגעניגן אונטערגעשטעלט זייַן פּאָנעם דעם ווינט. די בענקשאפט נאָך איטאַליע האָט אים ווידער פארקלעמט דאָס הארץ.

פּלוצעם האָט זיך אפן טייַך דערהערט א שטילער פּליעסק פון רודערס. ברונאָ איז ניט ווילנדיק אָפּגעטראָטן פון פענצטער, ווייַל ער האָט פארשטאנען, אז פון טייַך קאָן מען אים גוט זען אפן פאָן פונעם באלויכטענעם צימער. אים האָט איצט געשראָקן יעדער קלאנג. אפּאָנעם, ער איז פּאָשעט געווען צופיל פארמאטערט.

עפּעס האָט אים לייַכט א קלאפּ געטאָן אין פּלייצע. אפ דער פּאָדלאָגע איז אראָפּגעפאלן עפּעס א קליינע זאַך. דאָס איז געווען, ווייַזט אויס, א שטיין, איַינגעוויקלט אין א פּאפּירל.

ברונאָ האָט זיך שנעל איַינגעבוינגן, ער האָט פאנאנדערגעוויקלט און דורכגעלייענט א צעטעלע, וואָס איז געווען אָנגעשריבן אפ אי־טאליעניש. „אויב דזשאָרדאנאָ ברונאָ איז טייַער זייַן לעבן, דארפ ער טייקעפּ פארלאָזן פּאריזש".

די האנטשריפט איז געווען אומבאקאנט, אָבער דאָס איז, ווייַזט אויס, געווען א פרויענ־האנטשריפט און פונעם פּאפּירל האָט געשמעקט מיט פייַנעם און טייַערן פּארפום. ברונאָ האָט געכאפּט די ליכט; ער האָט ארויסגעשטעקט די האנט אין פענצטער און געוואָלט באלייַכטן דאָס פינצטערע וואסער. אָבער די צאנקענדיקע ליכט איז ניט דער־גאנגען צום וואסער, און דער פּליעסק פונעם רודער איז אנשוויגן געוואָרן אונטערן בריק.

האָט עס ניט קאטערינע מעדיטשי געראטן איר קאָמפּאטריאָט צו ראטעווען זייַן לעבן? די אייצע פון דער שרעקלעכער קיניגן האָט מען ניט געדארפט איגנאָרירן. שוינ-זשע וועט אים אויסקומען שטענ־דיק אזוי צו וואנדערן און וואָגלען? ווי נאריש! ווי אומגעלומפּערט! ברונאָ האָט באשלאָסן צו אנטלויפן קיין דייַטשלאנד.

III

ט״ל

1. סיניאָר מאָטשעניגאָ

אפנ גרויסנ ווענעציִאנער קאנאל זײַנענ געשווומענ רייענ גאָנדאָלעס, באשטראלטע פונ דער העלער זונ. די לאנגע שמאָלע שיפלעכ האָבנ זיכ לײַכט געגליטשט איבערנ וואסער, געהאָרכזאמע דעם רודער פונ׳ נעם גאָנדאָליער. אינמיטנ פונ דער גאָנדאָלע איז אײַנגעאָרדנט געוואָרנ א האלב־קײַלעכדיקער אָפדאכ, וואָס באשיצט פונ דער זונ. די פראכטפולע פאלאצנ, וואָס שײַנענ צו זײַנ לייכט, כאָטש זיי זײַנענ געבויט פונ מארמאָר, וואקסנ ארויס פונ בלויענ וואסער, וואָס שפיגלט אָפ זייערע רויטע אונ ראָזע ווענט. אינ אויבערשטנ שטאָק פונ יעדנ פאלאצ איז אײַנגעאָרדנט א טעראסע, אזוי ווי אויסגעשניטנ פונ מארמאָר. לײַכטע קאָלאָנעס שפארנ אונטער די געשניצטע ארקעס פונ דער טעראסע. אזוינע טעראסעס האָט מענ אינ ווענעציע אָנגערופנ לאָדזשעס. איצט זײַנענ אינ די לאָדזשעס געזעסנ באיאָרנטע פאטריציִער — די באוווסטע אײַנוווינער פונ ווענעציע, — אונ האָבנ זיכ צוגעקוקט צו די באוועגונגענ פונ די גאָנדאָלעס אפנ ברייטנ קאנאל.

דעמ טאָג האָבנ די אײַנוווינער פונ ווענעציע באטראכט דעם אָקאָרשט פארענדיקטנ בריק איבערנ גרויסנ קאנאל, וואָס איז אופגעבויט געוואָרנ אָנשטאָט דעמ אלטנ הילצערנעמ בריק, דער בריק האָט אפ איטאליעניש געהייסנ פאָנטע דע ריִאלטאָ (ריִאלטאָס בריק). קליינע בריקנ איז אינ ווענעציע געווענ זייער פיל — 378. זיי האָבנ פארייניקט די שמאָלע אריבערגענגנ, וואָס דינענ די אײַנוווינער פונ ווענעציע אלס גאסנ, אפ זיי קאָנענ זיכ פאנאנדערגייִנ ניט מער ווי 3-4 מאנ. ריִאלטאָס בריק איז געווענ זייער ברייט אונ פאר-

בויט מיט הײַזער, ווי דער בריק סאַנ מישעל אינ פּאַריזש. די ריש־טעוואַניעס זײַנענ נאָרוואָס אַראָפּגענומענע געוואָרנ, אונ דער בריק איז דערשינענ אינ זײַנ גאַנצער פּראַכט. די גאָנדאָלעס זײַנענ אַרונטערגעפּאָרנ אונטער זײַנ ברייטער מאַרמאָר־אַרקע, אונ די פּאַסאַזשירנ האָבנ געפּאַטשט מיט די הענט, אַנציקטע פונעמ קלאָרנ עכאָ, וואָס האָט עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט יעדנ פּאַטש. סאָפקאָלסאָפ האָט אונטער דער אַרקע אָנגעהויבנ קלינגענ אַ נאָכאַנאַנדיקער דונער פונ אַפּלאָדיסמענטנ, וואָס האָט אַמוזירט די שיפנדיקע אונ אויסגעדריקט זייער ליב דעמ בויער פונ בריק — דעמ אַרכיטעקטער אַנטאָניִאָ דאַ־פּאָנטע.

די וועניציִאַנער האָבנ זיכ געפרייט מיט דער נײַער באַצירונג פונ זייער שטאָט: אינ יענע צײַטנ האָבנ זיי זייער ליב געהאַט זייער שטאָט אונ האָבנ זיכ שטאַרק איבערגענומענ מיט איר.

ווירקלעכ, איז דאָס דענ ניט קײנ וווּנדערבאַרע שטאָט? אויפגעבויט צווישנ וואַסער, אַרומגערינגלט מיט וואַסער, אַ שטאָט, וווּ עס איז ניטאָ קײנ פערד, קײנ איינ עקיפּאַזש. אָדער מע גייט צופוס מיט די שמאָלע, קרומע הינטער־הויפנ, אָדער מע זעצט זיכ אינ אַ לאַנג שיפל אונ מע שיפט זיכ איבער די שמאָלע קאַנאַלנ צונויפגעפלאָנטערטע ווי אינ אַ לאַבירינט, וואָס אָריִענטירנ זיכ אינ זיי קאָנ נאָר אַ גאָנדאָליער. 157 קאַנאַלנ! קײנ שומ טראָטואַרנ איז ניטאָ. די טרעפּלעכ פונעמ גאַנעק פירנ גלײַכ אינ וואַסער אַרײַנ. בײַ יעדנ גאַנעק זײַנענ פאַראַנ סלופּעס, צו וועלכע מע בינדט צו די גאָנדאָלעס.

וועניציע איז אויסגעוואַקסנ פונ פישער־דערפלעכ. זאַלצ אונ פיש — דאָס זײַנענ געווענ די ערשטע סכוירעס, מיט וועלכע די אײַנוווינער פונ וועניציע האָבנ אַמאָל (נאָכ אינ V אונ VI יאָרהונדערט) אָנגעהויבנ האַנדלענ. ביסלעכווײַז האָט די שטאָט גענומענ רײַכער ווערנ, אַדאַנק איר לאַגע אפנ גרויסנ וועג פונ מײַרעוו קײנ מיזרעכ. דורכ וועניציע איז געגאַנגענ דער האַנדל מיט דאַלמאַציע, מיט איסטריִע, מיט טערקײַ אונ אַפילע מיט אינדיע. די קרייצ־צוגנ האָבנ אויכ ניט ווייניק מיטגעהאָלפנ צו באַרײַכערנ וועניציע, ווײַל די אײַנוווינער פונ וועניציע פלעגנ געבנ די קרייצ־צוגלער זייער וואַסער־טראַנספּאָרט. צומ XIV יאָרהונדערט איז דער פלאָט פונ וועניציע געוואָרנ אויסערסט מעכטיק. וועניציע האָט מאָנאָפּאָליסטיש געהערשט אפנ גאַנצנ מיטללענדישנ יאַמ. די רעפּובליק פונ וועניציע

האָט געהאַט 3345 האַנדל־שיפֿן, 36 טויזנט מאַטראָסן און 16000 שיפֿ־ אַרבעטער — אַ קאָלאָסאַלע ציפֿער פֿאַר יענער צײַט. ניט אומזיסט פֿלעגט דער הויפּט פֿון ווענעציע — דער דאָזש — אַרויספֿאָרן יעדן יאָר, דעם טאָג פֿון קריסטלעכן יאָנטעוו הימלפֿאַרט, אין יאַם אַרײַן אַף דער לוקסוסדיקער באַגילדעטער שיף „בוצענטאַווער” און פֿלעגט באַ אַ פֿײַערלעכער צערעמאָניע וואַרפֿן אין וואַסער אַרײַן אַ רינג. דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז ווענעציע פֿירט פֿרײַנטשאַפֿט מיטן יאַם.

אין ווענעציע פֿלעגט אויסגעאַרבעט ווערן זעלטענע גלאָז און אַלערליי גלאָז־ווערק. די אויסלענדער פֿלעגן זיך ווונדערן, וואָס אין ווענעציע האָבן אַפֿילע די סאַמע אָרעמע הײַזלעך גלעזערנע שויבן. אין יענע צײַטן פֿלעגט געוויינלעך אָנשטאָט גלאָז דינען אַ פֿענצער פֿון אַן אָקס אָדער אַ באַוועקסטע טיול. די ווענעציאַנער גלעזערנע זאַ־ גערס און וואַזעס האָבן געהאַט אַ שעם אין דער גאַנצער וועלט. פֿון מיזרעך, ווידער, פֿלעגט מען פֿירן קיין ווענעציע אַלערליי געווירצן, איידל־שטיינער, געוועבן.

ווענעציע האָט שטאָלצירט מיט איר רײַכקײַט און לוקסוס.

אָבער אָט האָבן די טערקן אין יאָר 1453 אײַנגענומען קאָנסטאַנטי־ נאָפּאָל, און דאָס האָט שווער געמאַכט דעם האַנדל מיט מיזרעך. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט דער פּאָרטוגאַלער נאַוויגאַטער דיאַס אַרום־ געשווומען דעם קאַפּ פֿון גוטער האָפֿענונג אין דאָרעם־אַפֿריקע און האָט אַנט־ דעקט דעם יאַם־וועג קיין אינדיע. דאָס האָט געגעבן דעם לעצטן קלאַפּ דעם ווענעציאַנער האַנדל. ווענעציע איז געבליבן אָן אַ זײַט פֿונעם גרויסן האַנדל־וועג. אָבער די אָנגעזאַמלטע רײַכטימער אירע זײַנען געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס פֿאַלן פֿון איר מאַכט האָט זיך נאָך ניט אָפּגעשפּיגלט אַפֿן לעבן פֿון דער שטאָט. אין XVI יאָר־ הונדערט האָט באַזונדערס רײַך אויפֿגעבליט אין ווענעציע די קונסט. עס האָבן זיך באַוויזן מערקווערטיקע קינסטלער: טיציאַן, טינטאָרעטאָ, וועראָנעז. אין דער זעלבער צײַט איז דאָס לוקסוס־לעבן פֿון די פּאַ־ טריציער דערגאַנגען צו דער העכסטער מאַדרייגע. זיי האָבן געוווינט אין קאָלאָסאַלע פּאַלאַצן, אַרומגערינגלטע מיט צאָלרײַכע דינער, פּאַזשן, ווינער, הויז־מעכאַשפֿים און שטערן־זעער — אַסטראָלאָגן. זיי פֿלעגן אויסנוצן יעדע געלעגנהײַט צו מאַכן אַ יאָנטעוו. אָט איצט האָבן זיי לוסטיק זיך געשיפֿט אַפֿן קאַנאַל, גלאַנצנדיק מיט זייערע טײַערע קליידער און מיט דער באַפּוצונג פֿון די גאָנדאָלעס. דער באַרימטער

גוויר מאָנטעבעלאָ האָט באַפּוצט דעם אָפּדאַך פון דער גאָנדאָלע מיט הענגעלעך פון שמאַראַגדן און רובינען. ער איז געלעגן אויפן ווייסן האַרמל־פּעלץ, געבראַכט פון מאָסקווע; געקליידעט איז ער געווען אין בראָקאַט און אין זיידנס, און געשפּילט מיט דער גראָבער ניי־דערנער קייט, וואָס האָט באַפּוצט זיין ברוסט.

— דזשאָוואַני! — האָט ער פּלוצעם אויסגעשריִען, ווען ער האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט אַן אַנדער גאָנדאָלע. היי, סיניאָר מאָטשע־ניגאָ!

דער יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן אין דער גאָנדאָלע און גע־לייענט אַ גראָבן בוך, האָט אופגעהויבן זיין קאָפּ, צעשטרייט אַ קוק געטאָן אין אַלע זייטן און זיך ווידער פאַרטיפט אין לייענען.

דזשאָוואַני! — האָט מאָנטעבעלאָ ווידער אויסגעשריִען. — וואַרף אַוועק לייענען. קיינער וועט סיידוי ניט גלייבן, אַז דו האָסט אַזוי ליב דיין געלערנטקייט. ווען דו וואָלסט זי ליב געהאַט, וואָלסטו גע־זעסן בא זיך אין צימער און וואָלסט זיך ניט אַרומגעשלעפּט אויפן גרויסן קאַנאַל צווישן די פּילע גאָנדאָלעס. דער, וואָס שטעלט אַרויס צום באַווייז זיינע מייסים, דער האָט זיי ניט איבעריקס ליב.

מאָנטעבעלאָ האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, וואָס ער האָט אַרויס־געזאָגט אַזאַ קלוגן געדאַנק.

דזשאָוואַני מאָטשעניגאָ איז רויט געוואָרן און האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ.

— איך אָטעם מיט פרישער לופט און איך לייען. איז דאָס שלעכט?

— דעמלט פאָר אין דער לאַגונע, ווו קיינער איז ניטאָ. דו, דזשאָוואַני, באַרימסט זיך, וואָס דו לייענסט אַזוינע גראָבע ביכער. דו נעמסט זיך נאָך איבער מיט דיין געלערנטקייט! דאָס איז נאַריש!

— נאָך נאַרישער איז אויסהענגען צום באַווייז איידל־שטיינער און זיידנס.

— ניט עמעס! איך פאַרשאַף מיט דעם אַלעמען פאַרגעניגן. גיב אַ קוק, ווי זיי פינקלען אויף דער זון. איז עס דען ניט שיין? און פון דיין בוך ווער קאָן האָבן הנאה?

— דו באַרימסט זיך פאָשעט מיט דיין רייכקייט... דו ווילסט דערווייזן, אַז דו ביסט רייכער פאַר אַלעמען... אָבער אַ גייציקער קאָן גרינג רייך ווערן...

— דאָס בין איך גייציק?
מאַנטעבעלאָ איז רויט געוואָרן און האָט זיך מיט ביטל צעלאַכט.
פון די דערבייַיקע גאָנדאָלעס האָבן פּאַטריציִער זיך צוגעהערט לאַכנדיק צום שטרייַט. איינע אַ גאָלדהאָריקע שיינהייַט האָט באַזונ־דערס הויך געלאַכט. מע האָט געזאָגט, אַז מאַנטעבעלע איז אין איר פֿאַרליבט.
דער יונגער גוויר איז אין קאַס געוואָרן. ער האָט זיך אופגע־הויבן, אַראָפּגעריסן פון דאַך איינע רובינען־הענגל, אים צעבראָכן אין די הענט. אַלע אַרום זייַנען דערשטוינט געוואָרן. ער האָט אַ שלײַ־דער געטאָן אינדערלופטן אַ גאַנצן הויפן קאָלאָסאַלע העל-רויטע שטיי-נער. זיי האָבן אַ פינקל געטאָן אַף דער זון, ווי טראָפּנס בלוט, און ווי אַ פּראַכטפולער פייַערדיקער רעגן זייַנען זיי אַרייַנגעפאַלן אין וואַסער. עס האָט זיך דערהערט אַ לייַכטער פּליעסק, און קרייַזן האָבן גענומען לויפן אַפן וואַסער אין אַלע זייַטן.
— מעשוגענער! — — האָט אַ געשריי געטאָן עפּעס אַ סאָלידער גרויער סענאַטער.
די שיינהייַט האָט גענומען אַפּלאָדירן, מאַנטעבעלאָ האָט אַראָפּ-געריסן דעם שמאַראַגד־הענגל, און אַ גרין־פייַערדיקער פאָנטאַן האָט זיך אַזויווי צעשפּריצט איבערן קאַנאַל.
— נו, אָט! — האָט מאַנטעבעלאָ אויסגעשריִען אַרויסרופעריש. — איך האָב דערוויזן, אַז איך בין ניט גייַציק. און ווי וועסטו דער־ווייַזן, אַז דו שלעפּסט מיט זיך דעם פודיקן בוך ניט צוליב באַ־רימערייַ?
— דערמיט, וואָס איך וועל אים לייענען ווייַטער, ניט קוקנ־דיק אַף דייַנע נאַרישע שטיק, — האָט מאַטשעניגאָ געענטפערט מיט קאַס און עפּעס געזאָגט צו זייַן גאָנדאָליער.
דער גאָנדאָליער האָט עטוואָס שטאַרקער אַ ריר געטאָן דעם רודער, דער פאַרנט פון דער גאָנדאָלע האָט זיך אַ קער געטאָן; פלינק זיך דורכגעגליטשט צווישן אַנדערע שיפלעך, איז די גאָנדאָ־לע פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטערן ראָג אַפן שמאָלן, טונקעלן קאַנאַל. דער אויסברוך פון געלעכטער, וואָס האָט זיך דערהערט פון הינטן, איז דערטרונקען געוואָרן אין דער טויט־שטילקייַט פונעם זייַטיקן קאַ־נאַל, וווּ ס'איז ניט געווען קיין זון און ניט קיין גלאַנץ פון די מאַרמאָר־פּאַלאַצן. צווישן די אָפּגעקראָכענע הויכע הייַזער מיט

גרינע לאָדנס אַף די פענצטער האָט געשמעקט מיט פּוילעכצ און מיט נעצ. דער בלויער הימל האָט זיך געצויגן פון אויבן, ווי א פּאס. ס'איז אפילו קיל געוואָרן, און דזשאָוואַני האָט זיך ארופגעוואָרפן אַף די פּלייצעס א בלויען רעגנמאַנטל מיט א פוטער פון אונטן.

— צו טשאָטאָס געוועלב, — האָט מאָטשעניגאָ געזאָגט דעם גאָנדאָליער.

דער גאָנדאָליער האָט שטילשווייַגנדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געגעבן א געשריי, ווי דאָס טוען אין ווענעציע די רודערער, ווען זיי פארקערעווען אונטער א ראָג, קעדיי ניט צו־נויפשטויסן זיך מיט אַן אנדער גאָנדאָלע. זיי האָבן פארקערעוועט אין נאָך א שמאָלערן קאַנאַל, זיי זייַנען דורכגעשוווּמען אונטער עטלעכע קליינע בריקעלעך און צולעצט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט בא די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן צום פּלאַצ, פון וועלכן עס גייען זיך פאַנאַנדער שמאָלע געסעלעך.

אַף איינס אזא געסל איז אוועק מאַטשעניגאָ.

דורכגעגאַנגען דאָס געסעלע, ווו די שריט קלינגען הילכיק צווישן די הויכע ווענט, איז ער ארויס אַף א ברייטער גאַס, ווו עס האָבן זיך געצויגן לענגויס די קלייטן פון געלט־בייַטער, גאָלדשמידן, קיילים־הענדלער, בוכהענדלער. ער איז ארייַן אין א האלב־פינצטע־רער קלייט. איבער דער טיר איז געהאַנגען אַן אויפשריפט: „בוכ־האַנדלונג פון טשיאָטאָ און בריטאַנאָ” און ווו עס האָט געשמעקט מיט ביכער און פארב.

א מענטש איז געזעסן בא א נידעריק טישל און האָט גע־מאָלט אַף פארמעט עפּעס א זייער קאָמפּליצירטן געמעל. ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך פארנייגט מיט אכטונג, אָנווייַזנדיק אין דער זעלבער צייַט אַף א פאָטעל.

— איך באגריס דעם רומפולן סיניאָר מאָטשעניגאָ, — האָט ער געזאָגט מיט א זיסער שטים, — דעם סאמע געלערנטן מענטשן אין ווענעציע... ניין, אין איטאַליע, ניין, אין איירָאָפּע.

— איר טרייַבט איבער, טשיאָטאָ, — האָט געזאָגט מאָטשעניגאָ. ער איז רויט געוואָרן פון פארגעניגן און האָט זיך צוגעזעצט אין פאָטעל.

אין זייַדענע בלויע זאָקן, אין פאַנטאָפל מיט פערל־שנאַלן, אין א גאָלד־געהעפטן קאַמזויל און אין א סאַמעטענעם מיט גאָלד בא־פוצטן בערעט איז ער געווען קנאַפּ ענלעך אַף א געלערנטן,

און צווישן די ביכער און מאַנוסקריפּטן, מיט וועלכע עס איז גע־וווען פול געפּאַקט די קלייט, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פּאָפּוגײַ, וואָס איז צופעליק אַרײַנגעפלויגן אין ביבליאָטעק.

— אָ, ניין, איך טרײַב ניט איבער, — האָט געזאָגט טשיאָטאָ. — איך קען דאָך די געלערנטע, איך קאָן זיי פאַרגלײַכן און אָפּשאַצן... איך רייד ניט וועגן די אַלטע, אָבער צווישן די מענטשן פון אונדזער עלטער, סיניאָר מאָטשעניגאָ, זײַט איר אָן ספק דער סאַמע אויפגעקלערטער... איך קען איצט בלויז איינעם, וואָס וואָלט עפּשער געקאָנט זיך אויסגלײַכן מיט אײַך. מיט אים האָב איך ניט לאַנג געהאַט דעם פאַרגעניגן צו באַקענען זיך אין דער דײַטשישער שטאָט פראַנקפורט.

— ווער איז דאָס? — האָט מאָטשעניגאָ געפרעגט פאַרינטערעסירט.

— דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, — האָט געענטפערט טשיאָטאָ, אַראָפּנעמענדיק פון דער פּאָליצע עטלעכע ביכער. — דאָס איז זײַנע לעצטע ווערק.

— איר האָט געזען ברונאָן? — האָט אויסגעשריִען מאָטשעניגאָ מיט אַ לעבהאַפטן אינטערעס. — דעם באַרימטן דזשאָרדאַנאָ ברונאָ?

— איך האָב אים ניט נאָר געזען, נאָר איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגן צו שמועסן יעדן טאָג מיט אים און איך קאָן זאָגן מיט שטאָלץ, אַז ווען ניט איך, וואָלט אָט דאָס פּראַכטפולע ווערק ניט דערזען דעם דרוק-פרעס.

מאָטשעניגאָ האָט מיט נײַגעריקײַט גענומען דעם בוך.

— „וועגן דער דרײַאַרטיקער קלענסטער גרייס", — האָט ער דורכגעלייענט דעם נאָמען פון בוך.

— דאָס איז גאָר אַ קלוגער בוך, — האָט געזאָגט טשיאָטאָ, — אַ שווערער בוך צום פאַרשטיין, אָבער ניט פאַר אײַך, נאַטירלעך, נאָר פאַר אַמעראַצים.

ווען דזשאָוואַני וואָלט געווען קליגער, וואָלט ער פאַרשטאַנען דעם כויזעק, וואָס שטעקט אין די ווערטער. אָבער דזשאָוואַני איז ניט געווען קלוג. ער האָט געוואָלט, מע זאָל אים האַלטן פאַר קלוג, ער האָט געטרוימט וועגן וויסנשאַפטלעכער באַרימטקײַט, קלאָר ניט ליב האָבנדיק די וויסנשאַפט. מאָנטעבעלאָ איז געווען פולקום גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז מאָטשעניגאָ איז אַרויסגעפאָרן מיט אַ בוך, קעדיי צו באַרימען זיך מיט זײַן געלערנטקײַט. ער האָט אַפילע ניט פאַרשטאַנען דעם גרעסטן טייל ביכער, וואָס ער האָט געלייענט.

איצט, ווען ער האָט דורכגעלייענט די ערשטע זײַט פון ברונאָס ווערק, האָט ער אויך גאָרנישט ניט פארשטאנען, אָבער ער האָט נאָך מער זיך אײַנגעגלייבט אין דער געלערנטקײַט פונעם בארימטן יאָלאנער. טשיאָטאָ האָט מיט א שמייכעלע געקוקט אפן פראנטעוואטן „געלערנטן", אָבער ווי נאָר דזשאָוואני האָט אופגעהויבן זײַן קאָפּ, איז דאָס שמייכעלע גלײַך פארשווונדן פון דעם בוכהענדלערס געזיכט.

— איך פארנייג זיך פאר די קלוגע לײַט, וואָס זײַנען פייִק צו לייענען אזוינע ביכער! — האָט ער אויסגעשריִען מיט אנציקונג. — איך, לעמאָשל, פארשטיי גאָרנישט אין די סוידעס פון דער דאָזיקער פילאָזאָפיע.

דזשאָוואני האָט א שמייכל געטאָן פון אויבן אראָפּ און געמאכט א וואזשנעם אָנשטעל.

— יאָ, דאָס איז ניט אזוי פּאָשעט, — האָט ער ארויסגערעדט.

ער האָט גענומען א צווייטן בוך, ברונאָס א קליינעם טראקטאט, און האָט אים געעפנט. ער האָט אָנגעטראָפן אפּ אזא פראזע: „אָ אומגליקלעכע מענטשן, וואָס זוכן דעם גאנצן לעבן כאָכמע, וואָס פארלאָזן צוליב איר זייער היים און זייער געבורטלאנד, שווימען אריבער איבער אָקעאנען, גייען אריבער בערג, מידבאָריעס, אין הונגער, נויט און שלאָפלאָזע נעכט!"

— יאָ, ער בענקט טאקע נאָכן פאָטערלאנד, — האָט טשיאָטאָ געזאָגט, ווען ער האָט באמערקט, וואָס פאר אן אָרט אין בוך מאָטשעניגאָ לייענט. — אָבער ער טאָר, דאכט זיך, ניט אומקערן זיך אהערצו.

— פארוואָס?

— דער פּויפּסט האָט אים ארײַנגעוואָרפן אין כיירעם. ער איז אן אפּיקוירעס.

דזשאָוואני מאָטשעניגאָ האָט אופגעציטערט און האָט גיך אוועקגעלייגט די ביכער אפן טיש, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט די הענט.

— וואָס איז מיטן סיניאָר? — האָט טשיאָטאָ געפרעגט מיט א געמאכטן ווונדער, כאָטש ער האָט אויסגעצייכנט פארשטאנען, אז דער אָבערגלויבערישער ווענעציאנער האָט זיך דערשראָקן פאר אן אווירע.

דזשאָוואני איז געווען זייער רעליגיעז און אָבערגלויבעריש, אָבער ער האָט זיך געשעמט ארויסצווײַזן דאָס, ווײַל געלערנטע מענטשן זײַנען געוויינלעך געווען פרײַדענקער.

— מיט מיר איז גאָר גאָרניט! — האָט ער שטרענג געזאָגט. — זאָגט, טשיאָטאָ, ברונאָ ווייס א סאך געהיימע וויסנשאפטן?

— אָ, ער ווייסט אלע וויסנשאפטן... איבריקנס, ווייסט איר אויך אלע...

— ווי באציט ער זיך... צו אלכימיע?

— איך בין זיכער, אז אויב עמעצער וועט געפינען דעם סאָד, ווי צו מאכן גאָלד, וועט דאָס זיין טאקע ברונאָ... אָדער איר, סיניאָר.

— הם! טאקע אזוי...

— און איך בין זיכער, אז ער קאָן פאָרויסזאָגן די צוקונפט נאָך די שטערן. ער לייענט אין הימל, ווי אין א בוך... מיסטאמע פונקט אזוי, ווי איר, סיניאָר.

— איך אינטערעסיר זיך דעריקער מיט פילאָסאָפיע...

— איר וועט באפוילן צושיקן אייך די ביכער, סיניאָר?

מאָטשעניגאָ איז רויט געוואָרן.

— אויב איך וועל זיי דארפן, וועל איך אליין שיקן נאָך זיי מאָרגן.

— פאראן אויך די ווערק פון אגריפּוס נעטעסהיים. — טשיאָטאָ האָט גענומען ריידן שטילער. — עראזמס און רייכלינס טראקטאטן.

— איך האָב דאָס אלץ געלייענט, — האָט מאָטשעניגאָ שנעל ארויסגערעדט, ניט צורירנדיק זיך צו די „אפּיקאָרסישע" ביכער. — מאָרגן וועל איך אייך זאָגן, טשיאָטאָ, וואָס איך וועל בא אייך קויפן...

ער האָט איבערגעקוקט נאָך עטלעכע ביכער און מאנוסקריפּטן און האָט פארלאָזן די קלייט. טשיאָטאָ האָט זיך פאר אים אזוי נידעריק פארנייגט, אז יעדער אפ זיין אָרט וואָלט דאָס אָנגענומען פאר אָפּע־נעם כויזעק.

אָבער דזשאָוואַני מאָטשעניגאָ האָט לייכט געגלייבט אין כניפע זעלבסטצופרידן איז ער דורכגעגאנגען איבער דער גאס, מיי־נענדיק, אז ער איז א גרויסער געלערנטער. ער איז אראָפּ פון די טרעפּ און האָט זיך געזעצט אין א גאָנדאָלע, וואָס איז זיך וויגנדיק אָפּ־געשווומען פון ברעג.

ער האָט געהייסן דעם גאָנדאָליער לאָזן דאָס שיפל פאָרן צו זיין גייסטלעכן פאָטער בארטאָלאָמעאָ.

עס האָט שוינ געהאלטנ בא אָונט. אינ די פענצטער האָבנ זיך באוויזנ פייַערלעך. ווייַט אפ דער לאגונע האָבנ געקלונגענ סערע-נאדעס.

II. הייליקע נעצנ

פאָטער בארטאָלאָמעאָ האָט געווינט בא דער אבאטשאפט מיזע-ריקאָרדיִא. פונ זייַנ צימער-פענצטער האָט מענ געקאָנט זענ דעם אינדזל זשוארנאָ מיט די בארימטע גלאָז-פאבריקנ. אינדערווייַטנס האָבנ זיך געזענ די שניי-אלפנ.

פאָטער בארטאָלאָמעאָ איז געווענ א קליינוווקסיקער גאלעך מיט אומגעוויינלעך שארפע אויגנ, א רויִקער, מיט ווייכע באוועגונגענ, ווי בא א קאצ. ער האָט אלצ געטאָנ שטיל: געגאנגענ שטיל, געאָטעמט שטיל, געגעסנ, שטיל געבלעטערט א בוך. ער איז ענלעך געווענ אפ א געשפענסט. מאָטשעניגאָ וואָלט זיך גאָרניט געוווּנדערט, ווענ פאָטער בארטאָלאָמעאָ וואָלט פלוצעמ דורכגעגאנגענ דורך א שטיינערנער וואנט, אָדער ווענ ער וואָלט זיך אופגעהויבנ אינדערלופטנ. זייַנ שטימ איז געווענ ווייך אונ שטיל, כאָטש ער פלעגט ריידנ זייער דייַטלעך.

— נאטירלעך, איז א גרויסע אווירע צו לייענענ אפיקאָרסישע ביכער, — האָט ער געזאָגט, — אָבער, מייַנ זונ, איר האָט דאָך אי-בערגעלייענט סאכאקל עטלעכע זייַטנ אונ אכוצ דעמ האָט איר ניט געוווּסט, אז דער הייליקער פאָטער האָט דזשאָרדאנאָ ברונאָנ ארייַנ-געלייגט אינ כיירעמ.

— יאָ, איך האָב דאָס ניט געוווּסט, ריכטיקער, איך האָב פאר-געסנ, אָבער... — מאָטשעניגאָ האָט זיך פארהעקעט, — אָבער איך האָב געהאט אינ זינענ א שלעכטע קאוואָנע.

דער אבאט האָט אופגעהויבנ די ברעמענ.

— א שלעכטע קאוואָנע, מייַנ זונ?

— איך האָב געוואָלט אייַנלאדנ ברונאָנ אהערצו, צו זיך קיינ ווענעציע, קעדיי ער זאָל מיך אויסלערנענ די וויסנשאפט, וואָס ער וויים. טשיאָטאָ האָט מיר געזאָגט, אז ער בענקט שטארק נאָך איטאליע; מעגלעך, אז ער וואָלט עפשער אייַנגעשטימט אפ אזא פאָרשלאָג, ווענ איך זאָל אימ צוזאָגנ זיכערקייַט... אָבער דאָס איז דאָך אנ אווירע, פאָטער.

פּאָטער באַרטאָלאָמעאָ האָט אַראָפּגעלאָזן זײַנע שוואַרצע סאַמעט-אויגן און זיך פאַרטראַכט.

— ניין, דאָס איז עפּשער ניט אַזוי גרויסע אַוועירע, — האָט ער געזאָגט צולעצט. — ווײַל דאָס זײַנען מיט אײַך וואָלט, מעגלעך, גע-ווירקט צום גוטן אויף ברונאָ. סאָפּקאָלסאָפּ האַלט איך אים ניט פאַר אַזאַ פאַרפאַלענעם זינדיקער. אומקערן אים אין שויס פון דער קירך וואָלט געווען זייער געווונטשן. מעגלעך, אַז דאָס הימלאַנד וועט מילדערן זײַנע פאַרהאַרטעוועטע זינדיק הארץ. און ער וועט טשוווע טאָן. דעמלט, נאַטירלעך, וועט אים די קירך מוחל זײַן, ווײַל גאָטס באַ-רעמהאַרציקייט האָט קיין גרענעץ ניט.

— אַזוי, אַז איר האַלט, פּאָטער, אַז איך קאָן אַרויסרופן ברונאָן, ער זאָל וווינען בײַ מיר אין פּאַלאַץ און לערנען מיך זײַנע וויסנ-שאַפטן ?..

— נאַטירלעך, בײַ דעם טנאַי, אַז איך וועל אַלץ וויסן.

— פּאָטער! קאָנט איר דען דערין צווייפלען?

— ניין, זון מײַנער, איך ווייס אײַער אײפער.

באַקומען אַ בראָכע, איז מאָטשעניגאָ אַרויס פונעם פּאָטער באַר-טאָלאָמעאָ. פּאָטער באַרטאָלאָמעאָ האָט אָפּגעוואַרט ביזוואַנען די טריט פונעם יונגנמאַן זײַנע אַנשוויגן געוואָרן אויף די טרעפּ. דעמלט האָט ער אַ רײַב געטאָן זײַנע ווייכע הענטעלעך, און זײַנע שוואַרצע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן, ווי בײַ אַ וואָלף.

— זאָל ער קומען צופאָרן קיין ווענעציע, — האָט ער אויסגעמורמלט.

נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען פון אַלמער ברונאָס ביכער, וואָס ער האָט געקויפט, אָפּגענומען, בײַ דעם זעלבן טשיאָטאָ. ער האָט גע-עפנט איינעם פון זיי, אײַנגעאָנצן פול מיט נאָטיצן אויפן ראַנד, און האָט דורכגעלייענט פאָלגנדיקע פראַזע: „יעדער, נעבן וועמען עס שטייט די באַוואָפנטע געטין פון כאָכמע, דאַרף זיך ניט האַלטן פאַר שוצלאָז, אויב עס האַנדלט זיך וועגן באַזײַטיקן מיט כאָכמע אָדער באַזיגן מיט געדולד דאָס, וואָס דער גורל שיקט אונדז צו. אייגנט-לעך איז דעם מענטשנס לעבן אויף דער ערד ניט מער ווי אַ מיל-כאָמע. דער מענטש דאַרף שלאָגן די נידערטרעכטיקײַט פון די ליידיק-גייער, אײַנצוימען די פרעכקײַט און אויסמײַדן קלעפּ“.

די ווערטער „די געטין פון כאָכמע“ האָט דער אַבאַט אונטער-געשטראָכן מיטן נאָגל דרײַ מאָל.

— מ׳ירן זען, צי דײַן געט׳ין וועט דיך באשיצן, — האָט ער א שושקע געטאָן. ער האָט געקוקט אף די קאָנטורן פון די אלפּן, וואָס האָבן געשימערירט אינדערווײַטן, ווו דזשאָרדאנאָ ברונאָ האָט זיך נאָך דערווײַל אײַנגעפונען.

כאָטש עס איז געווען שפּעט, האָט זיך מאָטשעניגאָ געלאָזט גיין צו טשיאָטאָ. טשיאָטאָ האָט דעמלט גראָד געהאלטן אין פאַרשפּארן זײַן קלייט מיט א גרויסן שווערן שלאָס.

מאָטשעניגאָ האָט זיך לאנג געשושקעט מיטן בוכהענדלער, יענער האָט געמורמלט: „יאָ, סיניאָר", און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווען פאָרט איר קיין פראנקפורט? — האָט מאָטשעניגאָ געפרעגט צום שלוס.

— אין פינף-זעקס טעג ארום.

— אויסגעצייכנט. איך כאזער נאָכאמאָל איבער, זאָל ער זיך ניט באומרויִקן, אין ווענעציע, בא מיר, האָט ער ניט וואָס מוירע צו האָבן.

טשיאָטאָ האָט זיך נידעריק פארנייגט.

מאָטשעניגאָ האָט זיך אוועקגעשיפט אין דער גאָנדאָלע איבערן גרויסן קאנאל, אײַנהילנדיק זיך אין זײַן פוטער און קוקנדיק אף די באלויכטענע פענצטער פון די הויפן. פאר מאָנטעבעלאָס פּאלאץ איז זיך צונויפגעקומען א סאך לײדיקע גאָנדאָלעס. צוגעבונדענע צו די פילפארביקע סלופּיקעס, האָבן זיי זיך שטיל געריבן איינע אָן דער אנדערער מיט זייערע זײַטן. אין די העל באלויכטענע פענצטער האָבן געשימערירט שאָטנס פון טאנצנדיקע לוסטיקע געסט. עס האָט געדונערט מוזיק. ס׳האָבן זיך געהערט לוסטיקע לידער. די גאָנדאָליערן זײַנען געשלאָפן, ווארטנדיק אף זייערע הערן.

מאָטשעניגאָ האָט געטרוימט וועגן דעם, וויאַזוי ער וועט געפינען ענדלעך מיט ברונאָס הילף דעם סאָד, ווי צו מאכן גאָלד, ווי ער וועט בארימט ווערן אף דער גאנצער וועלט, און דעמלט וועלן אלע אין ווענעציע האלטן פאר א קאָוועד אופצונעמען אים בא זיך, אלע וועלן שטאָלצירן מיט דער פרײַנטשאפט מיטן גרויסן געלערנטן דזשאָוואני מאָטשעניגאָ. און די גאָלדהאָריקע שיינהײַט, וואָס איז הײַנט אנציקט געוואָרן פון מאָנטעבעלאָס מעשוגאס, וועט דעמלט כאראָטע האָבן, וואָס זי האָט ניט געשענקט איר שמייכל דזשאָוואני מאָטשעניגאָ. אָבער דעמלט וועט שוין זײַן שפּעט...

די גאַנדאַלע איז צוגעשווומען צו א פּאַלאַץ, ווו נאָר איין פענצ־טער איז געווען באַלויכטן. דער דינער האָט געהאָלפן זיין הער ארויסגיין פון דער גאָנדאָלע. ער האָט אָנגעצונדן אין פאָדער־צימער א קאנדעליאבער מיט ליכט פון ראָזער וואקס און האָט אים געפירט דורך די ליידיקע זאלן פון פאַלאַץ אין קאבינעט, ווו עס האָבן גע־ברענט פונקט אזוינע גילדערנע קאנדעליאבערס, באשטראלנדיק הונ־דערטער גראָבע און דינע, גרויסע און קליינע ביכער. מאַטשעניגאָ האָט זיך טייקעף געזעצט צום טיש און אופגעעפנט דעם בוך. דער דינער איז מיט גרויס אכטונג ארויס אף די ציפקעס.

אין פינף מינוט ארום האָבן זיך אים גענומען קלעפן די אויגן, ער האָט זיך עטלעכע מאָל אויסגעגענעצט, און צולעצט, ניט האָבנדיק קיין קויעך ביישטיין קעגן דעם שלאָף, האָט ער צוגעלייגט זיך אפן געלעגער, וואָס איז באדעקט מיט א ווייכן טי־גער־פעל.

אין אָפענעם פענצטער האָט זיך געגאָסן דער אראָמאט פון יאַם, פון די קאנאלן האָבן זיך געטראָגן סערענאדעס, דער געלעכטער פון די נאכט־הוליאקעס — עס האָט אופגעוואכט די באנאכטיקע ווענעציע.

אָט די לידער און אָט דער יאַם־אראָמאט האָבן זיך איצט אוואדע געכאַלעמט ברונאָן אין דער ווייטער לאנגווייליקער שטאָט פראנקפורט.

הייליקע נעצן זיינען געווען פאנאנדערגעשטעלט, און האָבן גע־וואַרט אף רויב.

אין עטלעכע טעג ארום איז דער בוכהענדלער טשיאָטאָ ארויס־געפאָרן קיין פראנקפורט.

III. „געווידמעט זיין הייליקייט"

ס'איז געגאנגען צום אָוונט. דער האלב־טונקל איז געוואָרן גע־דיכטער אין דעם קליינעם צימערל, וואָס איז געווען פארוואלגערט מיט ביכער, מאנוסקריפּטן, צייכענונגען. פון פענצטער האָבן זיך געזען די שפּיציקע דעכער, גאָאָק־טורעמס און טורעמס פון דער אלטער שטאָט

פראַנקפורט. מע האָט געהערט, ווי די שיפער פון די שיפלעך האָבן זיך געזידלט אפן טײַך מײַן.

דזשאָרדאַנאָ ברונאָ איז שנעל געגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער, און טשיאָטאָ איז געזעסן אײַנגעהויקערט אין טיפן לעדערנעם פאָטעל, קוקנדיק מיט טרויער אף אָט דעם נאָך יונגן געלערנטן, וועמען ער, טשיאָטאָ, וואָס האָט געקענט אף די פינגער אַלע כאַכאָמים, די אַלטע און די נײַע, האָט אויך געהאַלטן פאַר אן עכטן געלערנטן.

— איך וועל פאָרן, טשיאָטאָ! — האָט ברונאָ ענדלעך אויסגערופן. — ערנוואָרט, איך וועל פאָרן. איך וויל צוריק קיין איטאַליע. מיר האָבן דערעסן די וואָגלענישן. איך גלייב ניט... איך וויל ניט גלייבן... אז דאָרטן, אין דער היים, וואַרט אף מיר דער טויט. דער אומקום אינעם שיינעם לאַנד... אונטער אונדזער בלויען איטאַליענישן הימל... ניין, דאָס איז אומעגלעך, דאָס קאָן ניט זײַן. נו, זאָג, טשיאָטאָ, קאָן מען דען אומקומען אין איטאַליע?

טשיאָטאָ האָט אָפגעזיפצט.

— אויב מע זאָל זיך באַהאַלטן אף א נאַכט ניט ווײַט פונעם זיפצן־בריק, סיניאָר ברונאָ, קאָן מען קימאַט זיכער דערהערן פּלוצעם, ווי עס גיט א פּליעסק דאָס וואַסער אין קאַנאַל. דאָס פּליעסקען זיך ניט קיין פיש, סיניאָר ברונאָ... דאָס טריִומפירט די יוסטיץ פונעם הייליקן מאַרקוס... דאָס וואַרפט מען א געקעפּטן אין וואַסער, סיניאָר ברונאָ. א געקעפּטן, אָדער א געשטאָרבענעם אין טפיסע... אָך, סיניאָר ברונאָ, טיף זײַנען די סקלעפּעס פון אונדזער דאָזשן־פּאַלאַץ, אהינצו קוקט קיינמאָל ניט ארײַן די זון, וואָס איר ליבט אַזוי...

— איך וויים. דאָס אַלץ וויים איך, טשיאָטאָ... אָבער, מיילע... ניט אַלע קומען דאָך אום... דו לעבסט דאָך און דו ביסט גאַנץ.

טשיאָטאָ האָט א שמייכל געטאָן.

— סיניאָר ברונאָ, איך האָב אָט די ביכער ניט געשריבן. אויב אונדזער פּויפּסטלעכער נונציוס, ליודאָוויקאָ טײַבערנאַ זאָל מיך אָפּשטעלן אפן בריק און זאָל מיר זאָגן, אז קאָפּערניק איז א ליגנער, וועל איך נאָר זאָגן אָמיין, איך וועל באַקומען א בראָכע און וועל אוועקגיין ווײַטער. און איר וואָס וועט זאָגן?

ברונאָ האָט גאָרנישט ניט געענטפערט און האָט ווידער גענומען גיין איבערן צימער.

— איר וועט אָנהייבן דערוויסן, אז קאָפּערניק איז געזעכט, — האָט טשיאָטאָ ווײַטער געזאָגט, — איר וועט נאָך, קאָן זײַן, אָנרופן פּאר א ליגנער דעם פּויפּסטלעכן נונציוס אליינ. און וואָס וועט דעמלט זײַן?.. אגעוו, איצט האָט די אינקוויזיציע געפונען א נײַעם מיטל אויסצולייזן די נעשאָמעס פון די זינדיקע, ריכטיקער, א נײַעם מיטל צו פּארניכטן זייער קערפּער. דעם פאַרמישפּעטן לייגט מען אפ א ברעט, וואָס ליגט אפ צוויי גאָנדאָלעס. די גאָנדאָלעס פּאָרן ארויס אינ דער לאגונע און דאָרטן צעשיידן זיי זיך. די ברעט פאלט ארײַן אין וואסער, און צוזאמען מיט איר אויך דעם זינדיקערס קערפּער. באם זינדיקער זײַנען געפּענטעט הענט און פיס. אפן האלדז האָט ער א שטיינ. דאָס קומט פּאר באנאכט, סיניאָר ברונאָ, ווען גאנץ ווענעציע זינגט און שפּילט אפ גיטארעס און אפ פידלען... פאלנדיק אינ דער לאגונע, הערט עפּשער דער זינדיקער די זעלבע מעלאָדיע, בא וועל־כער ער האָט אזויפיל מאָל אינ לעבן געזונגען, געטאנצט, זיך דער־קלערט אינ ליבע... אָך, סיניאָר ברונאָ, אין אונדזער ווונדערבארנ לאנד קלאפּט דאָס הארצ ווירקלעך זייער לײַכט... אָבער פּונקט אזוי לײַכט קאָן עס מיטאמאָל אופהערן צו קלאפּן...

ברונאָ האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט.

— טשיאָטאָ! איר וועט מיך ניט פאראכטן?

— איך אײַך? פאראכטן?

ברונאָ האָט ארויסגענומען פון פּאָליצע א מאנוסקריפּט.

— גיט א קוק.

טשיאָטאָ האָט צוגערוקט צום מאנוסקריפּט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן, אזוי אז ער האָט קימאט אָנגערירט דעם פּארמעט מיט זײַן אויסגעקרימטער לאנגער נאָז.

— „וועגן די זיבן פרײַע קונסטן", — האָט ער איבערגעלייענט.

— איצט מישט איבער א זײַטל.

טשיאָטאָ האָט איבערגעמישט א זײַטל.

— געווידמעט... זײַן הייליקײַט... המ... דעם פּויפּסט... קלימענט דעם אכטן.

דער בוכהענדלער האָט אָפּגעלייגט אָן א זײַט דעם מאנוסקריפּט און אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— איר פאראכט מיך? — האָט ברונאָ געפרעגט.

טשיאָטאָ האָט זיך אויפגעהויבן.

— סיניאָר ברונאָ, איך וואָלט געווען דער לעצטער הונט, ווען איך וואָלט געוואגט צו פאראכטן אײַך. איר ווילט לעבן, סיניאָר ברונאָ, איר ווילט דערזען די שטעט און די וועגן פון אײַער היי־מאט. צוליב דעם דארפט איר שאַלעם מאכן מיטן פויפסט... סיניאָר ברונאָ, מאכט שאָלעם, קומט צופאָרן צו אונדז, ווערט א גוטער קאטויל... איך וועל דרוקן אײַערע ווערק.

נאָך טשיאָטאָס אוועקגיין איז ברונאָ לאנג געשטאנענ פארטראכט באם פענצטער. דער פענצטער איז ארויסגעגאנגען צו דאָרעם. דאָרטן, הינטער יענע דעכער, איז איטאליע. ווײַט, זייער ווײַט... און אין איטאליע איז אָדער לעבן אָדער טויט. דאָ איז ניט קיין לעבן און ניט קיין טויט.

ברונאָ איז אָפּגעגאנגען פון פענצטער און האָט גענומען מיט טרויער איבערקלײַבן זײַנע ווערק. אָט איז דער „לײַכטער", די קאָמעדיע, ווו ער האָט אויסגעלאכט די אָבערגלויבישע לײַט פון זײַן צײַט; אָט איז „נויעכס קאסטן", אויך א קאָמעדיע, געווענדט קעגן די קאטוילן... די ביידע זאכן האָט ער נאָך געשריבן אין נעאפּאָל. אינעם ליבן נעאפּאָל, פונוואנען ער האָט דעמלט אזוי געטרוימט צו אנטלויפן... און אָט זײַנען זיי, זײַנע אלטע, יוגנטלעכע געדיכטן. אָט איז דאָס געדיכט, וואָס ער פלעגט אמאָל כאזערן, זיצנדיק אין זײַן פינצטערער קאמער.

ווי לאנג איז דאָס געווען! ווו איז איצט ריבעלאָ?

און אָט איז די „שאָטנס פון אידייען" מיט אן ערנפולער וויד־מונג: „זײַן קיניגלעכן מאיעסטעט דעם קיניג פון פראנקרײַך היינריך דעם דריטן". זײַן קיניגלעכע מאיעסטעט היינריך דער דריטער פוילט שוין לאנג אין קייווער. אים האָט געקוילעט א דאָמיניקאנער.

און אָט זײַנען די ביכער, איבער וועלכע ברונאָ איז ארײַנגעג־פאלן אין רייסטער פון די סאמע שרעקלעכסטע אפּיקאָרסים, אפילע פון די אפּיקאָרסים-פירער.

„וועגן דער סיבע פונעם אָנהייב פון אלץ און וועגן דעם איינ־ציקן", „דאָס פארטרײַבן די טריומפירנדיקע כײַע", „די געהיימע לערע פון פעגאס־פערד, פארייניקט מיט פונקט אזא לערע פון סילענס אייזל", „וועגן העלדישן ענטוזיאזם"...

וויפל פײַער, וויפל בלוט, וויפל קויכעס האָט ער ארײַנגעלייגט אין די ביכער! מיט היילקער האס צו קליינקעפּלדיקײַט האָט ער

דאָס געשריבן... ווי ער האָט זיך געפרייט, הערנדיק די צאָרנדיקע געשרייען פון די שויטים, אַמעראַצים און פּאַכדאָנים...

און איצט: „געווידמעט זײַן הייליקײַט"...

ברונאָ איז בלייך געוואָרן, און זײַנע פויסטן האָבן זיך קאָנ־ווולסיוו צונויפגעקנײַלט. „זײַן הייליקײַט"...

די אַלטיטשקע דינסט איז אין דעם מאָמענט אַרײַנגעקומען אין צימער.

— ס'איז שוין קימאַט גאָר פינצטער, הער פּראָפעסער, — האָט זי געזאָגט, — און איר צינדט ניט אָן קיין פײַער... באַ אײַך אין צימער איז קאַלט.

זי האָט אויסגעהאַקט פײַער מיט אַ קיזלשטיין, מיט אַ קנויטל האָט זי אָנגעצונדן די ליכט אין די שווערע בראָנזענע לײַכטער. נאָכדעם האָט זי גענומען איין ליכט און האָט אונטערגעצונדן דעם הויפן פּאַפּיר, וואָס איז געווען צונויפגעשאַרט אין צימער. דאָס פײַער האָט אָנגעהויבן פריילעך קנאַקן, פרעסנדיק די גראָבע פּאַפּירן.

— אַזוי וועט זײַן בעסער, — האָט די אַלטיטשקע געזאָגט, אַרײַנשטעקנדיק אין קאַמין נאָך דרײַ שײַטלעך, — זעסט, ווי זיי קנאַקן.

זי איז אַרויס, באַקוקנדיק קריטיש דעם שטויביקן צימער, וואָס ברונאָ פלעגט ניט צו אָפט דערלויבן אויפראַמען. ער האָט ניט ליב געהאַט, מע זאָל איבערלייגן זײַנע ביכער פון איין אָרט אויפן צווייטן.

דאָס פײַער האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט און אין קוימען האָט אָנגעהויבן צו הודען.

ברונאָ האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרײַסן און האָט אַלץ געקוקט אויף די לעבעדיקע, בויגעוודיקע, לײַכטע צינגלעך פונעם פלאַם. אָט האָבן זיי מאָמענטאַל, ווי אין שפּאַס, אויפגעפרעסן עפּעס אַ פּאַפּירל, אָט האָבן זיי גענומען לויפן מיט אָנגעשטרענגטן אימפּעט אויפן ראַנד פון אַ גראָבן קאַרטאָן. אויף אַ סעקונדע איז דאָס פײַער געוואָרן עטוואָס טונקעלער, ווי עס וואָלט געזאַמלט קרעפטן. אָבער אָט האָט זיך גע־נומען עפּעס רירן צווישן דעם הויפן פּאַפּיר, און פּלוצעם האָט ער אויפגעפלאַמט מיט אַ העלן פלאַם, און די צינגער האָבן זיך אָנגעהויבן צאַפּלען, שטויסנדיק איינער דעם אַנדערן, און אַ קנויל פונקען איז אוועקגעפלויגן אין פינצטערן קוימען. ברונאָ האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט גענומען דעם מאַנוסקריפּט, געווידמעט דעם פּויפּסט. ער איז צוגעגאַנגען צום קאַמין...

פֿאַרוואָס זאָל ער ניט פֿאַרבלײַבן אַף אַלע מאָל אין פֿראַנקפֿורט? דאָ פֿאַרפֿאָלגט אים דאָך קיינער ניט. דער נאָמען ברונאָ איז שוין באַרימט געוואָרן אין גאַנץ אייראָפּע. ער וועט אָן סאָפּעק אַרײַנגיין אין דער געשיכטע. דער נאָמען קאָן שוין איצט ניט שטאַרבן. ער איז ריין און אומבאַפֿלעקט. דאָס איז אַ נאָמען פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט דרייסט אַרויסגערופֿן צום שלאַכט די פֿינצטערניש און ניט מוירע געהאַט פֿאַרן קאַמף. שוין־זשע זאָל ער מאַכן צו שאַנד אָט דעם נאָמען מיט אַ בוך, וואָס מאַכט צונישט דעם גאַנצן קאַמף? דזשאָרדאַנאָ ברונאָ — און פּלוצעם... „געווידמעט זײַן הייליקײַט". וואָס וועלן זאָגן די קומענדיקע דורעס? ברונאָ האָט אַ וואָרף געטאָן אין קאַמין די שווערע העפֿט. זי איז אַרײַנגעפֿאַלן אין פֿלאַם און האָט אים צוערשט קימאַט צוגעשטיקט. זי האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ שוואַרצער קוואַדראַט, באַזוימט מיט אַ פֿײַערדיקן שײַן. און איטאַליע? און די זון? און דער יאַם? ברונאָ האָט זיך פּלוצעם אײַנגעבויגן און אַרויסגעריסן באַם פֿלאַם דעם מאַנוסקריפּט. פֿלאַמענ־צינגלעך זײַנען צוגעשטאַנען צו אים און ניט געוואָלט אָפּלאָזן. זיי האָבן אַ ביס געטאָן ברונאָ פֿאַרן פֿינגער. ער האָט זיי פֿאַרלאָשן און פֿאַרוואַנדלט אין אַ שטינקעדיקן רויך. ער האָט אַ זויג געטאָן דעם אָפּגעבריטן פֿינגער. עס האָט זיך נאָר עטוואָס אָרומגעברענט דער ברעג פֿון די לעצטע זײַטלעך... זאָל בעסער אַף דורעס צו שאַנדע ווערן ברונאָס נאָמען, אָבער דערפֿאַר וועט ער אַליין לעבן אַזוי, ווי ער וויל. געווינג אָט דעם אייביקן קאַמף! סײַווי וועט פֿריִער אָדער שפּעטער אָנערקענט ווערן דער עמעס. צי לוינט דעם אומקומען צוליב אים? צי לוינט עס דען אומצוברענגען זיך צוליב אים? דער אָפּגעבריטער פֿינגער האָט שטאַרק וויי געטאָן. ברונאָ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט זיך דערמאָנט די לעגענדע וועגן דעם אַלטן רוימער מוציִוס סצעוואָלאַ, וואָס האָט אַוועקגעלייגט אַפֿן פֿײַער זײַן האַנט, כּדי צו דערווײַזן די סאָנים דעם העלדנמוט פֿון די רוימער. די האַנט האָט געברענט, און מוציִוס האָט רויִק געשמועסט מיטן פֿײַנטלעכן פֿירער, וואָס אין זײַנע אויגן איז געווען שרעק. מוציִוסן איז אַוואַדע געווען אָנגענעם צו זען אָט די שרעק. פֿאַרברענען די האַנט? ווען אָפּבריִען אַ פֿינגער טוט אַזוי וויי, קימאַט ניט אויסצוהאַלטן...

— ניין, מע דאַרף לעבן, לעבן.

ברונאָ האָט אוועקגעלייגט אפנ טיש דעם מאנוסקריפט.

אינדערפרי, ווענ די דינסט האָט אים געבראכט פרישטיק, האָט זי אים געפונענ שלאָפנדיק אינ פאָטעל באַם טיש. אונ אפנ טיש איז געווענ א סאך פאפירלעך, באשריבענע מיט גלײַכע שורעס. די אלטיטשקע האָט געוווּסט, אז אזוי שרײַבט דער מאָדנער פּראָפעסער זײַנע געדיכטנ... אָבער די אלטיטשקע האָט ניט פארשטאנענ קיינ איטאליעניש, אונ זי האָט ביכלאל ניט געקענט לייענענ. פאר איר זײַנענ פוסט אונ אָנ זינענ די שווארצע דריידעלעך אפנ ווײַסנ פאפיר. אונ וויפל זי האָט ניט געקוקט אפ זיי, האָט זי ניט געזענ ניט דעם בלויענ יאמ, ניט די העלע זונ, ניט די גרינע ווײַנגערטנער, ניט די ווײַסע שלענגלדיקע וועגנ, וואָס די שווארצע דריידעלעך האָבנ גערעדט וועגנ זיי מיט אזויפיל ליבע אונ מיט אזויפיל טרויער.

ברונאָ האָט באשלאָסנ צו פאָרנ קיינ ווענעציע.

IV א פילאָסאָפ מיט א גוטנ אפעטיט

— איר וועט זיך אָפברענענ דאָס פאָנעמ אפ דער זונ, סיניאָר ברונאָ, — האָט געזאָגט מאָטשעניגאָ, קוקנדיק אפ דזשאָרדאנאָס בלייכ פאָנעמ, — איר זײַט געקומענ צופאָרנ פונ צאָפנ, איר זײַט נאָך ניט צוגעוווינט צו אונדזער — איבריקנס אויך צו אײַער — זונ. איך פארגעס אלץ, אז איר זײַט אנ איטאליענער. האגאמ גרויסע מענטשנ האָבנ ניט קיינ פאָטערלאנד.

מאָטשעניגאָ איז אנשוויגנ געוואָרנ, ווײַל ברונאָ האָט אים בעפיירעש ניט געהערט. אפילע אזא ראפינירטע כניפע איז פארבײַ זײַנע אויערנ, אונ אויב ער האָט יאָ געשמייכלט, איז עס קלאָר ניט דערפאר, וואָס מאָטשעניגאָ האָט אים געקוויקט מיט זײַנ שמועס, נאָר ווײַל די איטאליענישע זונ האָט ווירקלעך געברענט זײַנ פאָנעמ. אָבער אָט דער ברי איז גאָרניט געווענ ענלעך אפנ ברי פונ פײַער. ברונאָ האָט פאנאנדערגעשפיליעט דעם קאָלנער פונ העמדל, די זונ זאָל אים גלעטנ די האלדז, די ברוסט, די פלייצעס.

מאָטשעניגאָ אונ ברונאָ זײַנענ געזעסנ אפ דער טעראסע פונעמ פאלאצ, וואָס גייט ארויס אפנ גרויסנ קאנאל. די זונ האָט הייס

געבאקן, אָבער עס האָט אָנגענעמ געקילט א לײַכט יאמ-ווינטל, וואָס האָט געשמעקט מיט זאלץ און פיש.

— ווי גוט, — האָט ברונאָ געזאָגט, — ליבער סיניאָר מאָטשעניגאָ! אָך ווי גוט!

— מיך פרייט זייער, וואָס איר זײַט צופרידן, סיניאָר ברונאָ, — האָט געזאָגט מאָטשעניגאָ. דעמ גאסטס איגנאָרירונג האָט אימ שוין אָנגעהויבן צו באליידיקן. — איך האָפ, אז איר האָט זיך גוט אויסגע־שלאָפן נאָכן לאנגן וועג און איר וועט זיך ניט אָפּזאָגן צו באקוקן מײַן ביבליאָטעק... די ביבליאָטעק האָבן געזאמלט מײַן זיידע און מײַן פאָטער, אָבער איך קאָן דרייסט זאָגן, אז דרײַ פערטל פון איר האָב איך אליין געזאמלט... דרײַ טויזנט ביכער, ניט רעכענענדיק די מאנוסקריפּטן און גראוויורן...

— אָך, סיניאָר מאָטשעניגאָ, זײַט ניט אין קאס, אָבער, כ'לעבן, מיר גייען איצט ניט אײַן קיין ביכער. איר זײַט דאָך צוגעוווינט צומ גערוך פון איטאליע, און איך הייב ערשט איצט אָן פונדאסנײַ זיך צוגעוווינען צו אימ. איר זײַט גלײַכגילטיק צו דעמ ווינטל, צו דעמ הימל און צומ פליעסקען פונעמ וואסער אין קאנאל... און איך בין גרייט צו כאפּן היספּײַלעס פון יעדער גאָנדאָלע, וואָס שווימט פאר־בײַ... איך בין גרייט אויסצושרײַען מיט די ווערטער פון אונדזער ווענעציאנער פּאָעט ארעטינאָ: „וואָס אָנבאלאנגט מיך, וואָלט איך געוואָלט, אז נאָך מײַן טויט זאָל גאָט פון מיר מאכן א גאָנדאָלע אָדער אן אָפּדאך צו איר, און אויב דאָס איז צופיל, איז כאָטש א רודער אָדער אפילע א שויפל צומ אויסשעפּן דאָס וואסער פון א גאָנדאָלע".

— ווי, איר גלייבט, אז א מענטשנס נעשאָמע קאָן נאָכן טויט פארוואנדלט ווערן אין אזוינע זאכן? — האָט מאָטשעניגאָ געפרעגט, אָנשטרענגנדיק די געדאנקען צו פירן א געלערנטן שטרײַט וועגן דער נאטור פון דער נעשאָמע.

ברונאָ האָט זיך צעלאכט.

— דאָס איז פּאָעטישע כאלוימעס, סיניאָר מאָטשעניגאָ, פּאָעטי־שע כאלוימעס, וואָס דריקן אויס דעמ מענטשנס געפיל. דאָס איז שיין געזאָגט, און מער ניט.

— אָבער דער גילגל-נעשאָמעס אלס פילאָסאָפישע לערע, איז מעגלעך, — האָט מאָטשעניגאָ געזאָגט מיט א וואזשנער מינע, — באַ מיר אין ביבליאָטעק...

— קיינע ביבליאָטעקנ, קיינע פילאָזאָפישע טעאָריעס! איכ בינ איצט אינ רעשוס פונ דער זונ און איכ וועל אײַכ זאָגנ אָפנהערציק, אז איצט איז מיר אבסאָליוט אלציינס, צי זי דרייט זיכ ארומ דער ערד, צי די ערד דרייט זיכ ארומ איר... אבי זי זאָל נאָר שטענדיק שײַנענ אזוי... אונ קיינ זאכ זאָל פונ מיר ניט פארשטעלנ איר שײַנ... אָט שווימט א ווײַטער וואָלקנ; ליבער וואָלקנ, איכ בעט דיכ, פאר־שטעל ניט די זונ. נו, אָט! איר זעט, וואָס פאר א ליבער וואָלקנ: ער האָט געפאָלגט אונ ניט פארשטעלט די זונ.

מאָטשעניגאָ האָט מיט פארוווּנדערונג געקוקט אפנ מאָדנעמ גע־לערנטנ, וואָס זײַנ קאָוועד האָט ארויסגערופנ בא אימ אזא קינע. מע קאָנ דאָכ ניט ארויסריידנ ברונאָס נאָמענ אינ א סוויווע פונ גע־לערנטע, ניט ארויסרופנדיק דערבײַ קיינ היספּײַלעס אָדער סינע. אָבער אפילע די, וואָס האָבנ פײַנט געהאט ברונאָנ, זײַנענ געווענ אנציקט פונ זײַנ געלערנטקײַט. ווענ מאָטשעניגאָ וואָלט פארמאָגט כאָטש א צענטכיילעק פונ אזא רומ, וואָלט ער קוימ גערעדט מיט מענטשנ, ער וואָלט געגאנגענ שפאצירנ אינ באשטימטע שאָענ אפנ פלאצ פונעמ הייליקנ מארקוס, ער וואָלט אפ קיינעמ ניט געקוקט, ווי ער וואָלט געווענ פארטיפט אינ זײַנע גרויסע געדאנקענ. ארומ אימ וואָלטנ זיכ אלע געשושקעט: דאָס גייט מאָטשעניגאָ, דאָקטער מאָטשעניגאָ, דער געניאַלער מאָטשעניגאָ... אונ אָט — דער מענטש, וואָס וואָלט געקאָנט די מינוט ווערנ דער סאמע פּאָפּולערער אינ ווענעציע, זיצט איצט אפ דער זונ, זשמורעט די אויגנ פונ נאכעס, ווי א קאצ, אונ וויל אפילע ניט ויסנ ניט וועגנ דער וויסנשאפט, ניט וועגנ ביכער. ניט אזא האָט מאָטשעניגאָ געוואָלט זענ דעמ גרויסנ געלערנטנ אונ ניט אפ אזא האָט ער זיכ געריכט. ער האָט געטרוימט וועגנ לאנגע שמועסנ מיט לאטיינישע פראזעס, מיט ציטאטנ פונ פארשיידענע ביכער. מאָטשעניגאָ וואָלט ארויסבאוויזנ זײַנע קענ־טענישנ, ער וואָלט געכאפּעט ברונאָנ, אונ יענער וואָלט אימ אויס־געלערנט אלערליי וויסנשאפטנ. ברונאָ קאָנ אוואדע אויכ פאָרויסזאָגנ דעמ גוירל לויט די שטערנ אונ מאכנ גאָלד פונ צינ. נאָר, אפּאָנעמ, אז ער דארפ קיינ גאָלד ביכלאל ניט האָבנ, סאכאקל האָט ער מיט־געבראכט מיט זיכ א קלומעקל זאכנ.

מאָטשעניגאָ האָט אזוי פיל גילדערנע קיילימ, אזוי פיל שקאטול־קעס, וואזעס, זעלטענע קאנדעליאברעס. אונ פונדעסטוועגנ דארפ ער

האָבן גאָלד. וואָס־זשע איז דאָס? עפּשער איז דאָס גאָרניט דער עמעסער ברונאָ, נאָר אַ פאַלשער? מאָטשעניגאָ האָט אופגעצי־טערט. עפּשער האָט בעעמעס עפּעס אַן אַוואַנטיוריסט, וואָס זײַן פּאָנעם איז עטוואָס ענלעך אָפּ ברונאָ, געוואָלט אויסנוצן זיך מיט מאָטשעניגאָס לײַכטגלויביקײַט?

אין דעם מאָמענט האָט דער דינער געמאָלדן, אַז מע האָט דערלאַנגט פרישטיק:

— אָ, — האָט געזאָגט ברונאָ, — פון עסן וועל איך זיך ניט אָפּזאָגן. פון אַזאַ לופט קאָן בײַ אַ טויטן קומען אַן אַפּעטיט. און אַ לעבע־דיקער הייבט מאַמעש אָן צו שטאַרבן פאַר הונגער.

זיי זײַנען אַוועק אין די פּראַכטפולע זאַלן, באַשטראַלטע מיט זון...

אָפּ די ווענט, צווישן די פענצטער, צווישן די טירן, אומעטום זײַנען געשטאַנען פּײַערלעך פאַרשיידענע שאַפעס און אַלץ מיט ביכער, ביכער, ביכער... ברונאָ איז פּלוצעם שנעל צוגעגאַנגען צו איינער אַ שאַפע און אַרויסגענומען עפּעס אַ בוך. דאָס איז געווען אַ זעלטן ווערק וועגן מאַטעמאַטיק, וואָס איז געווען ניט פאַר מאָטשעניגאָס פאַרשטאַנד.

— מײַן עקזעמפּליאַר! — האָט ער געזאָגט — איך האָב פאַרקויפט אָט דעם בוך טשיאָטאָן און ער, הייסט עס, האָט אים פאַרקויפט אײַך. איר זעט אָפּ די ראַנדן מײַנע נאָטיצן. אגעוו, איך האָב דאָ געפונען אײַן גראָבן דרוקפעלער אין דער פּאָרמול: אָנשטאָט X^2 איז אָפּגעדרוקט X. אָט האָב איך פאַריכט... אָבער דאָס איז זייער אַ שווערער בוך.

— איך וואָלט דאָס ניט געזאָגט, — האָט מאָטשעניגאָ געזאָגט וואַזשנע. — איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען.

— און איך בין זיך מודע, אַז איין אָרט האָב איך ניט פאַר־שטאַנען... ווי פאַרשטייט איר דעם אויסדרוק...

— סיניאָר ברונאָ, — האָט מאָטשעניגאָ געזאָגט, איבערנעמענדיק ברונאָס מאַניער, — ווען דער פרישטיק ווערט קאַלט, גייט מיר קיין מאַטעמאַטיק ניט אײַן.

— ריכטיק! — האָט ברונאָ אויסגעשריִען. — כאַפּט עס דער טײַוול.

ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם בוך צוריק אין דער שאַפע, און מאָטשעניגאָ האָט לײַכט אָפּגעזיפצט. ער האָט זיך געהאַט דערשראָקן,

אז ברונאָ וועט טייקעף אַנטדעקן זײַן אומוויסנהײַט אין אייניקע גרונט־פראגן פון דער מאטעמאטיק.

אין קאָלאָסאלן עסצימער אפן שנייוויײַסן טישטעך האָט גע־פינקלט זילבער און גאָלד.

— ביטע,— האָט דער באלעבאָס געזאָגט.

דער גאסט האָט זיך מיט אפעטיט צוגעכאפט צום עסן.

V. זיי דערשמעקן רויב

דער ביסקופ פון ווענעציע לאָרענצאָ פּריולי איז שוין געלעגן אין בעט, ווען מע האָט אים געמאָלדן, אז פאָטער בארטאָלאָמעאָ וויל אים זען צוליב א דרינגלעכן עניין.

— אויב דער עניען איז זייער דרינגלעך, זאָל ער אריינ,— האָט דער ביסקופ געזאָגט. ער האָט געוווסט, אז פאָטער בארטאָ־לאָמעאָ וועט אים ניט באומרויקן איבער קליניקייטן. ער האָט גע־געבן א צייכן צום דינער, יענער זאָל אָנצינדן נאָך עטלעכע ליכט, קעדיי צו באלייכטן בעסער דעם גרויסן שלאָפצימער. דער ביסקופ האָט ניט ליב געהאט, ווען די צימער־ווינקלען זײַנען אײַנגעהילט אין פינצטערניש. אין דער פינצטערניש פון ווענעציע האָבן ליב געהאט צו באהאלטן זיך שפּיאָנען.

— וואָס איז?— האָט ער געפרעגט, אָנווײַזנדיק דעם גאסט אף א פאָטעל מיט א הויכן געלענ.

— איר ווייסט, נאטירלעך, מאָנסיניאָר, אז דזשאָרדאנאָ ברונאָ, דער ראָש פון די אפּיקאָרסים, וואָס האָט געוואגט צו שטעלן זיך קעגן דער עמעסער קאטוילישער קירכ...

— נו...

—... וואָס האָט פאראכט און געטראָטן מיט די פיס דעם קלויס־טער־מאנטל פונעם הייליקן דאָמיניק און איז אנטלאָפן פון קלויסטער...

— נו...

—... וואָס האָט געלערנט, אז ניט די ערד, נאָר די זון איז דער צענטער פון דער וועלט, כאָטש אזא שטאנדפונקט האָט ניט ארויסגעזאָגט ניט פּטאָלאָמעוס, ניט אריסטאָטעל, ניט טאָמאס אקווי־נאט, און בלויז דער פאראכטער קאָפּערניק, וועמענס דעם פויפּסטס

בולע האָט פּאַרוויילט, האָט געהאַט די האָזע אַרויסצוזאָגן אַזאַ שטאַנדפּונקט...

— נו...

—... געפינט זיך איצט אין ווענעציע.

די לאַנגע פּראַזע, וואָס פּאַטער באַרטאָלאָמעאָ האָט אַרויסגעזאָגט, האָט איינגעמאַטערט דעם ביסקופס אויפמערקזאַמקייט, און אַכוץ דעם האָט אים שטאַרק געשלעפּערט.

דעריבער האָט ער שוין באַוויזן צו פאַרגעסן דעם אָנהייב פון דער פּראַזע און ניט פאַרשטאַנען, וואָס און ווער עס געפינט זיך אין ווענעציע. אַריסטאָטעל? טאָמאַס אַקווינאַט?

זיי זיינען דאָך שוין אַלע לאַנג טויט!—האָט ער געזאָגט, איינ־האַלטנדיק אַ געניעץ.

— דזשאָרדאַנאָ ברונאָ איז געשטאָרבן?

— דזשאָרדאַנאָ ברונאָ איז אין ווענעציע?

— יאָ, מאָנסיניאָר, אין ווענעציע.

— און איר זייט דעריין זיכער?

— זיכער.

אין צימער איז געוואָרן שטיל.

דזשאָרדאַנאָ ברונאָ איז אין אַלע הינזיכטן געווען אַ פּעטער ביסן. אים וואָלט געווען גלייך אָנגענעם סיי פאַרניכטן סיי צוריק ברענגען אין דער שויס פון דער עמעסער קירך. דאָס לעצטע איז נאָך אָנגענעמער.

— ער איז אָפּ דער פּריי? —האָט דער ביסקופ געפרעגט.

— אָפּ דער פריי.

— נאָכשפּירן נאָך אים, ניט אַרויסלאָזן אים אין ערגעץ פון די גרענעצן פון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק.

זיי זיינען ווידער אַנשוויגן געוואָרן און האָבן פילבאַדייטנדיק געקוקט איינער אָפּן אַנדערן.

ביידע האָבן געהאַט איין און דעם זעלבן געדאַנק: אַ גרויסער קאָווער וואָלט געווען פאַר דער וועניציאַנישער מאַכט אַריינצוכאַפּן ברונאָ אין איר נעץ. דאָ האָט זיך געלאָזט פילן דער אַלטער אַנטאַגאָניזם צווישן ווענעציע און רוים.

— מיר וועלן אים דאָ מישפּטן, און דאָ גופא וועלן מיר אים אַרופירן אָפּן וועג פון עמעסן גלויבן, אָדער...

דער ביסקופ האָט אָפּגעזיפצט.

— איר האָט שוין גערעדט מיטן פּאָטער־אינקוויזיטער?

— ניין נאָך.

— איז רעדט ניט. מיר וועלן אַליין נאָכשפּירן נאָך אים א געוויסע צײַט. און נאָכדעם וועלן מיר מעלדן דעם פּאָטער-אינקוויזיטער, אז שוין עטלעכע כאָדאָשים ווינט ברונאָ אין ווענעציע אונטער אונדזער אויפזיכט...

פּאָטער־באַרטאָלאָמעאָ האָט אָפּגעשאַצט אָט דעם געדאַנק,—אוועקשטעלן דעם פּאָטער־אינקוויזיטער אין א נארישער לאַגע, ער זאָל זיך ניט האַלטן וויכטיקער און ווײַטזיכטיקער פאר אַלע...

— אָבער נאָר ברונאָ זאָל ניט פארשווונדן ווערן! — האָט דער ביסקופּ צוגעגעבן מיט אומרו.

— מאָנסיניאָר, נאָך יעדן שריט זײַנעם קוקט מען שוין נאָך... מײַן גײַסטיקער זון מאָטשעניגאָ, וואָס טוט דאָס אומגערן, און זײַנע דינער, וואָס טוען דאָס פאר א געוויסן סכום זילבער און גאָלד...

— א גליק, וואָס ברונאָ איז ניט געפאָרן גלײַך קיין רוים. דעמלט וואָלט דער גאַנצער קאָוועד פון כאַפּן אים געהערט צום פּויפּסט און צום קאַרדינאַל מאַדרוגי—דעם הויפּט פון דער רוימישער אינקוויזיציע.

— מאָנסיניאָר,—האָט פּאָטער באַרטאָלאָמעאָ געזאָגט באַשיידן,— טײַלווײַז האָב איך דאָס געטאָן. לויט מײַן אײַצע האָט מאָטשעניגאָ אײַנגעלאַדן ברונאָ קיין ווענעציע.

— איר האָט געטאָן זייער קלוג, מײַן פרײַנט... אָבער ברונאָ...

— האָט געטאָן זייער נאריש... גאַנץ ריכטיק, מאָנסיניאָר. א גוטע נאכט.

פּאָטער באַרטאָלאָמעאָ האָט זיך דערווײַטערט פון גרויסן שלאָף־צימער.

עס איז ארײַן א דינער און האָט געוואָלט פארלעשן די ליכט.

— ווארט אויף,—האָט געזאָגט דער ביסקופּ,—באַקוק אַלע ווינקעלעך מיטן ליכט און באַלײַכט יעדן...

אָנגעשפּאַרט אפּן עלנבויגן האָט דער ביסקופּ צוגעקוקט, ווי דער דינער האָט באַקוקט אַלע ווינקלען.

אין קיין איין ווינקל איז גאָרנישט ניט געווען, אכוץ שטאָפּ און באַגילדונג. דער דינער האָט אין צוויי ערטער באַמערקט שפּינוועבס, אָבער דער ביסקופּ האָט דאָס ניט געזען. אפּאָנעם, אז ניט שפּינוועבס האָט ער געזוכט.

דער דינער איז שוין צו דעם געווען צוגעווינט. נאָכן באקוקן די ווינקלען האָט ער פארלאָשן די ליכט, זיך פארנייגט און איז אפ די ציפּקעס ארויס פון צימער.

אין דער זעלבער צײַט האָט פאָטער אינקוויזיטער דזשאָוואני גאבריעלי אופגענומען זײַנע שפּיאָנען.

נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעהערט די מיטיילונג פון איינעם פון זיי, האָט ער געזאָגט:

— נאָכשפּירן נאָך דעם מענטשן, ניט ארויסלאָזן אים פון אויג. דעם ביסקופ דערווײַל ניט מיטיילן. זאָל ער זיך נאָכדעם דערוויסן, אז ווען ניט די אינקוויזיציע, וואָלט ער געקאָנט פארזען אזא באַרימטן און אזא שרעקלעכן אפּיקורעס. מיר וועלן אים ארעסטירן, ווען מיר וועלן דאָס האלטן פאר נייטיק.

און אין דער זעלבער צײַט האָט ברונאָ אָנגעקוואָלן פון דער שיינער ווענעציאַנער לאַגונע, זיצנדיק אפ דער טעראסע פון מאָטשעניגאָס פאלאץ.

די נאכט איז געווען א קילע, א שטילע, און די גאָנדאָלעס מיט לאמטערנעס פון פאָרנט און פון הינטן האָבן זיך שטיל געגליטשט איבערן קאנאל.

VI. א שלעכטער לערער

ווען מאָטשעניגאָ האָט אײַנגעלאדן ברונאָן קיין ווענעציע, איז ער געווען זיכער, אז דורך אים וועט ער זיך באהעפטן צו אלע סוידעס פון דער וויסנשאפט און וועט סאָפּקאָלסאָפּ באקומען דעם קאָוועד פון א גרויסן געלערנטן. פאָטער בארטאָלאָמעאָ האָט צוגעזאָגט מאָטשעניגאָן, אז ברונאָ וועט ניט פארפאָלגט ווערן. מאָטשעניגאָ האָט זיך שוין געזען אין זײַן פאנטאזיע ווי גאָר א גרויסן געלערנטן און א גאָר רײַכן מענטשן. איצט איז ער געווען אנטוישט. ברונאָ האָט, עמעס, א סאך געשריבן און א סאך געלייענט, אָבער מיט מאָטשעניגאָן האָט ער קימאט ניט גערעדט וועגן וויסנשאפטלעכע טעמעס. ברונאָ האָט טייקעף דערשמעקט די אמעראצעס און די טעמפּקייט פונעם רײַכן ווענעציאַנער און האָט זיך מיט אים מער ניט

אינטערעסירט. פון יויצע ווענן פלעגט ער אים אמאָל לייענען לעק־
ציעס פון אסטראָנאָמיע און מאטעמאטיק, אָבער אזוי ווי קיין שום
לעבעדיקער שמועס פלעגט זיך ניט באקומען (מאָטשעניגאָ האָט נאָר
געקאָנט שאָקלען מיטן קאָפּ), האָט דאָס ברונאָן אויך אינגיכן דערעסן.
ברונאָ האָט אָנגעהויבן פילן זיך באַלעסטיקט פון אזא לעבן. איינמאָל
איז ער צוגעפאָרן אין דער שטאָט פאדוע דורכצולייענען א ריי
לעקציעס אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט (פאדוע איז געווען א טייל
פון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק). די היילקע פאַטערס האָבן דער־
לאָזט די רייזע, ווייל זיי האָבן געדארפט וויסן, וואָס ברונאָ וועט פריי־
דיקן אין פאדוע. אָבער ער האָט זיך געפירט זייער באשיידן און
האָט זיך אינגיכן אומגעקערט קיין ווענעציע. זיינע באציִונגען מיט
מאָטשעניגאָ זיינען קאַליע געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי זיך
צעווערטלט איבער די שטערן.

אף דער טעראַסע פון זיין פאַלאַץ האָט מאָטשעניגאָ איינגע־
אָרדנט א פונקט פאר אסטראָנאָמישע אָבסערוואַציעס.

איינמאָל באנאכט איז ער מיט ברונאָן געזעסן אפן פונקט און
ברונאָ האָט געמאכט אייניקע אָבסערוואַציעס איבער די פּלאַנעטעס.
אפן טיש, וואָס איז געווען באלויכטן מיט א לאַמטערן פון בלויער
גלאָז, זיינען געלעגן צייכענונגען, צירקלען, ווירעס.

— אָך, ווי שוואַך עס זיינען דעם מענטשנס אויגן! — האָט
ברונאָ אויסגעשריִען אופגערייצט. — מיר וואָלט זיך געוואָלט דערזען
אָט די אַלע שטערן נעענטער. אָבער, צום באדויערן, האָב איך קיין
פליגלען ניט, און די שטערן קאָן מען צו זיך ניט צוציִען.

— שוינ־זשע וואָלט איַיך קיינער ניט געוואָלט העלפן פליִען? —
האָט מאָטשעניגאָ געפרעגט.

ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער דערמיט געגעבן אָנצו־
הערעניש וועגן די דעמאָנס: געמיינט האָט ער, אז ברונאָ קאָן זיי
אוואדע ארויסרופן.

ברונאָ האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— ווער קאָן מיר העלפן? סיידן די דעמאָנס.

ברונאָ האָט דאָס געזאָגט, קעדיי דערמיט אויסצודריקן די האָ־
פענונגלאָזיקייט פון אזא אונטערנעמונג. אָבער מאָטשעניגאָ האָט
אופגעציטערט פון אופרעגונג. ס'איז קיין ספק ניט, ברונאָ קאָן
ארויסרופן די רוכעס, אָבער ער וויל ניט אנטפּלעקן דעם סאָד פון

דער קונסט. אינ דער זעלבער צײַט האָט זיך מאָטשעניגאָ דער־שראָקנ, אז ער באגייט אנ אווירע. ער האָט מער קיינ וואָרט ניט געזאָגט, אונ אפ מאָרגנ האָט ער איבערגעגעבנ זײַנ גײַסטלעכנ פאָטער דעמ אינהאלט פונעמ געשפּרעכ.

פאָטער בארטאָלאָמעאָ האָט זיך זייער דערפרייט.

— זאָל ער ארויסרופנ א רועכ,— האָט ער געזאָגט.— זאָל ער דאָס טאָנ.

אויב ברונאָ קאָנ ארויסרופנ רוכעס, איז ער ניט נאָר אנ אפּי־קוירעס, נאָר א מעכאשעפ אויכ.

די צווייטע נאכט איז מאָטשעניגאָ ווידער געזעסנ מיט ברונאָנ אפנ דאכ אונ האָט ווידער פארפירט א שמועס וועגנ דעמאָנס. דאָס מאָל שוינ ערנסט, ווי וועגנ א ריכטיקנ מיטל ארופצופליענ צו די שטערנ.

— איר זײַט פונ זינענ אראָפּ, צי וואָס? — האָט ברונאָ אויס־געשריענ. ער האָט פארוווּנדערט א קוק געטאָנ אפ מאָטשעניגאָנ אונ זיך טייקעפ ווידער פארטיפט אינ זײַנע כעזשבוינעס.

מאָטשעניגאָ האָט זיך באליידיקט. ער האָט ענדגילטיק באשלאָסנ, אז ברונאָ וויל ניט אנטפּלעקנ זײַנע סוידעס. אז אזא געלערנטער, ווי ברונאָ קאָנ ניט ארויסרופנ קיינ דעמאָנ — אזא זאכ האָט מאָטשעניגאָ ניט געוואָלט דערלאָזנ.

אנ אנדערש מאָל האָט ער פאָרזיכטיק אָנגעהויבנ ארופצופירנ ברונאָ אפ א געשפּרעכ וועגנ גאָלד. פארצײַטנ האָבנ מענטשנ גע־גלייבט, אז מע קאָנ זיך אויסלערנענ ארויסבאקומענ גאָלד אפ א כימישנ אויפנ פונ אנדערע שטאָפנ. די געלערנטע, וואָס האָבנ זיך פארנומענ מיט אזא געהיימער כימיע, האָבנ געהייסנ אלכימיקער. געוויינלעכ, פלעגט זיך זייער זוכנ גאָלד אויסלאָזנ מיט דעמ, וואָס זיי פלעגנ אָנהייבנ שאנטאזשירנ, אָפּנארנ מענטשנ, אָדער זיי פלעגנ זיך אָפּזאָגנ פונ זייערע פּרוּוונ. אָבער די דאָזיקע באשעפטיקונגענ פלעגנ ניט זײַנ אומזיסט. די אלכימיקער פלעגנ געוויינלעכ ווערנ גענիטע כימיקער פאר זייער צײַט.

מאָטשעניגאָ האָט פאָרזיכטיק פארפירט דעמ שמועס וועגנ אל־כימיע. אָבער ברונאָ האָט אימ שארפ אָפּגעהאקט.

— ניט איר, ניט איכ דארפ ניט האָבנ קיינ גאָלד,— האָט ער געזאָגט.— איר דארפט קיינ גאָלד ניט האָבנ, ווײַל איר האָט, איכ

דאַרף דאָס ניט, ווײַל איך באַגײ זיך אָן דעם, און די פּוסטע כאָ־ לוימעס לאָזט איבער פאַר די אַלטע ווײַבער אפן מאַרק.

מאָנטשעניגאָ איז בלײַך געוואָרן פון קאַס. ברונאָ איז אויך געוועז אופגעבראַכט פון מאָטשעניגאָס טעמפּער גײַציקײַט, פון דער גײַציקײַט פון א מענטשן, וואָס זינקט אין גאָלד אָן אַלכימיע אויך.

פון דעם טאָג אָן האָט מאָטשעניגאָ אָנגעהויבן צו האַסן ברונאָ. ברונאָ איז געווען צו איידל צו דערנידעריקן זיך ביז קליינלעכער סינע, אָבער מאָטשעניגאָ האָט אים גענומען אופרעגן. ברונאָ האָט איצט ניט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהײַט ארויסצוווײַזן, ווי עס איז מיט א פראַגע מאָטשעניגאָס אמעראַצעס. דער ווענעציאַנער פלעגט זיך בײַסן די ליפּן, צונויפבײַלן די פויסטן, אָבער ער האָט בעשומויפן ניט געקאָנט אָפּשלאָגן ווי געהעריק די שאַרפזיניקע פראַגן, און ברו־ נאָ איז אַלץ מער און מער געוואָרן צו לאַסט דאָס לעבן בא מאָטשעניגאָ. ער האָט געוואָלט שטרײַטן, דיספּוטן, לעקציעס... אויסער דעם האָט אים געצויגן נאָך מער אף דאָרעם. קיין יאָלע. קיין נע־ אפּאָל. קאָן זײַן, אז דאָס איז געווען אן אומזין, אָבער ברונאָ האָט פאַרענדיקט זײַן ווערק, געווידמעט דעם פּויפּסט, און האָט זיך גע־ גרייט שאָלעם מאַכן מיט דער קירכע. „איך וועל דערווײַל ווערן א פּראָפעסער כאָטש אין פאַדוע,—האָט ער געטראַכט,—און דעמלט וועלן מיר זען".

איינמאָל האָט ער געמאָלדן מאָטשעניגאָן, אז ער וויל אוועקפאָרן פון ווענעציע. מאָטשעניגאָ האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, נאָר ער האָט אָנגעכמורעט די ברעמען. אָבער ווען ברונאָ האָט אין אָוונט אָנגעהויבן זיך גרייטן צום אָפּפאָרן, איז מאָטשעניגאָ ארײַנגעקומען צו אים און געזאָגט טרוקן און פרעך:

— וווהין קלײַבט איר זיך דאָס, סיניאָר ברונאָ?

— איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אז איך וויל פאָרן קיין פאַ־ דוע,—האָט ברונאָ געענטפערט מיט פאַרוווּנדערונג און מיט א גע־ וויסן פאַרדראָס.

— סיניאָר ברונאָ, איר וועט בלײַבן דאָ.

ברונאָ האָט זיך אויסגעגלײַכט.

— איר זײַט בעעמעס אראָפּ פון זינען?—האָט ער א מורמל געטאָן.—איך זאָג אײַך, אז איך וועל אוועקפאָרן.

— און איך זאָג, אז איר וועט בלײַבן דאָ.

דאָס בלוט האָט בא ברונאָן א שלאָג געטאָן אין קאָפּ.

— אוועק פון וועג! — האָט ער א געשריי געטאָן. ער האָט גע־כאפּט זײַן קלומעקל, האָט אָפּגעשטויסן דעם ווענעציִאנער און אופגע־פראַלט די טיר.

און... איז אָפּגעטראָטן צוריק.

זעקס מאן מיט בלויזע שווערדן זײַנען געשטאַנען פאר דער טיר, און דער זיבעטער האָט געהאלטן איבערן קאָפּ א פלאַמענדיקן פאַקל. פונעם פלאַם פונעם פאַקל האָבן די שווערדן אויסגעזען רויט, ווי זיי וואָלטן געווען פארבלוטיקט.

— אַך, אזוי גאָר! — האָט דזשאָרדאנאָ ברונאָ ארויסגערעדט. ער האָט טייקעפּ פארשטאַנען אַלץ.

— יאָ, טאַקע אזוי, — האָט מאָטשעניגאָ געזאָגט מיט א געלעכ־טער, — מאָרגן וועל איך האָבן די ערע אײַך איבערצוגעבן אין די הענט פון דער הייליקסטער ווענעציִאנישער אינקוויזיציע.

VII. די זון

פאראַן מענטשן, וואָס לעבן אוף און פלאַמען אוף אין מאָמענט פון געפאר. ברונאָ איז געווען אזא מענטש. די ערשטע סעקונדע דערזעענדיק דעם פאַקל און די בלויזע שווערדן, איז ער געקומען אין פארלעגנהײַט, אָבער באַלד האָט ער דערפילט דעם צאָרן און מוט, מיט וועלכע ער פלעגט צעשמעטערן זײַנע קעגנער און ארויס־טרעטן קעגן דער פינצטערניש.

ער האָט מיט כוויזעק א קוק געטאָן אפ מאָנטשעניגאָן און נאָר געזאָגט:

— ביז איצט האָב איך אײַך געהאלטן נאָר פאר א נאַר, און איר, ווײַזט זיך ארויס, זײַט נאָך אויך א מענוול.

— ארופירן אים אפן בוידעם! — האָט מאָטשעניגאָ אויס־געשריִען אין גרימצאָרן. — דו ביסט אַליין א נאַר און א מע־גוול.

ברונאָ האָט נאָר א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און זיך רויִק געלאָזט אָפּפירן אפן בוידעם. דאָרטן האָט מען אים פאר־שפּארט.

אפנ בוידעמ האָבנ זיכ געוואַלגערט אלערליי שמאטעס: אלטע ליוסטרעס, ברוכווארג פונ סטאטועס, צעבראָכענע מעבל, ביכער, צע־גריזשעטע פונ מײַז. טויבנ האָבנ געוואָרקעט.

ברונאָ האָט זיכ געזעצט אפ א צעריסענעמ, אָבער נאָכ גענוג באקוועמענ דיוואנ אונ זיכ פארטראכט. געשענ איז דאָס, אפ וואָס מע האָט זיכ לאנג באדארפט ריכטנ. עס פרעגט זיכ נאָר, וואָס טוט מענ איצט. ברונאָ האָט אויסגעצייכנט פארשטאנענ, אז ער איז איצט דער האר איבער זײַנ לעבנ. די קאטוילישע קירכ וויל אָדער מאכנ ברונאָנ ווידער פאר איר אָנהענגער אונ דערמיט אוועקשטעלנ אינ פארלעגנהײַט די אנדערע „אפיקאָרסימ“ — זײַנע אָנהענגער, אָדער אומ־ברענגענ ברונאָ אונ דערמיט ווידעראמאָל אָנשרעקנ אונ פלעפנ אנ־דערע „אפיקאָרסימ“ — זײַנע אָנהענגער. הייסט עס, דערווײַל הענגט אלצ אָפּ פונ ברונאָנ גופע. ער דארפ נאָר זאָגנ עטלעכע ווערטער, וועט ער מיט טריומפ אָפּפאָרנ קיינ רוימ אונ פונ דאָרטנ אינ זײַנ היימישער יאָלע. אָבער אָט די ווערטער וועלנ זיכ פאנאנדערטראָגנ איבער גאָר דער וועלט. ברונאָ האָט זיכ דערמאָנט זשאנ הענעקענ, וואָס האָט מיט אזא ציטער געוואַרט אפ יעדנ נײַעמ ווערק פונ זײַנ לערער. אונ פלוצעמ וועט זשאנ הענעקענ דערהערנ די שענדלעכע ווערטער „איכ זאָג זיכ אָפּ“. איכ זאָג זיכ אָפּ פונ אלצ, וואָס — אינ טאָכ גערעדט — גלייב איכ אינ דעמ הײליק. א כארפע!

ווענ ברונאָ איז געפאָרנ קיינ איטאליע, האָט ער געהאט בעדייע צו מאכנ שאָלעמ מיט דער קירכ. אָבער ער האָט אלצ אָפּגעצויגנ אָט דעמ מאָמענט, ווײַל מע האָט אימ ניט געטשעפעט. אונ ער האָט זיכ ניט ארײַנגעטראכט אינ דעמ, ווי מע וועט דאָס דארפנ טאָנ. אָבער ווענ ער האָט זיכ איצט קלאָר פאָרגעשטעלט א פארזאמלונג פונ שווארצע מענטשנ אונ זיכ, ווי ער שטייט געהאָרכזאמ פאר זיי אונ פרעפלט די ווערטער פונ אָפּזאָגונג, האָט ער זיכ פארשעמט אונ דער־פילט אנ עק.

דער צאָרנ האָט אופגעפלאקערט אינ אימ.

אינדערפרי, ווענ דער דינער האָט אימ געבראכט ברויט אונ א שטיק שינקע, האָט ער דאָס אלצ א שלײַדער געטאָנ דורכנ בוידעמ־פענצטער גלײַכ אינ קאנאל ארײַנ אונ אויסגעשריִענ:

— זאָג דעמ מענוואל מאָטשעניגאָ, אז ער דארפ מיכ אָפּשיקנ אינ טורמע. איכ וויל ניט זײַנ בא אימ צו גאסט, אפילע אפנ

בוידעם, און איך וועל בעסער שטאַרבן פון הונגער, אָבער עסן בא אים אין שטוב וועל איך ניט.

דער דינער איז אַוועק, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט און אַ שליידער געטאָן אין מיסטוואַרג אַ הויפן בי־כער. ברונאָ האָט באַלד דערקענט זײַנע ווערק.

— מיילע, — האָט ער אויסגעשריִען, — די מײַז און די שטשורעס וועלן האָבן פון דעם מער נוצן, ווי דער גלאָמפּ. די מײַז וועלן דאָס לעכאַלאַפּאָכעס צעגריזשען.

סיניאָר מאָטשעניגאָ האָט זיך געהאַס פאַרטײַעט הינטערן טיר. ער האָט געוואָלט דערגיין, ווי ברונאָ וועט זיך באַציִען צו אַזאַ מין באַליידיקן זײַנע ווערק.

ווען ער האָט דערהערט, וואָס ברונאָ האָט געזאָגט, איז ער שנעל אַראָפּגעלאָפן אונטן און האָט אין ברענענדיקן צאָרן גענומען שרײַבן אַ מעסירע אַף ברונאָ. ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן אין הייליקן געריכט אַלס איידעס און אומבאַדינגט אומברענגען ברונאָן מיט זײַן איידעס־זאָגן.

אין אָוונט איז געקומען צו שווימען די פינצטערע גאָנדאָ־לע. אין איר איז געזעסן אַן אָפיצער און די וועכטערס פון דער אינקוויזיציע. באַם פרידלעכן וואָרקען פון די טויבן, האָט דער אָפיצער דורכגעלייענט ברונאָן דעם באַפעל וועגן אַרעסט.

צוויי היטערס מיט בלויזע שווערדן האָבן זיך געשטעלט נעבן ברונאָן פון ביידע זײַטן. דער אָפיצער האָט אים פאָרגעלייגט גיין מיט אים.

דאָס וואַסער אין קאַנאַל איז געוואָרן טונקל און גראָ, ווײַל אַ געוואָלטיקער וואָלקן איז אָנגעלאָפן אַף ווענעציע, די פּאַלאַצן האָבן שוין ניט געהאַט זייער געוויינלעכן יאָנטעוודיקן אויסזען. אַ העפטי־קער ווינטער האָט זיך געטראָגן איבערן קאַנאַל און אַרופגעשווענקט כוואַליעס אַף די טרעפּ. ערגעץ האָט זיך געהערט אַ בריאַזג פון צע־בראָכענע שויבן.

אַ גרויסער רעגן האָט גענומען קלאַפּן איבערן דאַך פון דער גאָנדאָלע. אַ שווערער זעץ פון אַ דונער האָט זיך דורכגעקײַקלט איבערן הימל און זיך צעשאָטן, ווי הונדערט קאַנאָנדיקע קוילן. דער רעגן האָט אופגעהערט און ווידער אַ גאַס געטאָן ווי פון אַן עמער.

די גאָנדאָלע איז קוים געשווומען אפן אויפגעשטורעמטן וואַסער. דער ווינט האָט זי אָפּגעטראָגן אָן א זייט. דער דונער האָט געקנאַלט נאָכאַנאַנד.

אין פולער פינצטערניש איז די גאָנדאָלע צוגעשווומען צום פאַלאַץ פון די דאָזשן. זייער לאַנג האָט מען ברונאָן געפירט איבער פינצטערע דורכגענג און איבער געדרייטע טרעפּ.

— ווען וועט זיך שוין ענדיקן דער טרעפּ? — האָט ברונאָ אויסגעשריען, — ער איז אַרייַנגעשרויפט אין הימל, דער טרעפּ?

דער שטרענגער טורמע-וועכטער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. דער טרעפּ האָט זיך געענדיקט. איצט זיינען זיי געגאַנגען איבער א שמאָלן קאָרידאָר מיט א סאַך טירן. ברונאָ האָט דערהערט א זיפץ הינטער א טיר, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך פאַר אים אַליין אויפגעפּראַלט א טירל, און ער איז אַרייַן אין א קליין קאַמערל מיט א שטרויענעם מאַטראַץ אפן דער פאָדלאָגע. א קליין פענצטערל, פאַרמאַכט מיט גראַטעס, האָט געקוקט אין דער נאַכט. פון פענצטער האָט א צי געטאָן קילקייט. עס האָט געשמעקט מיטן דורכגעלאָפענעם געוויטער.

— א שיינער צימער — האָט ברונאָ געזאָגט.

דער טורמע־וועכטער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט פאַרשלאָסן די טיר. ער האָט עטלעכע מאָל מיט א קלונג א דריי געטאָן דעם שליסל.

ברונאָ האָט זיך געזעצט אפן דער שטרוי און דערפילט אונטער די שטרוי עפּעס א האַרטע זאַך. ער האָט אַרייַנגערוקט די האַנט אונטערן מאַטראַץ און אַרויסגענומען א געבעט־בוך. א גוטער סימען: די אינקוויזיציע האָט אָן ספק געוואָלט מאַכן שפּאַס. אָבער וואָס איז דאָ דאָס גוטס? ברונאָ האָט גענומען איבערמישן די זייטלעך פון געבעט-בוך. מיט וואָס פאַר אַן ערפורכט, מיט וואָס פאַר א גלויבן ער פלעגט דאָס אמאָל זאָגן אָט די אַלע לאַטייניש ווערטער! איצט קומען זיי אים פאַר אזוי לעכערלעך, נאַיִוו, ניט נייטיק. ברונאָ האָט אָפּגעלייגט דאָס ביכל און זיך טרויעריק פאַרטראַכט. ער האָט זיך דערמאָנט זיין יוגנט, זיין קינדהייט, זיין מוטער. אָבער באַלד האָט אים ווידער באַהערשט די אנטשלאָסנקייט, און ער האָט זיך אויסגעצויגן אפן דער שטרוי, קעדיי גוט אויסצושלאָפן זיך. ווער

ווייס וואָס מאָרגן שטייט נאָך פאָר! די קילע יאַם־לופט און דער גע־רוך פון געוויטער האָבן אים געמאַכט שלעפעריק. ברונאָ איז אײַנגע־שלאָפן פעסט און רויִק.

אופגעכאַפּט האָט ער זיך, ווען די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ הויך. פון די נעכטיקע וואָלקנס איז קיין זייכער ניט געבליבן. עס האָט געשײַנט א בלויער הימל אין קוואַדראַט פון פענצטער. ס'איז שוין אפילע געווען עטוואָס הייס און דושנע אין קעמערל. דער טורמע־וועכטער האָט געבראַכט ברויט און וואַסער, — איבערגעגעסן ברויט און וואַסער.

— סאָפּקאָלסאָפּ, וואָס דאַרף א מענטש נאָך האָבן? — האָט ברו־נאָ באַמערקט.

ער האָט א טראַכט געטאָן וועגן דעם, מיט וואָס פאַר א לוקסוס מאָטשעניגאָ פרישטיקט איצט, אָבער ער האָט ניט דער־פילט קיין קינע.

די זון האָט געשטײַגט אַלץ העכער און העכער, און די היץ אין קעמערל איז געוואָרן ניט צו דערלײַדן. ברונאָ האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער זיצט איג אַן אויוון. ער האָט א ריר געטאָן דעם סופיט. דער סופיט איז געווען גאָר הייס.

פלוצעם האָט ברונאָ פאַרשטאַנען. ער האָט זיך דערמאָנט די שרעקלעכע מײַסעס וועגן די טורמעס אינעם פּאַלאַץ פון די דאָזשן. אונטערן פּאַלאַץ זײַנען פינצטערע סקלעפּן, איבערן פּאַלאַץ זײַנען די קעמערלעך דירעקט אונטערן בלײַענעם דאַך. א ספּעציעלער מין פּײַניקונג מיט זון, ווײַל דער דאַך פלעגט אין מעשעך פון טאָג שרעקלעך אָנגעגליט ווערן. קיינער האָט גאָרניט געקאָנט דער־ציילן וועגן דער טורמע, ווײַל זעלטן ווער עס פלעגט אַרויסגיין פון דאָרטן.

אין קעמערל האָט מען שוין קימאַט ניט געקאָנט אָטעמען. ברו־נאָ האָט אומזיסט צוגעלייגט דאָס פּאָנעם צו די גראַטעס פון פענצ־טער. קיין איין שטראָם ווינט! ס'איז אָנגעקומען די צײַט פון היץ, וואָס ער פלעגט אזוי ליב האָבן. די זעלבע היימישע זון האָט איצט גלײַכגילטיק געמאַכט ברענען איבער אים דעם בלײַע־נעם דאַך, פאַרשאַפנדיק יעסורים ניט אויסצוהאַלטן. א שרעקלע־כע זון!

אפילע ווען זי האָט זיכ געניי׳גט צו מיירעוו, איז די היצ ניט קלענער געוואָרנ. ס׳איז אָנגעקומענ א שטיקנדיקע נאכט. דער דאכ האָט איינגעהאלטנ די היצ פונ באטאָג, אונ די זונ אינ יונג כוידעש גייט אופ פרי. ברונאָ האָט פארשטאנענ, פארוואָס ער איז אזוי גוט איינגעשלאָפנ נעכטנ: ס׳איז דורכגעגאנגענ א געוויטער, אונ דער שלאקסרעגנ האָט אראָפגעשווענקט פונ דאכ די היצ, דער ווינט האָט אימ אָפגעקילט. אָבער א געוויטער קומט ניט פאָר אזוי אָפט אינ דער צייט. איז דענ ברונאָ אליינ ניט ווענ אנציקט דערפונ, וואָס די זונ שיינט קימאט שטענדיק איבער איטאליע? די זונ האָט באדעכטיקט איר רומ. זי האָט געשיינט ערלעכ, מיט כיישעק, אָבער ברונאָ איז געלעגנ אפנ מאטראצ, קוימ וואָס ער האָט געאָטעמט, ער האָט געפילט א שרעקלעכנ ווייטעק אינ קאָפ, זיכ אָפגעגאָסנ מיט שוויס, צונויפגעדריקט מיט די הענט דאָס הארצ, וואָס איז גרייט צו פלאצנ. אימ האָט איצט אויסגעפעלט דאָס וואסער, וואָס דער טורמע-וועכטער האָט געבראכט. דערצו נאָכ איז דאָס וואסער שנעל געוואָרנ ווארעמ אונ האָט שוינ ניט געקוויקט דעמ צונג אונ די האלדז. ברונאָ האָט געוואָלט טרינקענ, טרינקענ... קאָשמארנ האָבנ אימ געשטיקט, אימ האָבנ זיכ געכאָלעמט טייכלעכ צווישנ די געוויקסנ אינ דער אומגעגנט פונ יאָלע. אָט ריזלט א טייכעלע. מע דארפ זיכ נאָר איינבויגנ איבער אימ אונ אָנטרינקענ,— אָבער קיינ וואסער איז דאָכ ניטאָ, אונ ווידער איז נאָר זונ אונ שטיינער. אונ א היצ, א היצ, א גענעמ— ניט אריבערצוטראָגנ.

— . ווענ וועט מענ מיכ נעמענ אפנ פארהער? איכ פאָדער, מע זאָל מיכ פארהערנ,— האָט ברונאָ געזאָגט, אָבער דער טורמע-וועכטער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט.

טעג זיינענ געגאנגענ נאָכ טעג. ברונאָ האָט געפילט מיט שרעק, אז זיינ מויעכ הייבט אָנ פארטונקלט צו ווערנ, ווי ער וואָלט אָנגעהויבנ צעשמעלצנ זיכ פונ דער שרעקלעכער אייביקער היצ. ער האָט שוינ קימאט גאָרנישט ניט געקאָנט טראכטנ. ער האָט נאָר געקרעכצט, שלינגענדיק די לופט מיט די איבערגעטריקנטע ליפנ, ווי א פיש, וואָס איז ארויסגעשלעפט געוואָרנ אפנ זאמד, צולייגנדיק דעמ שטערנ דאָ צו דער וואנט, דאָ צו דער פאָדלאָגע, דער קאָפ זאָל ניט פלאצנ. דער שטיינ פלעגט נאָכ עפעס קילנ. ברונאָ האָט שוינ פארגעסנ אלצ, מיט וואָס ער האָט פריער געלעבט. ער האָט וועגנ קיינ זאכ ניט

געקאָנט טראכטנ, אכוצ דער שרעקלעכער היצ. דער בלויער קוואדראט — דער הימל — האָט בא אימ ארויסגערופנ שרעק. א מוירעדיקע שוואכקײַט האָט געשמידט זײַנע הענט אונ פיס, אינ די אויערנ האָט געקלונגענ. די געדאנקענ האָבנ זיכ געפּלאָנטערט. קאָפּערניק... פּטאָלאָמעוס... איז דענ ניט אלצײנס, ווער פונ זיי איז גערעכט? אבי נאָר אָט דער פארפלוכטער בלײַענער דאכ זאָל ניט צעגליט ווערנ פונ דער זונ.

נאָר אָט האָט א קלונג געטאָנ דער שליסל אינ שלאָס ניט אינ דער געוויינלעכער צײַט. די טיר האָט זיכ געעפנט. אנ אָפיצער א איז געשטאנענ אפנ שוועל אונ האָט מיט זשעסט פאָרגעלייגט אופהייבנ זיכ דעמ לעבעדיקנ בארמינענ, וואָס איז געלעגנ אפנ שטרויענעמ מאטראצ אונ האָט געהייסנ דזשאָרדאנאָ ברונאָ.

דער בארמינענ האָט זיכ אופגעהויבנ, אָנהאלטנדיק זיכ פאר דער וואנט. די פיס זײַנע האָבנ זיכ געבויגנ, אָבער ער האָט דאָכ געמאכט עטלעכע טריט צו דער טיר. קיינער האָט אימ ניט אויסגעשטרעקט קיינ האנט. ער האָט געמוזט גיינ אליינ. אונ ער איז געגאנגענ, וואקלענדיק זיכ, קלאמערנדיק זיכ פאר אלצ, אָנ וואָס די הענט האָבנ זיכ אָנגעשטויסנ. אבי נאָר ארויסגיינ כאָטש אפ א קורצער ווײַלע פונ אָט דעמ העלדישנ צעגליטנ קעסטעלע.

דזשאָרדאנאָ ברונאָ איז געגאנגענ אפנ פארהער פונ דער הייליקער ווענעציאנישער אינקוויזיציע.

אונ מיט יעדנ טריט, מיט יעדער באוועגונג האָט אינ אימ אופגעלעבט עפּעס אזוינס, וואָס ער האָט פארגעסנ. פונ פינצטערנ קאָרידאָר האָט פלוצעמ א שמעק געטאָנ מיט קילקײַט, אונ ברונאָ האָט אפ א מינוט ווי אופגעלעבט. ער האָט שוינ ניט געוואָלט באווײַזנ די טורמע-וועכטער זײַנ שוואכקײַט, ער האָט זיכ געסטארעט צו גיינ מונטער אונ פעסט. ווענ מע האָט אימ דורכגעפירט דורכ איינעמ א קליינעמ זאל, האָט ער זיכ דערזענ אינ וואנט־שפּיגל. ער איז געווענ מאָגער אונ שרעקלעכ, אָבער די אויגנ האָבנ בא אימ געפינקלט אונ זײַנ אויסזענ איז געווענ שטאָלצ.

נאָכ שטאָלצער פאריסנ דעמ קאָפּ, איז ער ארײַנ אינ זאל פונ געריכט.

שווארצע מענטשנ אינ מאסקעס זײַנענ געזעסנ באמ טיש, שושקענדיק זיכ.

דזשאָרדאנאָ ברונאָ האָט זיך רויִק אָפּגעשטעלט פאַרן טיש. ס׳איז געוואָרן שטיל. אין די אויגנלעכער פון די מאַסקעס האָט ער געזען פאַרשנדיקע בליקן.

— דו ביסט דער אפּיקוירעס דזשאָרדאַנאָ ברונאָ? — האָט ענדלעך געפרעגט מיט א פארשטיקטער שטים איינער פון די שוואַרצע מענטשן.

ברונאָ האָט אָפּגעהוסט. ער האָט מוירע געהאַט, אַז די ווערטער וועלן בלייבן שטעקן אין זיין אויסגעטריקנטן האַלדז.

ער האָט געענטפערט:

— יאָ, איך בין דער אפּיקוירעס דזשאָרדאַנאָ ברונאָ.

VIII. דער פּרעסטיזש פון רוים

דעם 24־טן אויגוסט 1592 איז פאָרגעקומען א פייערלעכע גאָטעסדינסט לעקאָוועד דעם 25־טן יאָרטאָג זינט דער באַרטאָלעמעוס־נאַכט אין פּאַריז. דער קאַרדינאַל סאַן־סעווערינאָ האָט אין זיין דראָשע אָנגערופן אָט די בלוטיקע נאַכט — „א יאָנטעוו פאַר די קאַטוילן".

נאָך דער גאָטעסדינסט האָט סאַן־סעווערינאָ באַזוכט דעם קאַרדינאַל מאַדרוטשי אין זיין פּראַכטפולן פּאַלאַץ. מאַדרוטשי איז געווען דער גרויסער אינקוויזיטער אין רוים, סאַן־סעווערינאָ — זיין געהילף.

איינגעמאַטערטע פון דער לאַנגער גאָטעסדינסט, זיינען די קאַרדינאַלן געזעסן אין די פאָטעלן. אַפּ א טישל אין א גאָלדענער וואַזע האָבן פאַר זיי געגרינט הענגלעך פון זעלטענע וויינטרויבן, דורכגעזאַפּטע מיט דער זון פון קאַמפּאַנ, אָבער אָפּגעקילטע אין דעם קאַרדינאַלס סקלעפּ... ווייסער אייז־קאַלטער וויין האָט זיך געגלידערט אין קרישטאָלענע בעכערס. פון פּאַלאַץ־פענצטער האָט מען געקאָנט זען דעם קופּאָל פונעם פּעטרוס־טעמפּל אַפּן פאָן פון יאַמבלויען הימל.

— און דאָך איז א כאַרפּע פאַר רוים, — האָט געזאָגט סאַן־סעווערינאָ, נעמענדיק אין האַנט דעם פּראַכטפולן הענגל און אָפּרייסנדיק מיט זיינע דינע פינגער א בערושטין־ווייַנטרויב. — ס׳איז א כאַרפּע פאַר רוים, וואָס וועניציע מישפּעט ברונאָן. ברונאָ איז צו באַרימט

און צו געפּערלעך. דאָ, אינעם הארץ פון דער קאַטוילישער קירך, האָט ער באַדאַרפט שטיין פאַרן געריכט, און ניט אינעם פּאַלאַץ פון די דאָזשן. אָפּ אײַער אָרט, מאָנסיניאָר, וואָלט איך אַי־בערצײַגט דעם הייליקסטן פאָטער אונדזערן, דעם פּויפּסט, ער זאָל באַפעלן דעם ווענעציאַנישן ביסקופּ צושטעלן ברונאָן קיין רוים.

דער גרויסער אינקוויזיטער האָט אָנגעכמורעט די ברעמען.

— מיר האָבן ניט איין מאָל אויפגעהויבן די פראַגע. די ווענע־ציאַנער האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט אין זייער רויב און ווילן אים ניט אַרויסלאָזן. איר ווייסט דאָך, אַז ווענעציע און רוים זײַנען ניט בעשאָלעם צווישן זיך. אונדזער הייליקער פּאָטער איז ניט גענוג פעסט.

דער קאַרדינאַל מאַדרוטשי האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס. ער האָט ווי געוואָלט זאָגן: ווען איך וואָלט געווען דער פּויפּסט, וואָלט איך שוין געקאָנט מאַכן אונטערטעניק ווענעציע.

— פריִער אָדער שפּעטער וועלן מיר אויספירן אונדזערס, — האָט ער געזאָגט נאָך אַ קורצן שטילשווײַגן.

— איך האָב מוירע, אַז דאָס וועט זײַן טאַקע שפּעט... אָפּזיצן דרײַ כאַדאָשים, און נאָך זומער, אין די בלײַענע טורמעס פון ווע־נעציע... אַכוץ דעם האָט מען אים עטלעכע מאָל געפּײַניקט... אָט וואָס מיר שרײַבט מײַן פרײַנט ליודאָוויק טאַבערנאַ — דער פּויפּסט־לעכער נונציוס אין ווענעציע.

דער קאַרדינאַל סאַן־סעווערינאָ האָט אַרויסגענומען פון די ברייַ־טע פאַלבן פון זײַן קאַרדינאַל־מאַנטל אַ פּינקטלעך צונויפגעלייגט בריוו. ער האָט אים פאַנאַדערגענומען און גענומען לייענען:

„אָפּ דער לעצטער זיצונג פון דער הייליקער קאָלעגיע האָבן מיר ווידער גענומען אָפּן פאַרהער ברונאָן אַליין. אָפּאָנעם, די יעסור־רים, וואָס ער האָט געליטן, האָבן ענדגילטיק אָפּגעשוואַכט ניט נאָר זײַן קערפּער אַליין, נאָר זײַן גײַסט אויך. ער האָט שוין ניט געקאָנט שטיין אָפּ די פיס און געדעט נאָר שעפּטשענדיק. זײַן הויט האָט געפּלאַצט און האָט זיך באַדעקט מיט בלאָטערס. דאָס איז געוויינלעך בא אַלע, וואָס זיצן אין דער בלײַענער טורמע. ברונאָ האַלט זיך שוין גאָר ניט אַזוי, ווי באַם ערשטן פאַרהער. ער שטימט שוין אײַן אָפּצוזאָגן זיך פון אַ סאַך אַפּיקאָרסעסן זײַנע און איז זיך מוידע אין דעם, אין וואָס ער האָט פריִער ניט געוואָלט זיך מוידע זײַן. ער בעט ראַכמאָנעס, ער זאָגט צו צו פאַרגלעטן זײַן שולד. דער

ביסקופ פון וועגעציע און דער אינקוויזיטער שטאָלצירן דערמיט, וואָס צו זיי געהערט די ערע פון אויסדרעסירן אָט דעם לייב, וואָס האָט אזוי לאַנג געריסן די קירכע. איך מיין, אז זיי וועט זיך בעע־מעס איינגעבן ארויסבאַקומען בא ברונאָ א פולקומען אָפּזאָג, אויב ער וועט נאָר ניט שטאַרבן פריער פון אויסגעצערטקייט און פון די פייניקונגען, און דאָס איז זייער מעגלעך. אויב דער רוימישער טראָן וויל אליין מישפּעטן ברונאָ, טאָר מען ניט וואַרטן. איך האָב שוין געשריבן דעם הייליקן פאָטער וועגן דער ערנסטקייט פון דער לאַגע, אָבער אלע מיטלען, וואָס רוים האָט ביז איצט אָנגענומען, זיינען ניט גענוג און אלע ענציקליקעס צום ביסקופ פון וועגעציע זיינען צו מילד...״ — אָט, מאָנסיניאָר, וואָס דער נונציוס שרייבט. איך מיין, אז עס וועט זיין א קנאַפּע סימכע, אויב ברונאָ וועט שטאַרבן אונטער דעם צעהיצטן דאַך פונעם דאָזשן־פּאַלאַץ. די עמעס גלויביקע וועלן זיין אומצופרידן. זיי וועלן דאָס פארשטיין — און זיי וועלן האָבן רעכט, אויב זיי וועלן דאָס פארשטיין, אלס א שוואַכקייט אין דעם הייליקן פאָטער, אי פון... דער רוימישער אינקוויזיציע...

— נאָכן היינט וועל איך איבערריידן מיטן פויפּסט, — האָט קאַר־דינאַל מאַדרוטשי געזאָגט שטרענג, — דאָס טאָר מען ווירקלעך ניט דערלאָזן. איך וועל אליין אָנשרייבן די ענציקליקע קיין וועגעציע און דעם פויפּסט וועל איך בעטן נאָר אונטערשרייבן זי. אונדזער קירכע איז איין איניק, און זי האָט נאָר איין עלטסטן — דעם פויפּסט. ניטאָ ניט קיין וועגעציע, ניט קיין פלאָרענץ, ניט קיין נעאַפּאָל. אין די איניאָנים פון דער קירכע איז פאַראַן נאָר רוים, און דאָס, וואָס רוים הייסט, מוז אויסגעפירט ווערן.

דער קאַרדינאַל האָט א פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— רוף אריין דעם סעקרעטאַר, — האָט ער געזאָגט דעם דינער, ווען ער איז אריין.

גייענדיק שטיל איבערן בלאַנקנדיקן פּאַרקעט, האָט זיך באוויזן אַן איינגעהויקערטער מענטש, שוואַרץ געקליידעט, מיט א טינטער און מיט א ווייסע געגרזענע פעדער אין האַנט.

טיף פאַרנייגט זיך, איז ער ארומגעגאַנגען די קאַרדינאַלן און זיך געזעצט באַם פענצטער בא א טישל. פון א שופלאָד פון טיש האָט ער ארויסגענומען א פּאַרמעט און א זאַמדשאָל.

— צום מאָנסיניאָר לאָרענצאָ פּריולי, דעם ביסקופ פון וועגעציע... —

האָט אָנגעהויבן דיקטירן דער קאַרדינאַל מאַדרוטשי.— מיר באַפֿוילן אייַך מיט אונדזער הייליקסטער מאַכט...

דער סעקרעטאַר האָט זיך עטוואָס פֿאַרקרימט פֿאַרוואונדערט אָפּן קאַרדינאַל, אָבער ווען ער האָט געכאַפּט זייַן גרויזאַמען בליק, האָט ער גלייַך אָנגעהויבן שנעל פֿירן מיט דער פֿעדער איבערן פּאַפּיר.

— מיר באַפֿוילן אייַך,— האָט ער געמורמלט,— מיט אונדזער הייליקסטער מאַכט... דעם אַפּיקוירעס דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, וואָס געפֿינט זיך אין ווענעציע און די אינקוויזיציע האָט אים אַרעסטירט... טייקעף נאָכן באַקומען אָט אָ די ענציקליקע... צושטעלן קיין רוים... צום איבערגעבן אים דעם גרויסן רוימישן אינקוויזיטער, ווייַל אַזוינע וויכטיקע איניאַנים...

דער קאַרדינאַל מאַדרוטשי האָט גערעדט לאַנגזאַם און וואָגיק. זייַנע ווערטער זייַנען געפֿאַלן אָפּן פּאַרמעט, ווי שווערע געוויכטן.

— אַלץ,— האָט ער ענדלעך געזאָגט.— פּונקט.

דער סעקרעטאַר האָט געשטעלט אַ פּונקט, האָט באַשאָטן דעם פּאַפּיר מיט טרוקענעם און דריבנעם טייַך-זאַמד, אַראָפּגעשאָטן דעם זאַמד אין קוישל אונטערן טיש, ווידער איינגעטונקט די פֿעדער אין טינט, זיך טיף פֿאַרנייגט און דערלאַנגט די פֿעדער און דעם פּאַפּיר דעם קאַרדינאַל צום אונטערשרייַבן.

— אונטערשרייַבן וועט דער פּויפּסט! — האָט דער קאַרדינאַל געזאָגט שטרענג.

דער סעקרעטאַר איז אָפּגעשפּרונגען, אויסבויגנדיק זיך אין טיפֿער אַכטונג.

— ווען איך וועל הייַנט אָוונט פֿאָרן אין וואַטיקאַן, וועט איר מיר געבן אָט דאָס פּאַפּיר.

דער סעקרעטאַר איז פֿאַרשוווּנדן, ווי אַ שוואַרצער געשפּענסט.

קאַרדינאַל מאַדרוטשי האָט אַרויסגענומען אַ זייַדן טיכל און אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן.

— אָבער עס ווערט הייס ניט צום אַריבערטראָגן,— האָט ער געזאָגט, שלינגנדיק מיט פֿאַרגעניגן דעם איינזיקאַלטן אַראָמאַטישן ווייַן. — בא מיר איז טרוקן געוואָרן אין האַלדז.

דער קאַרדינאַל סאַנ-סעווערינאָ האָט גענומען נאָך אַ הענגל.

— יאָ, ס'איז הייס,— האָט ער געזאָגט.

עס קאָן זייַן, אַז ביידע האָבן אין דעם מאָמענט אַ טראַכט

געטאָנ וועגנ דעמ קלײנעמ קעמערל, אָנגעגליט ווי אנ אויוונ, ווו עס האָט זיכ געקאָרטשעט אפ א שטרויענעמ מאטראצ דער מאָגערער אונ בלאסער ארעסטאנט, אומזיסט וועלנדיק שטילנ זײַנ דאָרשט מיט ווארעמ עקלדיק וואסער.

אפּאָנעמ, אז זיי האָבנ וועגנ דעמ א טראכט געטאָנ, ווײַל סאנ-סעווערינאָ האָט פּלוצעמ געזאָגט:

— ער זאָל דאָרטנ נאָר ניט שטארבנ פאר דער צײַט.

— ניינ, ניינ, — האָט מאדרוטשי אָפּגעענטפערט זיכער, — גאָט וועט ניט דערלאָזנ, אז עס זאָל אזוי געטראָטנ ווערנ די מאכט פונ זײַנ שטעלפארטרעטער אפ דער ערד. ווענעציע דארפ זיכ בויגנ פאר רוימ. אונ דאָס וועט אזוי זײַנ.

— אָמײנ! — האָט געזאָגט דער קארדינאל סאנ-סעווערינאָ אונ גענומענ א דריטע הענגל.

XI. ווידער אינ וועג

ווענ אינ ווענעציע איז אָנגעקומענ דעמ פּויפּסטס שטרענגע ענג ציקליקע, האָט ברונאָ קימאט געהאלטנ באמ שטארבנ. ער איז שוינ קימאט געווענ גרייט אָפּצוזאָגנ זיכ פונ זײַנ גאנצער לערע, אונ דעריבער האָט די ווענעציאנישע גײַסטלעכע מאכט באזונדערס ניט געוואָלט אימ ארויסלאָזנ. אָבער דער פּויפּסט האָט געסטראשעט מיט זײַנ אפּאָסטאָל-גלײַכנ אונ הייליקסטנ צאָרנ. די ווענעציאנישע וועלטלעכע רעגירונג האָט ניט געוואָלט זיכ קריגנ מיט רוימ.

שפּעט באנאכט האָט מענ ארויסגעטראָגנ ברונאָנ פונעמ פּאלאצ פונ די דאָזשנ (גיינ האָט ער ניט געקאָנט פונ שוואכקײַט) אונ מע האָט אימ אוועקגעלייגט אינ א גאָנדאָלע.

די גאָנדאָלע איז אוועקגעשוווּמענ איבער דער לאגונע. ס'איז געווענ א קלאָרע לעוואָנע-נאכט. ברונאָ האָט דערהערט די קלאנגענ פונ ווײַטע לוסטיקע לידער. ער האָט זיכ דערמאָנט טשיאָטעס ווערטער, וואָס יענער האָט אימ געזאָגט אינ פראנקפורט, אונ האָט א טראכט געטאָנ, אז דער טויט ווארט אפ אימ אפ די לאגונעג-ראכוועסנ. אָבער אימ איז שוינ געווענ אלצײנס. אבי נאָר גיכער.

ס'איז נאָכ גוט, וואָס פארנ טויט האָט זיכ אײַנגעגעבנ כאָטש

עטוואָס אַן אָטעם טאָן מיט לופט. און מיט וואָס פאַר א לופט! ברונאָ האָט געטרונקען, געשלונגען אָט די לופט — א פרישע, א קי־לע, א ווארעמע, א געזאלצענע און א פײַכטע.

עמעצער האָט אים א נעם געטאָן פאַר דער פּלייצע. איצט קומט דער טויט.

אָבער מע האָט אים ווידער אוועקגעטראָגן ערגעץ ארופצו און מע האָט אים ווידער אוועקגעלייגט.

ברונאָ האָט קוים אופגעהויבן זײַן קאָפּ און זיך ארומגעקוקט. ער איז געלעגן אַפן דעק פון א גרויסער גאלערע (א שיפל) מיט פילע רודערס. אַן די זײַטן פון דער גאלערע האָבן זיך געשווענקט די כוואליעס פון יאַם. עמעצער האָט ארויסגערעדט דאָס וואָרט „אַנ־קאָנע". אנקאָנע איז א גרויסע האנדל־שטאָט אין איטאליע. איב־ריקנס, ברונאָ האָט איצט געוואָלט נאָר רו. דער געגעזונדיקער שלאָף האָט אים אײַנגעהילט צוזאמען מיטן יאַם־ווינטל. ברונאָ האָט שוין לאנג ניט געפילט אזא זעליקײַט. שלאָפן! שלאָפן!

ווען ער האָט אופגעעפנט די אויגן, האָט זיך ברונאָ פארוווּ־נדערט. ער האָט דערזען איבער זיך דעם בלויען הימל און א ברייטן, אַן אומענדלעכן ברייטן רוים. ער האָט זיך ארומגעקוקט. אומעטום בלויקײַט. הימל, יאַם... עס ווײַסלען זיך שוימיקע כוואליעס, און עס ווײַסלען זיך מעוועס, דורכטראָגנדיק זיך מיט טרויעריקע געשרייען איבער דער גאלערע. דער זעגל איז אָנגעבלאָזן, עס סקריפּעט דער מאסטבוים.

דער שלאָף און די לופט האָבן אזוי דערקוויקט ברונאָן, אז ער האָט אפילע געפונען אין זיך קויכעס צו זעצן זיך.

— אהא — האָט געזאָגט א גראָבע שטים, — דער באָכער האָט אָפּגעלעבט.

דאָס האָט געזאָגט א מאטראָס, וואָס איז געזעסן אַפ א הויפן שטריק און געקײַט א לוסטע ברויט. צוויי ווערטער האָבן א קוק געטאָן אַפ ברונאָן, אָבער, ווײַזט אויס, דאָ, אינמיטן יאַם, זײַנען די ווערטער אויך מילדער.

— פרעסן ווילסטו? — האָט אײנער פון זיי געפרעגט.

— איך וויל, — האָט ברונאָ געענטפערט אנטשלאָסן.

מע האָט אים געגעבן ברויט, שמאלץ און ווײַן. דאָס אלץ האָט זיך אים ארויסגעדוכט אומגעוויינלעך געשמאַק.

— אָט וואָס איך פארשטיי ניט, — האָט געזאָגט דער מאטראָס, — אויב דו ביסט א מעכאשעפ, — איז וויאזוי האָסטו זיך דאָרטן אין טורמע ניט אָנגעקישעפט קיין עסן... פארוואָס האָסטו ניט כּאָרעוו געמאכט די הענט?

— הייסט עס, אז איך בין ניט קיין מעכאשעפ.

— און אויב דו ביסט ניט קיין מעכאשעפ, איז צו וואָס פײַניקט מען דיך? פארוואָס האלט מען דיך אונטערן שלאָס?

— ער איז ניט קיין מעכאשעפ, נאָר אן אפּיקוירעס, — האָט געזאָגט דער וועכטער איבערצײַגנדיק, — איבריקנס, איז מיט אים פארבאָטן צו ריידן. דער קאָמאנדיר קאָן נאָך דערהערן. און מע קאָן זיך נאָך עפּשער אומריין מאכן מיט אן אפּיקוירעס. נעמט אים דער טײַוול.

דער מאטראָס האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט אָפּגעזיפצט און זיך איבערגעציילעמט.

— ווער פארפאלן, צעשיט זיך, אָנשיקעניש, — האָט ער ארויסגעפּרעפּלט.

ברונאָ האָט געהערט דעם שמועס. אָבער דאָס האָט אים א האָר ניט באליידיקט און ניט ארײַנגעבראכט אין קאס. פּראָסטע, אומוויסנדיקע מענטשן האָבן אנדערש ניט געקאָנט ריידן. אן אנדער זאך איז וועגן אזוי האָבן גערעדט די, וואָס האָבן געהאט דרײַ און פיר מאָל דעם טיטל דאָקטער.

ווידער האָט זיך צו ברונאָ אומגעקערט זײַן אמאָליקע היץ, זײַן אמאָליקער מוט, מיט יעדן אָטעם-צוג, מיט יעדן טראָפּן לופט, מיט יעדן בלאָז פון ווינט איז פעסטער געוואָרן זײַן קערפּער און צוזאַמען מיט דעם אויך זײַן אנטשלאָסנקייט.

די זון איז ווידער געוואָרן די ליבע קוויקנדיקע זון, ווי זי וואָלט זיך געאײַלט גיכער אופצולעבן דעם, וועמען זי האָט שיר ניט געטויט. די גוטמוטיקע מאטראָסן, ציילעמענדיק זיך און אויסשפּײַענדיק, פלעגן דאָך טראקטירן ברונאָן מיט ברויט, פליש, קעז.

אין אנקאָנע איז שוין ברונאָ אליין ארויף פון דער גאלערע. ער איז ארײַנגעקראָכן אין א שווערער פור, וואָס האָט זיך לאנגזאם גענומען שלעפּן אפּריער איבער די שטינקעדיקע גאסן, נאָכדעם איבערן ווײַסן וועג צווישן בערג, באוואָקסענע מיט ווײַנטרויבן.

פון אלע זײַטן היימישע בילדער.

ברונאָ איז איצט געווען געשמידט אינ קייטנ. אָבער ער האָט זיכ ווידער געפילט פרײַ. אימ האָט שוינ קיינ זאכ ניט געבראכט אינ פארלעגנהײַט, קיינ זאכ האָט אימ ניט געשראָקנ. אָ! רוימ וויל אימ מאכנ צו שאנדע פאר דער גאנצער וועלט. איז ניינ!

אינ דער פור האָט מענ צוזאמענ מיט ברונאָנ געפירט נאָכ צוויי ווייניקער וויכטיקע פארברעכער. יענע האָבנ געוויכט פונ אימ, ווי פונ א פארפעסטעטנ. דאָס זײַנענ געווענ גאנאָווימ, אָבער גוטע קאָ־טוילנ. די רײַטער־וואכ האָט ארומגערינגלט די פור. די וועכטער האָבנ געשאָלטנ די היצ, זיי האָבנ זיכ געפאָכעט מיט זייערע קאפעליושנ מיט די ברייטע ראנדנ, אונ ברונאָ האָט נאָר געשמייכלט, וואַרע־מענריק זיכ אפ דער זונ אונ דערמאָנענדיק זיכ די שרעקלעכע „בלײַענע" היצ. אונ די לײַט האָבנ נאָכ די האָזע צו קלאָגנ זיכ אפ דער היצ!

די פור האָט זיכ געקײַקלט לאנגזאמ, ווײַל דער וועג איז גע־גאנגענ בארג־ארופ. די געגנט איז געוואָרנ מיט יעדנ טאָג אלצ מער וויסט. קיינ ווײַנגערטנער איז שוינ ניט געווענ. צווישנ די שטיינער־דיקע בערג האָבנ געבלאָנדזעט סטאדעס ציגנ, וועלכע עס האָבנ גע־פיטערט האלבנאקעטע פאסטעשקעס, שווארצע ווי נעגער־קינדער. אפ די פאסטעשקעס האָבנ אכטונג געגעבנ, זיצנדיק אפ די שטיינער גרײַז־גראָע אלטיטשקע, מיט צערונצלטע, צעקנייטשטע, ווי פונ לײמ אויסגעקנאָטענע פענעמער אונ מיט לאנגע ווײַסע בערד. זיי האָבנ באגלייט די פור מיט אָנגעשטרענגטע שטארע, שווערע בליקנ. אמאָל פלעגנ זיי אויסריידנ עטלעכע ווערטער מיט די וועכטער, אונ ווענ זיי פלעגנ זיכ דערוויסנ, אז מע פירט אנ אפיקוירעס, פלעגנ זיי אויסשפײַענ. אָבער געשפיגנ האָבנ זיי אויכ רויק, ניט געײַלט, ווי זיי וואָלטנ אָפגעטאָנ א נייטיקנ ריטואל.

אזוי איז מענ געפאָרנ א סאכ טעג. אלצ בארג־ארופ, בארג־ארופ.

ענדלעכ האָט זיכ איינמאָל באוויזנ א לאנדשאפט, ווײַט, ווײַט אינ אלע זײַטנ.

די פור האָט זיכ דערקײַקלט ביזנ אריבערגאנג איבער דער אפענינער בארג־קייט.

אינ די טאָלנ האָט מענ געקאָנט זענ דערפער, ווײַנגערטנער, גערטנער. די פערד האָבנ גענומענ לויפנ פרייכעלער. מיט יעדנ טריט

זייערן, מיט יעדן קער פֿון דער קאָלאָסאַלער סקריפּעדיקער ראָד איז ברונאָ געקומען נענטער צו רוים. און ווידער איז ער געווען דער האַר איבער זײַן אייגענעם לעבן. ער האָט ווידער געקאָנט לויט זײַן אייגענעם פֿאַרלאַנג בלײַבן לעבן אָדער אומקומען. און ווידער איז ער געווען פֿול מיט אַנטשלאָסנקייט און קראַפֿט. די לופֿט, די זון, דאָס באַוועגן זיך פֿון דער פֿור אַפֿן וואָגן האָט אים אומגעקערט דאָס לעבן. די קייטן? אָבער וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן אָט די קייטן אין פֿאַרגלײַך מיט דער היץ פֿון דער בלײַענער טורמע? צו אַזוינע קייטן קאָן מען זיך גרינג צוגעוווינען. דערצו נאָך פֿלעגט איינער פֿון די וועכטער, אַ בראַווער סאָלדאַט מיטן נאָמען אַנטאָניאָ מיט כּיישעק אונטערוקן ברונאָן ברויט, פּרוכטן, גאָרטנוואַרג.

ער האָט עטלעכע מאָל ווי געפּרוּווט אָנהייבן ריידן מיט ברונאָן, אָבער יעדעס מאָל פֿלעגט ער מיט מוירע זיך אַרומקוקן און בלײַבן שטיל.

איינמאָל באַנאַכט האָט ברונאָ דערפֿילט בײַ זיך באַם אויער עמעצנס וואַרעמען אָטעם. מע האָט געגעבן אַ צענגע אין אַ דאָרפֿישן שענק. ברונאָ האָט אַפֿריִער געמיינט, אַז דאָס איז אַ הונט, אָבער פּלוצעם האָט זיך פֿון דער פֿינצטערניש דערהערט אַ שושקערײַ:

— ריבעלאָ פֿון יאַלע איז מײַן פֿרײַנט. ער האָט מיט מיר אַ סאַך גערעדט וועגן אײַך.

— ווו איז ער? — האָט ברונאָ אויסגעשושקעט, פֿילנדיק ווי דאָס האַרץ ווערט בײַ אים פֿאַרקלעמט.

— ער דינט איצט אַלס מאַטראָס אויף אַ שיף פֿון ווײַטער נאַווי־גאַציע. ער איז אַוועקגעשוווּמען ווײַט, זייער ווײַט, אין די הייסע לענדער. איך האָב אים געזען אין גענוע און אין פּיזע מיט אַ יאָר צוריק. ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן אײַך. און ער האָט מיך פֿאַרזיכערט, אַז איר זײַט ניט קיין אַפּיקורעס און איר קענט זיך ניט מיטן טײַוול.

— איז ער אַוועקגעשוווּמען ווײַט? — האָט אויסגעשושקעט ברונאָ, דאָס מאָל מיט טרויער.

— זייער ווײַט, ער וועט שווימען אַ סאַך יאָרן... און איר זײַט בעמעס ניט קיין מעכאַשעף?

— געוויס ניט.

— איר זײַט אַן אַפּיקורעס?

— איך האָב זיך צעקריגט מיט דער קירך.
— און דאָס איז ניט קיין אווייַרע?
— נאָך מייַן מיינונג, ניט.
מע האָט געקאָנט הערן, ווי דער סאָלדאַט האָט א זיפצ געטאָן אין דער פינצטער.
— פארוואָס האָט זיך ריבעלאָ אומגעקערט פון פראנקרייַך?
— די מילכאָמע האָט זיך דאָרטן געענדיקט. דער גראף, וועמען ער האָט געדינט, איז דערהארגעט געוואָרן בא פאריזש. ריבעלאָ וויל זייַן רייַך. און מע זאָגט, אז אף יענער זייַט יאם איז דאָ א סאך גאָלד.
ווידער גאָלד! ווען ניט גאָלד, וואָלט זיך ריבעלאָ ניט געוואָגלט ערגעצ איבערן יאם, ער וואָלט עפשער געוווינט אין רוים און עס וואָלט זיך עפשער אייַנגעגעבן צו זען זיך מיט אים.
אנטאָניאָ האָט נאָך געוואָלט עפעס זאָגן, אָבער דער צווייטער וועכטער האָט זיך אָנגעהויבן באוועגן אין שלאָף, און ער איז שנעל אָפגעקראָכן פון ברונאָן. אָבער ברונאָ איז שוין ניט געווען אזוי איינזאם. אנטאָניאָ האָט דאָך געקענט ריבעלאָן.
אין עטלעכע טעג ארום האָט דער קאָמאנדיר פון דער וואך אָפגעשטעלט זייַן פערד. ער האָט אָנגעוויזן אין דער ווייַט, האָט אראָפגענומען זייַן קאפעליוש און זיך איבערגעצייל'עמט. אלע, אכוץ ברונאָן, האָבן נאָכגעטאָן זייַן בייַשפיל.
אין דער ווייַט, ווי א זילבערנער וואָלקן אין הימל־לאזור, האָט געפינקלט דער זילבער־פייַערדיקער קופאָל פון הייליקן פעטרוס.
ברונאָ האָט געקוקט אף אָט דער וויזיע, וואָס איז אים אזוי באקאנט און אזוי פראכטפול. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז א קאָלאָסאל דורכדרינגענדיק אויג באטראכט פון ווייַטן זייַן רויב.
ער האָט אָפגעזיפצט און האָט דאָך ניט געקאָנט אָפרייַסן זייַנע אויגן פונעם גלענצנדיקן געשפענסט.
ס'ארא שיינקייַט! ס'ארא פראכט!
און אין אָט דער שיינקייַט האָט פאר אים געשטעקט דער גרויל

X. „אלבאטראָס" לעבט. דער פודל איז טויט

— וועזוווי! וועזוווי! ריבעלאָ! מע זעט דעם וועזוווי!

א הויכער מיליטער-מאַנ האָט צוגעלייגט די האַנט צום שטערנ צו פאַרשטעלנ די אויגנ פונ דער זונ, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אופגעהויבנ איבערנ האָריזאָנט.

ווירקלעך, א דרײַעקיקער וואָלקנ איז קלאָר ארויסגעטראָטנ אפ דער גלאַטקײַט פונ יאַם.

אינ צוויי שאָ ארום וועט „אלבאטראָס" זײַנ אינ פּאָרט.

ריבעלאָ האָט זיך אינ אופרעגונג געזעצט אפנ קאַסטנ נעבנ דעם מאַסטבוים אונ געקוקט, געקוקט. זיבנ יאָר האָט ער געוואָגלט איבער די ווײַטע היציקע יאַמענ, ווײַט פונ זײַנ היים. פיל מאָל בײַס די שרעקלעכע שטורעם-ווינטנ, הונגער-לײַדנ, שלאַכטנ האָט ער זיך אפ אייביק געזעגנט מיט איטאַליע. אונ אָט איז ווידער נעאַפּאָל!

ריבעלאָ האָט זיך דערמאָנט דעם פרימאָרגנ, ווענ ער איז געגאַנגענ אפנ וועג, קוקנדיק אינ דער ווײַט אפ דער שיפ, וואָס האָט זיך געהאַלטנ אינ דערנעענטערנ.

אונ איצט שווימט ער אליינ אפ דער זעלבער שיפ אפנ יאַם, אונ עפּשער בלאָנדזעט אנ אנדער ריבעלאָ אינ שטאָט ארײַנ, קוקנדיק אפ די ווײַסע זעגלענ אונ טרוימענדיק וועגנ ארבעט. די זונ גייט אופ פונקט אזוי, ווי זי איז אופגעגאַנגענ דעמלט, אונ פונקט אזוי רויכערט זיך דער וועזוווי. נאָר דעמלט איז געווענ האַרבסט, אונ איצט איז פרילינג, אונ ער, ריבעלאָ אליינ, איז אנ אנדערער, גאָר אנ אנדערער.

מיט אים איז שוינ ניטאָ זײַנ שווארצער פרײַנט, דער פודל. דער פודל האָט פרידלעך קרעפּירט, ער איז דערגאַנגענ ביז טיפע יאָרנ, ווי פאַר א הונט. „אלבאטראָס" שווימט איבערנ יאַם, אונ באַלד וועט ריבעלאָ ארופטרעטנ אפ די ברייטע פלאַכע שטיינער פונ דער באַקאַנטער ברעג-גאַס. זיבנ יאָר האָט ער געוואָגלט איבער יאַמענ. אינ נעאַפּאָל איז ער שוינ ניט געווענ א יאָר 20. עס קאָנ זײַנ, אז די ערדציטערניש האָט שוינ כאָרעוו געמאַכט א האַלבע שטאָט. עס קאָנ זײַנ, אז אלע מענטשנ, וואָס ער האָט אמאָל געקענט, זײַנענ שוינ לאַנג ארויסגעשטאָרבנ פונ פעסט, פונ אלטקײַט...

די מאַטראָסנ האָבנ אָנגעהויבנ לויפנ, אוועקנעמענדיק אונ צונויפקײַקלענדיק די זעגלענ.

ריבעלאָ האָט געהאט צו שאפנ מיט דער שיפ-אַרטילעריע. די קאַנאָנירנ פלעגנ נאָכ זײַנ קאָמאנדע ניט איינ מאָל אָנוואַרפנ אַנ איימע אפ די ווילדע אײַנוווינער פונ די אינדזלענ מיט „דונער אונ בליצ", ניט איינ מאָל פלעגנ זיי צווינגענ צו אַנטלויפנ א פרעמדנ פּיראט. אָבער איצט זײַנענ געענדיקט אלע אומרוענ, אלע סאקאָנעס פונ יאם. אָט וואַקסט אַרויס נעאפּאָל פונ וואסער. אלצ דער זעלבער — א גלענצנדיקער פונדערווײַטנס אונ אוואַדע א שמוציקער אינ דער נאָענט. אָט קאָנ מענ שוינ זענ, ווי אינ האפנ באַוועגנ זיכ מענטשנ, הונגעריקע, וואָס וואַרטנ אפ אַרבעט. קאָנ זײַנ, אַז די מענטשנ שרײַענ איצט צו א נײַעמ ריבעלאָ: „גיי אַוועק, שלאָג ניט אָפּ בא אונדז אונדזער ברויט, פּויער". צי האָט אָבער דער נײַער ריבעלאָ א געטרײַעמ הונט, וואָס זאָל זיכ אײַנקלאמערנ אינ דעמ אופזועערס פעטער פוס?

דער אַלטער ריבעלאָ זוכט שוינ איצט ניט קיינ אַרבעט. ער ווייס שוינ זײַנ ווערט. ער האָט עטלעכע גאָלד־בלאָקנ אונ א גאנצע פלאַש גאָלדזאמד. דאָס איז, נאַטירלעכ, נאָכ ניט קיינ אשירעס, אָבער דאָס איז שוינ קיינ אָרעמקײַט געוויס ניט. אונ די 20־יאָריקע מיליטערישע דערפארונג איז אויכ וואָס ווערט. מיט אזוינע וואָנצנ לויפט מענ ניט אומ זוכנ אַרבעט, אונטערגארטלענדיק פונ הונגער דאָס לײַב. יאָ, ריבעלאָ איז ניט פארפאלנ געוואָרנ. ער איז געוואָרנ א לײַט.

די שיפ איז צוגעקומענ גאָר נאָענט, אפ דער זונ האָט א גלאנצ געטאָנ דער קרייצ אפ דער קירכ סאַנ־דאָמיניקאָ־מאַדזשאָרע.

דזשאָרדאַנאָ ברונאָ איז איצט אוואַדע א וואַזשנער פּראָפעסער, א באַרימטער געלערנטער. א קאַשע אפ א מײַסע, ער וועט אוואַדע ניט וועלנ דערקענענ זײַנ אַלטנ פרײַנט. ווענ ריבעלאָ האָט פארלאָזט אייראָפּע, איז דזשאָרדאַנאָ ברונאָס נאָמענ געווענ באַוווּסט אומעטומ. ער האָט טאַקע געצווונגענ א סאַכ מענטשנ צו גלייבנ, אַז די זונ דרייט זיכ אַרומ דער ערד, אָדער, פאַרקערט. ריבעלאָ האָט דאָס בעשומויפנ ניט געקאָנט געדענקענ.

די קייט פונעמ אַנקער האָט גענומענ סקריפּענ אונ קלינגענ. ווידער געשרייענ, צעטראָגנקײַט. דער לעצטער געטומל. די שיפ האָט זיכ אָפּגעשטעלט.

מאָדנע איז פאָרגעקומענ ריבעלאָנ אַרומצוגייִנ איבער אזוינע באַקאַנטע אונ באַגלײַכ פרעמדע גאַסנ.

אָבער קיין איינ באקאנט פּאָנעם אינ פענצטער.

אָט איז דאָס הויז, ווו לויזע האָט געוווינט.

אפּנ שוועל זיצט א גראָבער מאַנ אונ שרייַט אפּ די שווארצ־כיינעוודיקע קינדער, וואָס לאָזנ שיפלעכ אינ בלאָטיקע לוזשעס. אָט האָט זיכ די מאכשייפע באוויזנ אינ פענצטער. זי לעבט נאָכ, זי האָט זיכ גאָרניט געענדערט.

— לויזע,—האָט צו איר א געשריי געטאָנ דער גראָבער,—גיב וויַינ, איכ וויל טרינקענ, ווי איַעוו.

— איכ זאָל דיר, פּאראזיט פארפלוכטער, דער הייליקער קליי־מענט זאָל דיכ טויב מאכנ...

ריבעלאָ איז אליינ שיר ניט טויב געוואָרנ. דאָס איז לויזע. די זעלבע לויזע.

ריבעלאָ איז גיכ אוועק, ווי ער וואָלט מוירע געהאט, אז מע וועט אים צווינגענ פארנעמענ דעם גראָבנס אָרט.

אונ הייס איז געווענ ווירקלעכ. ער איז אריַינ אינ א קעלער, ווו עס האָט געשמעקט מיט זויערנ וויַינ.

אינ קעלער איז געזעסנ סאכאקל איינ באזוכער אונ האָט מיט זיכ אליינ געשפּילט אינ צייכנס.

— זע נאָר, דאָס איז דאָכ ריבעלאָ,—האָט ער אויסגעשריִענ.— דו דערקענסט מיר? איכ בינ אנטאָניאָ... פונ גענוע.

— איכ געדענק,—האָט געזאָגט ריבעלאָ.

— דו ביסט געקומענ צושווימענ אפּנ „אלבאטראָס“?

— יאָ, וואָס הערט זיכ נייַס אינ דער וועלט? אז פּיליפּ דער צווייטער פונ שפּאניע איז געשטאָרבנ אונ הייינריכ דער VI האָט אינ פּאריזש אָנגענומענ דעם קאטוילישנ גלויבנ, דאָס ווייס איכ. דאָס האָט מענ אונדז נאָכ געזאָגט אינ גיבראלטאר. ביידע זאכנ האָבנ מיכ ניט גערירט. איז וואָס הערט זיכ אינ איטאליע?

— אינ איטאליע...

אנטאָניאָ האָט זיכ פארטראכט, נאָכדעם האָט ער אופגעציטערט, ווי ער וואָלט זיכ עפּעס דערמאָנט.

— דו האָסט דאָכ געקענט דזשאָרדאנאָ ברונאָ?

— נאָכ ווי,—האָט ריבעלאָ אויסגעשריִענ.—שוינ־זשע איז ער געשטאָרבנ?

— ער איז ניט געשטאָרבנ... דערווייַל.

— פאַרוואָס דערווײַל?

— זעקס יאָר שמאַכט ער אין רוים, אין דער טורמע סאַנטאַ־מאַריאַ, און מע זאָגט...

— וואָס?

— איין צײַט האָט ער זיך נאָך געוואַקלט, אָבער איצט האָט ער זיך ענדגילטיק אַנטשלאָסן. ער וויל זיך ניט אָפּזאָגן... איך ווייס דאָס אַלץ, ווײַל איך האָב געדינט אין דער רוימישער טורמע. איצט האָט מען מיך איבערגעפירט אַהערצו. אַך! ער וועט זיך דערשלאָגן, אַז מע וועט אים פאַרברענען!

— פאַרברענען?

ריבעלאָ האָט דאָס אויסגעשריִען אַזוי הויך, אַז אַנטאָניִאָ האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט און אַ ווונק געטאָן אויפן באַ־לעבאָס פון שענק.

— וואָס שרײַסטו? ער הערט דאָך!

ריבעלאָ האָט אופגערעגט אויסגעטרונקען די גלאָז ווײַן.

— הער, אַנטאָניִאָ... און מע קאָן ניט... אים...?

— וואָס?

— דו האָסט אין טורמע סאַנטאַ מאַריִאַ באַקאַנטע טורמע־וועכטער?

— נו געוויס האָב איך. אַ גאַנצן צענדליק.

ריבעלאָ האָט זיך דערמאָנט וועגן זײַן געלט.

— אַנטאָניאָ, הער, — האָט ער געזאָגט, — נאָר הער אופמערקזאַם...

ער האָט גענומען ריידן אַזוי שטיל, אַז ווי דער באַלעבאָס פון טראַקטיר האָט ניט אויסגעצויגן זײַן האַלדז, האָט ער דאָך גאָרנישט ניט געקאָנט דערהערן אַכוץ אַנטאָניִאָס איינצלנע באַמערקונגען.

— שליסלען פון געלט שליסן אַלץ אוף... די באָכערים זײַנען לוסטיקע... און זיי האָבן ליב אויסצוטרינקען.

ריבעלאָ איז צולעצט אַנשוויגן געוואָרן און האָט ווידער אויס־געטרונקען ווײַן.

— נאָר אײַל זיך, — האָט אַנטאָניִאָ געזאָגט. — ביז רוים איז ניט אַזאַ נאָענטער וועג.

ריבעלאָ האָט אים שטילשווײַגנדיק געדריקט די האַנט, ער האָט אַ שלײַדער געטאָן אויפן טיש אַ מאַטבייע און איז גיך אַרויס פון שענק.

ער האָט זיך גלײַך געלאָזט צו דער שיף, איז אַרײַן אין זײַן קאַיוטע, האָט אופגעשלאָסן אַ קאַסטן און פון אַ הויפן מיט אַלערלײ שמאַטעס אַרויסבאַקומען אַ שווערן גאָלד-בלאָק. ער האָט מיט פאַרגע-ניגן אָפגעוויגן אים אױף דער האַנט.

אין אַ שאָ אַרום איז פון דעם בלאָק געוואָרן בײַ אַ גאָלדשמיד אין קלײט אַ גרויסער הויפן גילדערנע מאַטבײעס, און נאָך אין אַ שאָ אַרום איז פון אַ טײל מאַטבײעס געוואָרן אַ גראָער פערד, אַ זאָטל און געשפאַן.

ריבעלאָ אַלײן איז לײַכט פון אַן אַרטילעריסט געוואָרן אַ קאַ-וואַלעריסט.

און ווען דאָס פערד האָט דערפילט אַן ערנסטן רײַטער, האָט ער גענומען טראָגן אױפן וועג צו רוים.

XI. פערציק טעג

שוין האָבנדיק דערזען פונדערווײַטן דעם קופאָל פון הײליקן פעטרוס, האָט ברונאָ פאַרשטאַנען, אַז דער טויט איז אומפאַרמײַדלעך. ניט ווײַל ער וועט ניט קאָנען מילדער מאַכן זײַנע ריכטער, נאָר ווײַל ער וועט דאָס ניט וועלן טאָן. דער קאַמף פון זײַן גאַנצן לעבן איז ווידער אופגעשטאַנען פאַר אים. שוין-זשע זאָל ער אומברענגען זײַן גאַנצן קאַמף מיט אַזאַ סאָף? ברונאָ האָט אַלײן געענטפערט אױף דער פראַגע פעסט און זיכער: ניין, ניט אומברענגען. בעסער דעם טויט, אײדער כאַרפע.

אױפן ערשטן פאַרהער אין רוים האָט ער זיך געהאַלטן ניט זיכער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואַקלט. אָבער דאָס איז געווען אַ רײן אינסטינקטיווער פאַרלאַנג צו דערווײַטערן דעם פאַטאַלן סאָף. ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף נאָך אַ טראַכט טאָן, נאָכאַמאָל איבערשאַצן אַלץ, וואָס ער האָט באַהױפּט און אַלץ, וואָס ער האָט געלײקנט. מע האָט אים ניט געאײַלט, מע האָט געגלײבט דער אופריכטיקײט פון זײַן טאָן. ווירקלעך, ווען ער זאָל זיך אָפזאָגן צו גיך, וואָלט דאָס געווען אַפילע פאַרדעכטיק סײַ פאַר די פרײַנט סײַ פאַר די פײַנט. צו ברונאָ האָט מען צוגעשטעלט מאָנאַכן און גאַלאָכים, געניטע אין טעאָלאָגישע

שטריַיטן. ער האָט זיך געהאַלטן מיט זיי באַשיידן און פּאָרזיכטיק. ער האָט אָפּגעצויגן ווי מעגלעך דאָס אָנקומען פון דער פּאַטאַלער שאָ. ער האָט צופיל ליב געהאַט דאָס לעבן, אפילע אין דער פינצטערער טורמע-קאַמער פון סאַנטאַ-מאַריאַ. אומקלאָרע האָפענונגען האָבן באַגייסטערט זיַין האַרץ. טאָמער וועט פּלוצעם עפּעס פּאָרקומען. פּלוצעם וועלן די פּראָטעסטאַנטן גיין מיט א מילכאָמע אף רוים. עפּשער וועט היינריך דער פערטער וועלן אײַנעמען איטאַליע. אַן אומזיניקע האָפענונג! אָבער איַנגיכן איז אָט די האָפענונג אויך אויסגערונען.

איינמאָל האָט ברונאָ דערהערט אין זיַין טפיסע א פריידיקן קלאַנג פון גלעקער איבער גאַנץ רוים. קיַין יאָנטעוו איז דעם טאָג ניט געווען. הייסט עס, אַז עס האָט פּאַסירט עפּעס א וויכטיקע און אַן אָנגענעמע זאַך פאַר די קאַטוילן. אָבער וואָס? דאָס האָט ברונאָן דערקלערט דער טורמע-וועכטער.

— היינריך דער פערטער האָט אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן און האָט אים פּראָקלאַמירט אַלס רעליגיע פאַר די פראַנצויזן, — האָט ער געזאָגט פריַערלעך. — גאָט באַזיגט אומעטום זיַינע פיַינט.

דער פריידיקער געקלאַנג פון די גלעקער האָט פאַר ברונאָן געקלונגען, ווי מע קלינגט נאָך א טויטן.

דעם טאָג איז ער לאַנג געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און דער געהיימער אופזעער, וואָס האָט נאָכגעקוקט נאָך אים דורך א ניטקענטיקער שפּאַרונע אין וואַנט, האָט געמאָלדן דעם אינקוויזיטער, אַז דער אַרעסטאַנט איז טרויעריק.

די פּאַטאַלע שאָ איז געקומען אַלץ נענטער.

ענדלעך האָט ברונאָ אויסגעהערט מיט א צאַפּלדיקער האַרץ די באַשטימונג פון דעם הייליקן געריכט, וואָס עס האָט פאַר אים דורכגעלייענט דער וויקאַריוס פונעם אָרדען פון די דאָמיניקאַנער פּאַולוס מיראַנדאָלאָ.

— פאָדערן פון דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, ער זאָל זיך אַנטשיידן אָפּזאָגן פון זיַינע אַלע אַפּיקאָרסעס לויט די אונטן אויסגערעכנטע גרונטפּונקטן, און געבן אים נאָך פערציק טעג צו באַטראַכטן זיך.

דאָ איז גאָרנישט ניט געזאָגט געוואָרן וועגן דעם, וואָס עס וועט פּאַסירן, אויב ברונאָ וועט זיך ניט אָפּזאָגן. אָבער ברונאָ האָט וועגן דעם אויך ניט געפרעגט.

פערציק טעג!

זייער מיל, אויב דו וואַרטסט אפ גליק, אונ זייער ווינציק, אויב דו וואַרטסט אפנ טויט. באַזינעג זיכ איז ניט געווענ וואָס. ס'איז שוינ אלצ געווענ באַשלאָסנ.

אָבער עס ווײַזט אויס, אַז די קירכ האָט נאָכ אלצ געהאָפט אײַנצורײדנ דעמ אומזיניקנ, פויעלנ, ער זאָל זיכ אָפזאָגנ: דאָס דאַרפ זי אַזוי נייטיק צו דערווײַזנ איר קראַפט.

איינמאָל איז צו ברונאָנ געקומענ א קליינינקער מאָגערער גאַלעכ מיט צערטלעכע אויגנ אונ האָט אימ גענומענ אײַנרײדנ שטיל אונ ליבלעכ.

— מײַנ זונ! דער עמעס, וואָס איר גלייבט אינ אימ, וועט דאָכ ניט אופהערנ צו זײַנ עמעס, אויב איר וועט זיכ פונ אימ אָפזאָגנ, אונ אויב ער וועט יאָ אופהערנ צו זײַנ עמעס, הייסט עס, אַז ער איז גאָר קיינ עמעס ניט, אונ דעמלט קאָנ מענ זיכ פונ אימ אָפזאָגנ.

ברונאָ האָט טייקעפ פאַרשטאַנענ, אַז דאָס איז צו אימ געקומענ א יעזויט. דאָס איז געווענ זייער סיסטעמ פונ איבערצײַגנ, זייער באַרימטע קאַזויסטיק.

— דער געערטער פילוקציוס זאָגט, צומ בײַשפּיל,—האָט ווײַטער גערעדט דער קליינער גאַלעכ,—אויב דו האָסט נעכטנ געטאָנ וואָסער עס איז א טאַט, זאָג: „איכ שווער זיכ, אַז איכ האָב דעמ טאַט ניט באַגאַנגענ“, אונ בא זיכ טראַכט: „הײַנט“. אָדער ווענ מע באַשולדיקט דיכ אינ דערמאָרדנ א מענטשנ, וואָס דו האָסט אימ ווירקלעכ דערהאַרגעט, זאָג: „איכ שווער, אַז איכ האָב אימ ניט דערהאַרגעט“, אונ בא זיכ אינ האַרצנ טראַכט דערבײַ: „איידער ער איז געבאָרנ געוואָרנ“. אײַכ זאָגט מענ, זונ מײַנער, אַז איר זאָלט זיכ מודע זײַנ, אַז אײַער לערע איז פאַלש, אונ איר טראַכט דערבײַ: „פונ שטאַנדפּונקט פונ דער קירכ“. אַזויאַרומ וועט איר אויספירנ די פאָדערונג פונ דער קירכ אונ זיכ וועט איר ראַטעווענ.

— נאָר אויב איכ וועל אײַכ זאָגנ, אַז איר זײַט א מענוול, — האָט ברונאָ געזאָגט,—זאָלט איר וויסנ זײַנ, אַז איכ האָב קיינ אַנדער זאַכ דערבײַ ניט געטראַכט...

דער יעזויט האָט זיכ אפ א סעקונדע דערפילט פאַרלעגנ.

— אָבער איר וועט עס ניט זאָגנ!—האָט ער אויסגערעדט, ווענ ער איז געקומענ צו זיכ.

— ניינ, איכ זאָג דאָס: איר זײַט א מענוול!

— דאָס זאָגט ניט איר, נאָר דער רועכ, וואָס זיצט אינ איַכ.

ער איז אוועקגעגאנגענ, אפּאָנעם, מיט פּארדראָס, וואָס ער האָט ניט באוויזנ צו פּועלנ זײַנס.

ציילנדיק די טעג, האָט זיכ ברונאָ דערמאָנט, ווי ער האָט גע-ציילט די טריט אינ יענער נאכט, ווענ ער איז אנטלאָפנ פונ רוים. אָבער דעמלט איז ער געלאָפנ פונ טויט, וואָס האָט זיכ פּארטײַעט אינ דער פינצטערניש, איצט איז ער אליינ געגאנגענ דעמ טויט אנטקעגנ. דעמלט האָט מענ אימ געזאָגט: „פּארלאָז די שטאָט“. איצט וועט אימ שוינ קיינער ניט ראַטעווענ. דער אלטער מארטינאָ איז טויט. אנטאָניאָ, מיט וועמענ ער האָט געהאט אָנגעהויבנ צו פירנ פרײַנטשאפט, האָט מענ ערגעצ אריבערגעפירט: אפּאָנעמ, ער האָט ארויסגערופנ א כשאד.

צולעצט, איז דורכגעגאנגענ דער לעצטער טאָג.

דער וויקאריוס פּאולוס מיראנדאָלאָ איז געקומענ אינ קאמער צו ברונאָנ אינ דער זעלבער שאָ, ווענ ער האָט אימ מיט פערציק טעג צוריק דורכגעלייענט דעמ באשלוס פונ געריכט. מינוט אינ מינוט.

— איכ בינ געקומענ נאָכ אנ ענטפער, — האָט ער ארויסגערעדט, קוימ איַנהאלטנדיק זײַנ נײַגיר.

— איכ זאָג זיכ ניט אָפּ פונ קיינ זאכ, וואָס איכ האָב געזאָגט אָדער וואָס איכ האָב געשריבנ, — האָט ברונאָ ארויסגערעדט מיט א פּארשטיקטער שטימ, — אכוצ איינ ווערק מײַנס, וואָס איז נאָכ ניט אָפּגעדרוקט אונ איז אוואדע ארײַנגעפאלנ אינ די הענט פונ דער אינקוויזיציע נאָכ אינ ווענעציע.

— פונ וואָס פּאר א ווערק? — האָט דער וויקאריוס שנעל געפרעגט.

— פונ דעמ ווערק, וואָס איכ האָב געווידמעט דעמ פּויפּסט, — „וועגנ זיבנ קונסטנ“.

ברונאָ האָט זיכ אָפּגעקערט אונ זיכ געזעצט אפנ באנק. אימ איז שווער געווענ ארויסצוטראָגנ זיכ אליינ א טויט-אורטייל. אונ מיט די ווינציקע ווערטער האָט ער זיכ אליינ פּארורטיילט צומ טויט. אונ א באשטעטיקונג פונ דעמ האָט ער באקומענ אינ מאדרוטשיס פּראכט-פולנ פּאלאצ, וווהינ מע האָט אימ געבראכט באנאכט אפ א זיצונג פונ דער הייליקער קאָלעגיע.

ברונאָ האָט זיכ געשטעלט פּארנ געריכט שטאָלצ אונ אויסערלעכ רויִק. ער האָט געוואָלט מיט ערע דערפירנ ביזנ סאָפ זײַנ ראָליע.

א שוואַרצער סעקרעטאר האָט לאַנג און מאָנאָטאָן געלייענט די באשולדיקונגען. באשולדיקונגען איז געווען א סאַך, און פאר יעדע פון זיי האָט שוין געקומט א הארבע שטראָף. ווען ער פלעגט דורכ־לייענען א באשולדיקונג, פלעגט דער סעקרעטאר מאַכן א פאוזע, ווי ער וואָלט זיך געריכט, אז ברונאָ וועט געבן וועלכע עס איז א דערקלערונג. אָבער ברונאָ האָט געשוויגן. מאדרוטשי האָט געגעבן א צייכן, דער סעקרעטאר זאָל לייענען ווייַטער. דער סעקרעטאר האָט אָפגעהוסט.

— און דערפאר דעם דערמאָנטן אפיקוירעס דזשאָרדאנאָ ברונאָ פון יאָלע ענדגילטיק אָפשיידן אינגאנצן פון דער קירך און איבערגעבן דער וועלטלעכער מאַכט, צו באשטראָפן אים ווי מעגלעך מילד, ניט פארגיסנדיק קיין בלוט.

דאָס האָט באטייַט: פארברענען, אָבער דאָס וואָרט גופע איז ניט ארויסגעזאָגט געוואָרן.

דער סעקרעטאר האָט געענדיקט לייענען. ער איז אנשוויגן גע־וואָרן און האָט אראָפגעלאָזט דעם קאָפ. מאדרוטשי אליין האָט אויך אראָפגעלאָזט דעם קאָפ.

ברונאָ איז בלאַס געוואָרן. ער האָט פארשטאַנען דעם שרעקלעכן זין פון דער לעצטער פראזע.

ער האָט א קוק געטאָן אפן צאנקנדיקן פלאַם פון די געפלאָכ־טענע באגילדעטע ליכט. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט זיך אָפגעבריט דעם פינגער, ארויסשלעפנדיק פון פייַער דעם מאנוסקריפּט, אפ וועלכן ער האָט דעמלט אזוי געהאָפט און וועלכן ער האָט דאָך אזוי געוואָלט פארניכטן. איצט איז דאָס אלץ פארבייַ, — אלע וואַק־לונגען, אלע ספּייקעס, אלע פארלאַנגען. עס איז געבליבן בלויז פייַער.

און ברונאָ האָט דערפילט:

— איצט, ווען אלץ איז געענדיקט, דארף מען זיך ווי געהעריק געזעגענען מיטן לעבן.

ער האָט צונויפגענומען אלע זייַנע קויכעס, קעדיי זייַן שטים זאָל ניט ציטערן.

— איר זאָגט ארויס דער אורטייל מיט גרעסערער מוירע, ווי איך הער אים אויס, — האָט ער ארויסגערעדט.

ער האָט זיך א קער געטאָן מיטן רוקן צו די ריכטער און איז

אוועק צו דער טיר מיט דרייסטע שריט, אויסדרייענדיק די עכּאָ אונטערן געמאָלענעם שווערן טרפּיט.

אָבער זײַן האַרץ האָט אַרומגענומען אַן אײַז-קעלט.

דאָס איז ניט געווען קיין פּאַכדאָנעס. דאָס איז געווען גראָד די גרעסטע העלדנמוט. זי באַשטייט ניט אין דעם, וואָס דער מענטש האָט ניט מוירע פאַרן טויט, נאָר אין דעם, וואָס דער מענטש האָט מוירע פאַרן טויט און ער האַנדלט אַזוי, ווי ער וואָלט פאַר אים ניט מוירע געהאַט.

די גאַנצע נאַכט האָט דזשאָרדאַנאָ בּרונאָ געציטערט אין אַ שרעקלעכן פיבער, דיגנדיק אַפּ זײַן בעטל, און טרערן האָבן בּאַ אים גערונען פון די אויגן. נאָר ווען עמעצער וואָלט געקומען צו אים און וואָלט ווידער געזאָגט: „ווילסט זיך ראַטעווען פון שרעקלעכן טויט דורך אָפּזאָגן זיך?"—וואָלט בּרונאָ געענטפערט:

— ניין.

XII. „ניט פאַרגיסנדיק קיין בלוט"

אין מיטן פעוורואַל בליִען שוין די פלעצער אין קאַמ־פּאַנ ווי אין פרילינג. אין דער אומגעגנט פון רוים שמעקט שוין מיט די ערשטע בלומען און מיט העלער, נאָך יונגער גרינס.

סיניאָר פולטשי איז שוין געווען זייער אַלט, אָבער ער האָט נאָך מער געשעצט יעדן פרילינג, ווײַל ער איז ניט געווען זיכער, אַז ער וועט דערלעבן בּיזן קומענדיקן פרילינג. ער איז געזעסן אינ־דערפרי באַם שוועל פון זײַן טראַקטיר און געקוקט אַפן ווײַטן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פון ביידע זײַטן, ווי אַ ברייטע סטענגע. יע־דער הויך פון ווינט האָט צו אים געטראָגן פיל רייכעס פון טאָל, און ער, סיניאָר פולטשי פלעגט יעדעס מאָל טיף אײַנאָטעמען די זעלטענע לופט און פלעגט זאָגן שמייכלענדיק: „אַדאַנק, מײַן אייניקל".

דעם ווינטל האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַ שטיפער אַן אייניקל, וואָס לויפט אַרום און ברענגט אים צו טראָגן דאָ אַ פּײַלכל, דאָ אַ ווילדע רויז. עס וואָלט בּעמעס גוט געווען צו האָבן אַזאַ אייניקל.

דאָס טופּען פון א פערד האָט זיך פלוצעם דערהערט אין שטילן פרימאָרגן. עמעצער האָט זיך געטראָגן פון דאָרעם, עמעצער האָט זיך געטראָגן ווי משוגע. אָט קאָן מען שוין זען דעם רײַטער. ער האָט געיאָגט אין קאריער א גראָען פערד, און מע האָט געקאָנט הערן, ווי עס האָט שווער געסאָפּעט דאָס אָנגעטריבענע פערד.

— אָט א משוגע־ווילדער! — האָט א טראכט געטאָן סיני־אָר פולטשי.

באם טראקטיר האָט דער רײַטער מיטאמאָל אָפּגעשטעלט זײַן פערד און א געשריי געטאָן הייזעריק.

— ס'איז ווײַט צו רוים?

דער, וואָס איז געריטן, איז ווײַזט אויס, געווען א מיליטער־מאַן: לאַנגע וואָנצעס, א שטאלטנער אויסזען, א באַפעלערישע הויכע שטים. דאָס פערד האָט געציטערט, באדעקט מיט שוים, קוים שטייענדיק אף זײַנע דינע, געטאָקטע פיס.

— איר זשאַלעוועט דען ניט דאָס פערד? — האָט אויסגעשריִען סיניאָר פולטשי.

— ס'איז ווײַט צו רוים? — האָט דער רײַטער אויסגעשריִען. — ענטפער, אלטער טײַוול!

— נו, אויב איך בין אַן אלטער טײַוול, האָסטו מיט מיר ניט וואָס צו ריידן...

אָבער דער רײַטער האָט צאָרנדיק א מאַך געטאָן מיט דער האנט און אזוי ארײַנגעדרוקט די שפּאָרן אין די שוין פארבלוטיקטע זײַטן פונעם פערד, אז סיניאָר פולטשי האָט אויסגעשריִען פון שרעק.

דאָס פערד האָט זיך א וואָרף געטאָן און ווידער גענומען לויפן פאָרויס, אָבער עס איז ניט אָפּגעלויפן קיין דרײַסיק טריט ווי עס האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז אנידערגעפאלן אף דער ערד. דער רײַטער האָט קוים באוויזן אראָפּצושפּרינגען און בלײַבן שטיין אף די פיס.

— נו, אָט! — האָט פולטשי אויסגעשריִען. — איך האָב דאָס גע־ווּסט. ער האָט געפּטערט דאָס פערד. און וואָס פארא פערד!

דערבײַ האָט ער א טראכט געטאָן, אז דער רײַטער וועט איצט אוואדע וועלן זיך אָפּרוען און צובײַסן, דעמלט וועט ער שוין דארפן דאָפּלט באצאָלן פארן „אלטן טײַוול“. אָבער ווי פארוווּנדערט

האָט זיך סיניאָר פּולטשי, ווען דער מאָדנער רײַזנדער, איבער־צײַגט, אַז דאָס פערד וועט זיך שוין ניט אופהייבן, האָט פלור־צעם גענומען לויפן אין דער ריכטונג צו רוים, אפילע ניט אומ־קוקנדיק זיך אַפ זײַן פערד. אפאָנעם, דאָס איז בעעמעס געווען אָדער א מעטורעפ, אָדער א מענטש, וואָס האָט געהאט אין רוים א צו וויכטיקן איניען...

ריבעלאָ איז אין אָנהייב געלאָפן. נאָכדעם, ווען ער איז מיד געוואָרן, האָט ער שנעל גענומען שפאנען צו די טויערן פון רוים. ער האָט געהאלטן באַם דערשטיקט ווערן פון ניטגעווינטקײַט, אַפ דער שיפ קומט וויינינק אויס צו גיין. אָט איז דער טויער, אָט זײַ־נען די כורוועס פון קאראקאלעס פאלאצ. א סאך מענטשן שלעפן זיך קיין רוים. און באַ אלעמען אפן צונג ליגט דאָס וואָרט „קאמפּאָ די פיאָרע“. קאמפּאָ די פיאָרע איז דער מארק־פלאצ אין רוים. רי־בעלאָ האָט געוווסט דעם נאָמען און געמיינט, אַז די מענטשן, וואָס גייען ארום, זײַנען הענדלער און קויפער, וואָס אײַלן זיך אפן מארק. ער האָט נאָכאמאָל א קוק געטאָן אפן צעטעלע, וואָס אנטאָ־ניאָ האָט אים געגעבן — דעם אדרעס פון איינעם א זיכערן מענטשן, פּאָמפּעאָ וואַרדי, וואָס באוואכט די טפּיסע סאנטא מאריא און האָט שטארק ליב גאָלד. דעמלט האָט ריבעלאָ א טאַפ געטאָן אין פּאס, ווו ער האָט פארנייט די גילדערנע מאטבייעס. אלצ איז אין אָרדע־נונג. אָבער גיין איז געוואָרן שווער איבער דעם, וואָס א סאך מענטשן האָבן זיך געשטופּט, געאײַלט און זײַנען געלאָפן אלע אין איין ריכטונג — צו קאמפּאָ די פיאָרע. „ס'איז גוט צו זײַן אין רוים א מארק־הענדלער, — האָט ריבעלאָ א טראכט געטאָן. — מע קאָן ניט פארפאלן ווערן“.

אין איינער פון די קרומע גאסן, ווו ס'איז געווען וויינינקער אוילעם, האָט זיך ריבעלאָ אָפּגעשטעלט באַ א טויער און גע־פרעגט באַ א פרוי, וואָס האָט מיט קאס געוויגט אַן אויפעלע אַפ די הענט.

— דאָ ווינט פּאָמפּעאָ וואַרדי?

— דאָ. וויין ניט, גוילעם! שטיל ווער!

— און ווו איז זײַן דירע אָדער זײַן צימער?

— ער איז סײַווי ניטאָ אין דער היים.

— ווו איז ער?

— אפ קאמפאָ די פּיאָרע.

— צום טײַוול! וואָס טראָגט דאָס הײַנט אַלעמען אפ קאמפּאָ די פּיאָרע?

— ער איז אוועק, ווײַל ער מוז דאָס טאָן צוליב זײַן דינסט, — האָט געזאָגט די פרוי, שאָקלענדיק דאָס אויפּעלע, — נאָר די אנדערע שינדער זײַנען גלאַט אזוי אוועק... אפאָנעם, זיי טום האנאָע צוצוקוקן, ווי מע פּײַניקט א מענטשן.

— וועלכן מענטשן?

— געוויס, סיניאָר, זײַנען אפּיקאָרסים אויך מענטשן. און מיר דאכט זיך, ס'איז א קנאַפּע סימכע צוצוקוקן, ווי א מענטש ווערט זיך קאָרטשען אפן שײַטערהויפן.

— וואָס פאר א מענטש?

ריבעלאָ האָט נאָך גאָרנישט ניט פארשטאנען, אָבער דאָס בלוט איז פּלוצעם אָפּגעפלאָסן בא אים פון הארצן און שווייס איז ארויסגעטראָטן בא אים אפן שטערן.

— אָט דער — דזשאָרדאנאָ ברונאָ... אים ברענט מען דאָס הײַנט אפ קאמפּאָ די פּיאָרע... וואָס איז מיט אײַך, סיניאָר?

ריבעלאָ האָט זיך צוגעשפּארט צו דער קאַלטער וואנט פון שטוב. די פיס און די הענט זײַנען בא אים פּלוצעם, ווי אָפּגעשוואכט געוואָרן, אין די אויגן איז פינצטער געוואָרן.

— גיך? — האָט ער אויסגערעדט הייזעריק. — דאָס ווערט זײַן באלד?

— יאָ, אלע לויפן שוין.

ריבעלאָ האָט זיך אָפּגעריסן פון וואנט און איז לאנגזאם אוועק.

— „שיקער איז ער, צי וואָס", האָט א טראכט געטאָן די פרוי, און, קוקנדיק אפ די מענטשן, וואָס לויפן פארבײַ געסל אין איין ריכטונג, האָט זי א זאָג געטאָן:

— אָו, בעהיימעס!

דעם עמעס גערעדט, וואָלט זיך איר אליין שטארק געוואָלט א קוק טאָן אפ דער שרעקלעכער סצענע, אָבער זי האָט זיך אונטערגענומען צו ניאנטשען דאָס קינד א רײַכער גרינס־קרעמערקע, און געטרייסט האָט זי זיך נאָר מיט דעם, וואָס די געקעפּטע קורמען שטענדיק לאנג צו כאָלעם נאָכדעם און זיי נעמען אָפּ דעם שלאָף באנאכט.

ריבעלאָ איז געגאנגענ אָנ א צוועק און אָנ א זינ, ניט ווילנדיק איז ער נאָכגעגאנגענ דעמ האמוינ. דער האמוינ איז געוואָרנ ארומ אימ אלצ געדיכטער און צולעצט האָט ער אימ גענומענ טראָגנ אומפארמײַדלעכ און אימ ארויסגעטראָגנ אפ קאמפאָ די פיאָרע. די הײַזער, די לאמטערנעס, די דעכער — אלצ איז געווענ ווי אָנגעפיקעוועט, ווי באשאָטנ מיט מענטשנ, און די מענטשנ האָבנ געהודזעט בײז און גרויזאמ.

אינ מיטנ פלאצ, בא א הויכנ שטײנערנעמ סלופ מיט קײטנ איז געשטאנענ א וואָגנ, און די פורלײַט האָבנ אײַליק אראָפגעוואָרפנ פונ אימ האָלצ. די שײַטלעכ פלעגנ זיכ הילכיק אָנקלאפנ אָנ די שטײנער.

— טרוקענע! — האָט עמעצער אינ האמוינ ארויסגעזאָגט מיט צושטימונג.

ריבעלאָ האָט מיט צאָרנ גענומענ ארויסשטופנ זיכ פונ האמוינ. מע האָט אימ געזידלט, געשטויסנ, אָבער ער האָט אלײנ אזוי שרעקלעכ געשטויסנ אלעמענ, געשטופט, געזידלט זיכ, אז מע האָט אימ דורכגעלאָזנ און ער איז אוועק, אלײנ ניט וויסנדיק וווהינ, אפ עפעס א גאס שוינ אנטקעגנ די מענטשנ, וואָס אײַלנ צו קומענ אפ קאמפאָ די פיאָרע.

ער האָט זיכ אָפגעשטעלט, קעדײ איבערצוכאפנ דעמ אָטעמ, נעבנ דער קלײט פונ א גאָלדשמיד. אפנ שוועל איז געשטאנענ א מענטש און מיט אומעט געקוקט אפ די לויפנדיקע מענטשנ.

— גאָט מײַנער, — האָט ער געמורמלט, און טרערנ האָבנ בא אימ געגלאנצט אפ די אויגנ.

ריבעלאָ האָט פלוצעמ דערפילט אינ אימ א פרײַנט.

— מע פארברענט ברונאָנ, — האָט ער ארויסגעמורמלט.

דער מענטש, — דאָס איז אפאָנעמ געווענ דער גאָלדשמיד אלײנ, — האָט א קוק געטאָנ אפ ריבעלאָנ, און האָט אימ פלוצעמ גענומענ דריקנ די האנט.

— יאָ, יאָ, — האָט ער אויסגעמורמלט.

— איר האָט אימ געקענט?

— יאָ, איכ? אכ! סיניאָר... איכ בינ אמאָל מיט אימ צוזאמענ אנטלאָפנ פונ רוימ... נאָכ ווענ עס איז געווענ פויפסט גרעגאָר דער

דרײַצנטער. מיט יענעם פּויפּסט האָב איך ניט געלעבט בעשאָלעם, האָב איך געמוזט לויפֿן און איצט... דזשאָרדאנאָ... איך בין זײַנגערא לאנדסמאַן. מיר זײַנען בײדע פֿון יאָלע.

— איך בין פּיעטראָ קאמפּאָ.

— איך קען דעם נאָמען.

— וואָס פֿאר אַן אומגליק!

פּלוצעם איז געוואָרן אַן אופֿרעגונג. דער רויש פֿונעם אוילעם איז געוואָרן באַזונדערס שרעקלעך, עס האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען: „מע גייט! מע גייט!"

פּעטראָ קאמפּאָ איז אָפּגעטראָטן אין דער טיף פֿון קלייט.

— איך וויל דאָס ניט זען — האָט ער געמורמלט.

ריבעלאָ האָט דערזען באַם עק גאַס אַ קאָלאָסאַלע פֿײַערדיקע פֿאָן און איז אַרײַן אין קלייט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער. פּיעטראָ האָט פֿאַרהאַקט די טיר. די טיר איז געווען אַ גלעזערנע, און דורך איר האָט מען גוט געקאָנט זען די גאַס. דער רויש פֿונעם האַמוין איז געוואָרן פֿאַרשטיקטער און דעריבער שרעקלעכער.

פּיעטראָ האָט זיך געזעצט אויפֿן בענקל און פֿאַרשטעלט דאָס פּאָנעם מיט דער האַנט.

טרערן האָבן באַ אים גערונען דורך די דינע ציטערדיקע הענט, ווי אַ טײַך.

— דזשאָרדאנאָ, — האָט ער געפּליסטערט, — דזשאָרדאנאָ...

— ער וועט באַלד פֿאַרבײַגײן, — האָט פּיעטראָ געמורמלט, — ער וועט אוואַדע אַ קוק טאָן אַהערצו. איך וועל שטאַרבן. איך וועל פֿון זינען אַראָפּ.

ריבעלאָ איז פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון עפּעס אַ טעמפּן גרויל. אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין קויעך אָפּצורײַסן זײַן בליק פֿון דער ברייטער גלאָז. די מענטשן אויף דער גאַס האָבן זיך אויסגעשטעלט באַ די ווענט, צו מאַכן אַן אָרט פֿאַר דער פּראָצעסיע. אַלעמענס אויגן זײַנען געווען אָנגעשטעלט אויף איין פּונקט. וואָס נעענטער די פּראָצעסיע איז געקומען, אַלץ שטילער איז געוואָרן דער רויש, און די מענטשן זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומבאַוועגלעכע סטאַטועס מיט אויסגעגלאָצטע אויגן: מאַנצבילן, פֿרויען, קינדער.

די וואַנט פֿון קעגנִבערדיקן הויז איז פּלוצעם באַלויכטן גע-

וואָרן מיט א בלוטיקן שייַן. אזא שייַן האָט זיך אויך פארשפרייט איבער פיעטראָס קלייט. א קאָלאָסאלע פורפור־פאַן האָט זיך באוויזן הינטערן פענצטער. פון אָט דער פאַן איז דאָס געפאלן ארום אזא אָפגלאַנץ. די פאַן האָט מען געטראָגן אפ דער פראָצעסיע פאָרויס. די פאַן, געטראָגן פון א פאָנענטרעגער, איז לאנגזאם פארבײַ, און עס האָט זיך באוויזן א האמוין גאלאָכים אין זייער גאנצער יאָנ־טעוודיקער קליידונג. א סאך גאלאָכים! און אלע האָבן זיי געהאט אלע איינע געגאָלטע שטרענגע פּענעמער. אָט זײַנען דורך די גאלאָ־כים, און עס האָט זיך באוויזן אן איינזאמע מאָדנע פיגור, א מענטש אין א געלן באלאכאָן, באדעקט מיט בילדער פון שיידים. אפן קאָפּ האָט דער מענטש געהאט א שפּיציקן פאפירענעם קאפּטור, און אפן סאמע שפּיץ פונעם קאפּטור איז געווען א פיגור פון א קליין מענ־טשעלע, ארומגענומענע מיט פלאמען. דער מעשונעדיקער מארשאלעק איז געגאנגען לאנגזאם, ווי אין כאָלעם, און האָט ניט געקוקט אָן א זײַט.

— ברונאָ! — האָט אויסגעשרי׳ען ריבעלאָ. — דאָס איז דאָך ברונאָ!

ער האָט זיך א וואָרף געטאָן צו דער טיר, האָט זיך א כאפּ געטאָן פארן גריף פון שווערד, אָבער ער איז ווידער אָפּגעטראָטן און האָט מיט פארצווייפלונג א טופּע געטאָן מיט דער פוס. פארבײַ דעם פענצטער האָבן זיך איצט געצויגן רייען פון קארדינאלן און אינקווי־זיטערס. פאָרויס זײַנען געגאנגען מאָדרוטשי און סאן סעווערינאָ אין פראכטפולע רויטע קליידונג און אין רויטע היטעלעך. נאָכ־דעם האָבן געפינקלט ריַיטער און פוסגייער-וואכ. זיי האָבן אײַנגע־האלטן דעם האמוין, וואָס האָט געשפּאַרט פון אלע זײַטן.

ריבעלאָן האָט פּלוצעם גענומען שטיקן. אים איז געוואָרן שרעק־לעך ניט אויסצוהאלטן אין דער פארפּלוכטער שטאָט, ער האָט אופגע־פּראלט די טיר, איז ארויסגעשפּרונגען. אפן גאס און גענומען לויפן ווידער אנטקעגן דעם מענטשן-שטראָם, פאנאנדערשטופּנדיק די מענטשן, וועלכע ער האָט אין דעם מאָמענט געהאסט. ער איז געווען גרייט צו שפּײַען אין די אויסגעגלאָצטע בלוטגיריקע אויגן, ער איז גע־ווען גרייט אראָפּצודרייען אָט די אויסגעצויגענע העלדזער. פארשטיקט האָט א קלאפּ געטאָן הינטער אים דער טרויער-גלאָק. אים האָט אָפּ־געענטפערט א צווייטער גלאָק, א דריטער, אלע גלעקער פון רוים

האָבן איצט געהודזעט. די פּראָצעסיע איז צוגעקומען צום אָרט פון דער קעפונג. ריבעלאָ איז געלאָפן צווישן דעם שיטער ווערנדיקן האמוין, דער טרויעריקער גלאָקן־קלאנג האָט אים אזוי ווי אונטערגעטריבן.

דאָס לעבן האָט אָפּגעציילט ברונאָן זײַנע לעצטע מינוטן.

די גאס איז וויסט געוואָרן. ריבעלאָ האָט דערזען עפּעס א טויער, וואָס פירט אוועק פון שטאָט. ער האָט זיך א לאָז געטאָן גיין מיטן וועג, אָבער ווי ער איז ניט געלאָפן, זײַנען די קלאנגען פון די גלעקער אלץ געפאלן אים אפן הארצן, ווײַט אָפּהילכנדיק אין דער שטילקײַט פונעם פרילינג-טאָג.

דער וועג איז געגאנגען בארג ארופ. לויפן איז געווען שווער. ריבעלאָן האָט גענומען שטיקן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. א סעקונדע האָט ער זיך א וואקל געטאָן און זיך ארומגעקוקט.

ער האָט א קוק געטאָן און איז פארגליווערט געוואָרן אפן אָרט, ווײַל זײַנע פיס זײַנען פּלוצעם שווער געוואָרן און דאָס הארץ איז ווי פארשטאָרבן געוואָרן אין דער ברוסט.

א גוואלדיק שווארצער זײַל רויך איז זיך לאנגזאם געוואקסן און האָט זיך אופגעהויבן איבער רוים. מיט יעדן קלונג פון גלאָק איז דער זײַל געוואקסן אלץ העכער און העכער. אָט איז ער שוין אריבערגעשטיגן דעם קאָלאָס פון הייליקן פּעטרוס און איצט האָט ער אליין געהערשט איבער רוים, טיילנדיק אפ העלפט דעם בלויען הימל, און אונטן, באם פונדאמענט פון צוג, פלעגן צײַטנווײַז דורכלויפן און פארשווינדן די איליוזאָרישע רויטע אָפּגלאנצן.

— איז עס ניט א סרייפע אין רוים? — האָט ריבעלאָ דערהערט בא זיך איבערן אויער. — וואָס איז דאָס פאר א רויך איבער רוים?

ריבעלאָ האָט קוים א קער געטאָן זײַן קאָפּ. ווי פון שלאָף האָט ער דערזען פאר זיך א מאָגערן, אויסגעדארטן מאָנאך אין א שווארצווײַסן קלויסטער־מאנטל. א שווארצער קאפּטור האָט אפ העלפט פארדעקט דעם מאָנאכס פּאָנעם. ער האָט זיך אָנגעשפּארט אפן וואנדערשטעקן, אפּאָנעם, פארמאטערט פון לאנגן וועג.

— דאָרטן פארברענט מען דזשאָרדאנאָ ברונאָ! — האָט ריבעלאָ געזאָגט מאשינאל.

דער מאָנאַך האָט אופגעציטערט אזוי, אז דער קאַפּטור איז בא אים אראָפּגעקראָכן פון קאָפּ.

— דזשאָרדאַנאָ ברונאָ! — האָט ער אויסגעשריִען און אויסגע־שפרייט די הענט צום הימל. — דזשאָרדאַנאָ ברונאָ!

ריבעלאָ האָט פּלוצעם דערקענט דעם מאָנאַך אַווגוסטינ. ער איז אַלט געוואָרן, געוואָרן שרעקלעך, אומזיניק.

אַווגוסטינ איז אַנידערגעפאַלן אַף די קני, אינ שטויב פון וועג, ווי די פיס וואָלטן זיך בא אים אונטערגעבויגן.

— איך דאַנק דיך, גאָט! — האָט ער אויסגעשריִען, אויס־שפרייטנדיק צום הימל זײַנע מאָגערע לאַנגע הענט. — איך דאַנק דיך, וואָס דו האָסט פארנומען מײַן געבעט און דו שטראָפסט דעם ראָשע מיט דײַן הייליקער שטראָף... געלויבט ביסטו גאָט, גע־לויבט ביסטו!

דער גאַנצער צאָרן, וואָס ריבעלאָ האָט אינ דעם שרעקלעכן פרימאָרגן צונויפגענומען אינ זײַן הארצן, איז פּלוצעם אויסגעבראָכן, און קיין זאַך האָט אים שוין ניט געקאָנט אײַנהאַלטן. ריבעלאָ האָט ארויסגעכאפּט דעם שווערד און האָט אים ארײַנגערוקט ביזן גריף אינ הארצן פון דעם מאָנאַך, וואָס איז געלעגן אַף די קני, און ווען ער האָט ארויסגעריסן דעם שווערד, איז דאָס בלוט געררונען ווי א ברייטער שטראָם איבערן קלויסטער־מאַנטל. אַווגוסטינ איז אַנידערגע־פאַלן, ניט ארויסלאָזנדיק קיין זיפץ, ניט האָבנדיק באוויזן אראָפּצו־לאָזן די אויסגעשפרייטע הענט. און ריבעלאָ האָט גענומען לויפן, פאָכנדיק מיטן שווערד און באשפריצנדיק מיט בלוט די ווײַסע בלי־מעלעך באַם וועג...

ווען ער האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט און האָט זיך אָנ־געכאפּט פארן הארצן, האָט ער זיך ווידער אומגעקוקט אַף רוים. דער שווארצער זײַל איז שוין ניט געווען איבער דער שטאָט.

נאָר א לײַכטער פינצטערער וואָלקן איז שטיל געגאַנגען איבערן הימל־לאזור.

די גלעקער זײַנען אַנשוויגן געוואָרן.

ריבעלאָ האָט ווידער גענומען לויפן און זיך אומגעקוקט.

דער גאַנצער הימל איז געווען לויטער און בלוי. רוים איז פארשווונדן הינטערן בערגל. איצט איז ארום געווען נאָר פריילינג. ריבעלאָ האָט געוואָלט אָנהייבן וויינען, אָבער דער פרילינג־ווינטל

האָט געצערטלט זײַנע לאָקנ און האָט ניט געלאָזט טרויערנ װי גע־
העריק.

ריבעלאָ האָט אָפּגעזיפצט. ער האָט ארײַנגעפּײגט זײַנ שװערד
אינ שייד. ער האָט זיכ געזעצט אפּ אנ אלטנ שטײנ באמ װעג און
גענומענ טראכטנ װעגנ זײַנ פרײַנט.

אינהאלט

ערשטער טייל		**זייט**
.I	„אלבאטראָס" אונ דער פודל	5
.II	לעקאָוועד גאָט	17
.III	דער מאָנאכ אונ דער פודל	25
.IV	דער ניטגעבעטענער אויסלייזער	34
.V	דער מאכשייפעס איינפאל	39
.VI	סאנטא מאריא סאָפרא מינערווא	47
.VII	„א גליקלעכע רייזע!"	56
.VIII	א שלעכטער קא-ויל	68
צווייטער טייל		
.I	ער איז דער סייכל	77
.II	די הימלישע מעכאניק	88
.III	אלטע פריינט	95
.IV	זייענ מאיעסטעט דער סאמע קריסטלעכסטער קיניג היינריכ דער דריטער פונ פראנקרייכ	103
.V	דער געלערנטער פונ אלטנ בריק	110
.VI	דאָס שווארצע היטעלע	120
.VII	קאָוועד	126
דריטער טייל		
.I	סיניאָר מאָטשעניגאָ	139
.II	הייליקע בעצנ	148
.III	„געווידמעט זייענ הייליקייט"	151
.IV	א פילאָסאָפ מיט א גוטנ אפעטיט	157
.V	זיי דערשמעקנ רויב	161
.VI	א שלעכטער לערער	164
.VII	די זונ	168
.VIII	דער פרעסטיזש פונ רוימ	175
.IX	ווידער אינ וועג	179
.X	„אלבאטראָס" לעבט, דער פודל איז טויט	185
.XI	פערציק טעג	189
.XII	„ניט פארגיסנדיק קיינ בלוט"	194

Редактор Стрелец. Тех. ред. И. Тененбаум. Корректор Гутермахер. Сдано в производство 22/II—34 г. Подписано к печати 7/IV—34. Формат бумаги 82x100 $^{1}/_{32}$ $12^{3}/_{4}$ п. л. 72000 зн. в п. л. Уп. Главлита В — 76326. Тираж 4000

Тип. изд-ва. „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. 212